בס"ד

# יארצייטן פון צדיקים

## שבת פרשת נצבים וילך תשפ"ו

**פון י"ז אלול - ביז כ"ג אלול**

לעילו נשמת אבי מורי הרה"ח רבי משה אפרים
ב"ר ארי' ע"ה - כ"ד טבת תשע"א

ולעילו נשמת אמי מורתי שפרה יענטא בת הרה"ח
ר' משה יהודה ע"ה - ו' אדר תשפ"ה

**צו באקומען די יארצייטן יעדן טאג,**
**ביטע שיקט א מעסעדזש מיט אייער אימעיל צו דעם נומער 9119-907 (646)**

## זונטאג – י"ז אלול

הגה"ק רבי יעקב קאפיל ב"ר אברהם יחזקאל זי"ע, (רייך), **אב"ד בודאפעסט.**

## מאנטאג – י"ח אלול

הגה"ק שר התורה מופת הדור רבינו יהודה ב"ר בצלאל זי"ע, (ליוואי), **הנקרא מהר"ל מפראג.**

## דינסטאג – י"ט אלול

הרה"ק רבי משולם שרגא פייבוש ב"ר נפתלי הירץ זי"ע, (האלפרין),

**בעל שפת אמת, מברעזאן.**

## מיטוואך – כ' אלול

הרה"ק רבינו משה ארי' ב"ר ישראל זי"ע, (פריינד), **בעל עטרת יהושע,**

**גאב"ד ירושלים ועדה החרדית.**

## דאנערשטאג – כ"א אלול

הגה"ק רשכבה"ג רבינו יהונתן ב"ר נתן נטע זי"ע, (אייבשיץ), **בעל יערות דבש, מפראג.**

## פרייטאג – כ"ב אלול

הרה"ק רבי מרדכי דוב ב"ר משולם זושא יצחק זי"ע, (טווערסקי), **בעל עמק חכמה, מהורנסטייפל.**

## שבת קודש – כ"ג אלול

הרה"ק רבי אורי ב"ר פנחס זי"ע, (קלוגהויפט), **בעל אמרי קדוש, מסטרעליסק.**

**" הנקרא השרף מסטרעליסק"**

לזכות להצלחה

חיים אליעזר בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

שמואל בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

צבי בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

מאיר ברוך בן שרה בריינדל ליבא וכל משפחתו.

לעילו נשמת אבי מורי הרה"ח ר' משה אפרים ב"ר ארי' ע"ה. - כ"ד טבת תשע"א.

לעילו נשמת אמי מורתי שפרה יענטא בת הרה"ח ר' משה יהודה ע"ה. - ו' אדר תשפ"ה.

**יארצייט י"ז אלול**

**הגה"ק רבי יעקב קאפיל ב"ר אברהם יחזקאל זי"ע**
**(רייך), אב"ד בודאפעסט**

ער איז געבוירן אין שטאט ווערבוי נייטרא, **בשנת תקצ"ח**.

צו זיין טאטע הגה"ק **רבי אברהם יחזקאל רייך אב"ד באנוביץ** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי יעקב קאפיל חריף מאלטנקונשטט בעל חידושי יעב"ץ אב"ד ווערבוי** זי"ע, (א תלמיד פונעם **הייליגען נודע ביהודה** זי"ע, און דער גאון האט געטראגן דעם הייליגען נאמען פון דעם זיידע),
בן הגה"ק **רבי צבי הירש מאלטנקונשטט** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי שמואל זאנוויל מאלטנקונשטט** זי"ע,
ולמעלה בקודש ביזן שר הגדול הגה"ק **דן יצחק אברבנאל בעל זבח פסח** זי"ע.

ער איז געווען א גאון מופלג בתורה, און א גאר גרויסער חכם, א נועם בחסד עליון, און א געוואלדיגע ענוותן, ער איז געווען מפורסם אלס א מגיד מישרים נפלא און א געוואליגע בעל דרשן, א אוהב שלום ורודף שלום, ער האט זיין גאנץ לעבן עוסק געווען בצרכי ציבור מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, ער איז געווען א גרויסער עושר און א מקורב למלכות, וואס מיט דעם האט ער גאר אסאך געטון לטובת אחינו בני ישראל.

מען דערציילט, אז אפילו זייענדיג א גרויסע בעל דרשן און א געוואלדיגע גאון בתורה, האט ער יעדעס מאל וואס ער האט געברויכט זאגן א דרשה אדער דברי תורה, זיך געגרייט און פאר געקוקט, איינמאל ביי א מסיבה ווען מען האט אים מכבד געווען מיט א דרשה, האט איינע פון די אידן דארט געזען, ווי דער רב דרייט זיך ארום ביי זיך אין זיין פריוואטע שטוב, און זאגט איבער די דרשה פאר זיך אליין.

פרעגט אים דער איד, דער רב האט דאך שוין געזאגט אזויפיל דרשות און דברי תורה, פארוואס טראכט דער רב אז ער ברויך זיך צו גרייטן פארן דרשה, האט אים דער רב געזאגט א מוראדיגע ווארט, **אויף וואס איך דארף זאגן, אויף דעם ברויך איך מיך טאקע נישט גרייטן, אבער איך גרייט מיך אויף וואס איך זאל נישט זאגן**.

גאנץ אנפאנג האט ער געלערנט תורה ביי זיין הייליגען טאטן וואס איז געווען מפורסם אלס א גאון וגדול בתורה, שפעטער איז ער אריבער לערנען אין די ישיבה פון הגה"ק **רבי אברהם שמואל בנימין סופר בעל כתב סופר** זי"ע, און די רבי האט דעם תלמיד רבי קאפיל געהאלטן פאר זיין תלמיד מובהק.

און שפעטער האט אים זיין רבי מסמיך געווען להוראה, און אויך האט אים זיין רבי גענומען אלס מלמיד פאר זיין זון דער גאון הגה"ק **רבי שמחה בונם בעל שבט סופר** זי"ע.

ער האט זוכה געווען צו זיין אין די חבורה פון די פונעף תלמידים מצטיינים פון דעם ישיבה אין פרעשבורג, וואס זיין הייליגער רבי דער כתב סופר זי"ע האט געשיקט דעם תלמיד איינמאל מיט א משלחת **צום הייליגען דברי חיים מצאנז** זי"ע.

ער האט חתונה געהאט בזיווג ראשון מיט **הרבנית הצדקת מרת רבקה** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי ישראל הרואה אב"ד סובוטיסט** זי"ע, מגדולי **תלמידי חתם סופר** זי"ע.

ליידער ווען זיין רעבעצין איז נפטר געווארן, האט ער חתונה געהאט מיטן שוועסטער **הרבנית הצדקת מרת פייגא** ע"ה.

בערך בשנת תר"כ ווען זיין שווער איז נסתלק געווארן, האט דער איידעם רבי קאפיל איבער גענומען דאס רבנות אין שטאט **סובוטיסט**, ער האט דעם שטאט איבער געדרייט אלס א עיר ואם בישראל בתורה און בצדקה וחסד, ער האט עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, אבער מיט דעם אלעם האט ער גאר אסאך צייט אוועק געגעבן פאר די צרכים פונעם שטאט און געווען דער בריח התיחון פון די גאנצע שטאט.

בערך בשנת תרל"א איז ער אריבער צום שטאט **ווערבוי** און געווארן רב אין שטאט אויפן פלאץ ווי זיין זיידע הגה"ק **רבי יעקב בעל חידושי**

**יעב"ץ הנודע בשם ר' קאפיל חריף** זי"ע האט געדינט אלס רב יארן בעפאר, **דארט איז ער געווען רב פאר בערך 18 יאר**.

בשנת תרמ"ט האבן די אידן פון די קהלה החרדית אין **בודאפעסט** אים אויף געגומען אלס רב פון שטאט, און דארט איז ער באוויסט געווארן בכל קצוי תבל מיט זיין געוואלדיגע גדלות בתורה, אין אפילו די גוים פון שטאט האבן געוויסט פון זיין געוואלדיגע גדלות בתורה און צדקה וחסד און זיין געוואלדיגע חכמה.

דאן איז ער אויך געווארן אויף גענומען אין די **סענאט פון מלכות הונגריה**, און ער איז געווארן דער יועץ ביים מלך **פראנץ יאזעפף**, און דורך דעם האט ער געטון גאר אסאך טובות פאר אידישע קינדער, אויך האט ער דארט אין שטאט אויף געשטעלט א בית מושב זקנים פאר די עלטערע אידן פון שטאט.

ער איז געווען א בעל דרשן נפלא און מפורסם אלס א פה מפיק מרגליות, ובפרט האט ער געהאט א מנהג, אז יעדעס יאר ז' אדר, האט ער געהאלטן א גרויסע דרשה פאר די שטאט מענטשן, וואס די גאנצע שטאט איז דאן געקומען הערן דעם דרשה, די דרשה איז צו געגאנגען מיט א געוואלדיגע התעוררות און מיט בכיות, דאן האט ער מעורר געווען בענינים העומדים על הפרק, ער האט דאן מעורר געווען די אידן פון שטאט, אז מען זאל געבן צדקה און טון חסד מיט די וואס ברויכן ליידער צו קומען צו אנדערע, אויך האט ער דאן מספיד געווען די תלמידי חכמים אדער גאונים וואס זענען נפטר געווארן יענעם יאר.

מען דערציילט, אז דעם 40'טע יאר וואס ער איז געווען רב אין שטאט בודאפעסט, האבן די אידן פון שטאט געברענגט א מתנה פאר זייער רב, **א גאלדענע בעכער** וואס מען האט אריין געלייגט דארט זילבערנע מטבעות, אבער דער רב האט בשום אופן נישט געוואלט נעמען דעם מתנה, און דאס מסביר געווען בדרך חכמה.

דער תפקיד פון א רב בישראל, איז צו זאגן מוסר און הדרכה פאר די אידן פון זיין שטאט, און אזוי ווי א שופר איז אויך געמאכט צו מעורר זיין אידישע קינדער צו תשובה, און די הלכה ביי א שופר איז, אז אויב איז דאס באדעקט מיט זילבער און נישט ממש ריין אזוי ווי עס קומט פון די בהמה, איז דאס נישט כשר, דאס זעלבע איז מיט א רב, אז אויב באקומט ער מטבעות און מתנות פון די אידן פון שטאט, קען ער שוין נישט זאגן קיין מוסר פאר די אידן.

ער איז אין זיינע צייטן געווען פון די גרעסטע רבנים און מנהיגים פון די אידישע קהילות אין הונגריה, ער איז געווען דער רב פאר בערך 40 יאר אין בודאפעסט און געדאווענט **אינעם גרויסן שוהל אויף די קזינצי גאס**, אלע אידן פון שטאט האבן דעם רב גאר שטארק מכבד געווען, ער איז געווען באוויסט אלס א גאר קלוגע מענטש וואס האט געהאט א שכל הישר אויף אלעם אפילו בעניני גשמיות און וועלטליכע ענינים.

מען דערציילט, אז איינמאל איז דער הייליגער צאנזער רב זי"ע געקומען קיין בודאפעסט זיך צו היילן די ווייעדיגע פיס ביים גרויסן דאקטאר פון שטאט, און דער רב רבי קאפיל האט באגלייט דעם הייליגן דברי חיים צום דאקטאר, און אנקומענדיג צום דאקטאר האט רבי קאפיל מסביר געווען פארן דאקטאר וואסערע הייליגע איד דער דברי חיים איז.

אינמיטן דעם אפעראציע האט דער הייליגער דברי חיים פלוצלונג געשריגען בזה"ל, "**לית מחשבה תפיסא בך**", און דער רבי קאפיל האט זיך געשעמט פונעם דאקטאר, אז דא זאגט ער פארן דאקטאר וואסערע הייליגער איד דער דברי חיים איז, אז ער שפירט ממש נישט זיינע ווייטאג, און דא שרייט דער צדיק די ווערטער.

האט דער דאקטאר געזאגט פאר רבי קאפיל אין דייטשן שפראך, **דער איד איז קיין מענטש נישט, נאר א מלאך, ווייל א מענטש קען נישט לעבן מיט אזאנע קראנקע פיס**.

ער האט איבער געלאזט א דור קינדער אין איידעמער רבנים און גאונים.

הגה"ק **רבי ישראל רייך בעל מנחת ישראל אב"ד אטורקעז** זי"ע,

הגה"ק **רבי חיים צבי רייך אב"ד בנובאק** זי"ע,

הגה"ק **רבי שמואל רייך הדרשן המפואר בווערבוי** זי"ע,

הגה"ק **רבי משה רייך אב"ד מידיעש** זי"ע,
חתנו הגה"ק **רבי מרדכי אפרים זוסמאן סופר בעל עטרת פז אב"ד בודאפעסט** זי"ע ממלא מקום פונעם שווער,
חתנו הגה"ק **רבי זאב ליכטענשטיין אב"ד באורמעני** זי"ע,
חתנו הרה"ק **רבי ישראל אב"ד סאבאטיטש** זי"ע.

מען דערציילט, אז די אידן אין שטאט בודאפעסט, וואס זענען געווען גאר שטארק צו געבינדן צו זייער באליבטן רב, האט מען יעדעס יאר מסיים געווען גאנץ ש"ס און געמאכט א גרויסע יארצייט סעודה אינעם טאג פונעם יארצייט, אויך פלעגט זיך באטייליגען זיין אייניקל **הר"ר יחזקאל רייך דאקטאר** ז"ל וואס איז געווען דער מנהל פון דעם בית החולים אין שטאט סאטמאר, און ער פלעגט משמש זיין אלס דאקטאר פאר אלע רבנים און צדיקים אן נעמען קיין געלט, אויך האט ער זוכה געווען צו זיין די דאקטאר פון הרה"ק **רבינו יואל מסאטמאר** זי"ע.

ער האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע שיבה טובה זיי**ענדיג 93 יאר אלט**, אין ביי די פטירה איז ער געווען פון די זקני הדור, מען דערציילט, אז הארט בעפאר די הסתלקות האט ער געבעטן **א גלעזל מילך און געמאכט א ברכה שהכל נהיה בדברו, און יצאה נשמתו בטהרה.**

נסתלק לגנזי מרומים **י"ז אלול בשנת תרפ"ט**, ומנוחתו כבוד איז אין **ביה"ח הישן** אין שטאט **בודאפעסט.**

די ציון פון הרה"ק רבי קאפיל רייך זי"ע איז געווען א מקום ווי טויזנטער אידן זענען געקומען די גאנצע יאר ובפרט ביים יארצייט, און אידן האבן געזען ישועות ביי דעם ציון.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**אינעם ספר זכרון למשה ווערט דערציילט**, אז ווען דער גרויסער גאון רבי יעקב קאפיל רייך זי"ע איז ערוויילט געווארן אלס מיטגליד אינעם הויכן הויז פון אונגארישן פארלאמענט, איז געווען דער מנהג, אז יעדער נייער סענאטאר מוז שווערן טרייהייט פארן קעניג און לאנד לויט די געזעצן, און אלע האבן דאס געטון מיט אן אויסגעשטרעקטער האנט אנטקעגן דעם קריסטלעכן צלם וואס איז געווען אויפגעהאנגען אינעם זאל.

דער גאון רבי קאפיל רייך זי"ע האט קלאר געמאלדן פאר די רעגירונגס-לייט, אז **ער וועט קיין שום שבועה נישט אפגעבן אויף אזא אופן, און ער וועט נישט טרעטן איבער די שוועל פונעם זאל אויב מען נעמט נישט אראפ די עבודה זרה**, די רעגירונג האט אזוי שטארק רעספעקטירט דעם רב, אז צום ערשטן מאל אין דער היסטאריע האט מען ספעציעל באדעקט און אראפגענומען דעם צלם פאר זיין איינשווערונג, **און ער האט געשוואוירן אויף אן עכטן ספר תורה וואס מען האט געברענגט אין סענאט-זאל.**

• • •

**אינעם קובץ עלי זכרון ווערט דערציילט**, אז דער קייסער פראנץ יאזעף האט געהאט אן אויסערגעווענליכן כבוד צום גאון רבי יעקב קאפיל רייך זי"ע, און פלעגט זיך אפט באראטן מיט אים איבער ענינים פון דער אידישער קהילה, אמאל ביי א קבלת פנים האט א פאליטיקער געפרעגט דעם רב, **וויאזוי ער קען זיין אזוי געטריי פאר א קריסטלעכער מלוכה ווען ער איז דאך אזא פרומער און שטרענגער איד.**

האט דער גאון רבי קאפיל געענטפערט מיט חכמה, "**אונזערע חכמים האבן אונז געלערנט, 'דינא דמלכותא דינא', און 'הוי מתפלל בשלומה של מלכות', דער וואס איז באמת ערליך און געטריי צום אייבערשטן און צו זיין תורה, דער איז דער סאמע געטרייסטער בירגער פארן קעניג, ווייל זיין טרייהייט קומט נישט פון פאליטיק, נאר פון א הייליגן געבאט**", דער ענטפער האט געמאכט א גרויסע קידוש השם און דער קעניג האט דאס זייער באוואונדערט.

• • •

**עס ווערט דערציילט**, אז א גביר אין בודאפעסט האט אמאל געליידענט דעם רב רבי קאפיל רייך זי"ע צו א סעודה לכבוד א שמחה, און עס זענען דארט געזעסן פארשידענע מענטשן, אויך אזעלכע וואס האבן נישט געהאלטן שבת

כראוי אבער האבן געוואלט ווייזן אז זיי זענען אויך למדנים, איינער פון זיי האט געוואלט פארהערן דעם רב און האט געפרעגט א הויכע שאלה אין הלכה מיט גרויס חכמה און פאמפע.

דער גאון רבי קאפיל רייך זי"ע האט אים אנגעקוקט מיט זיין איידעלע בליק, און אים געזאגט, "**דיין שאלה איז טאקע שיין און שארף, אבער דער חילוק צווישן לערנען תורה אלס חכמה, און לערנען תורה אלס תורת חיים איז, אז תורה דארף מען לערנען כדי צו וויסן וויאזוי זיך צו פירן אין לעבן, אויב די שאלה בלייבט נאר אין מויל ביים טיש און קומט נישט אראפ אין די מעשים אינעם טאג-טעגליכן לעבן, איז עס נישט מער ווי שיינע רייד**", דער מענטש האט זיך געשעמט און האט איינגעזען זיין גרייז און געזעהן די גרויסע חכמה און קדושה פון דעם רב.

• • •

**אין תולדות אנשי שם ווערט דערציילט**, אז אין יענע יארן איז געווען זייער שווער אויפצוהאלטן אן עכטע ריינע כשרות אין א גרויסער מאדערנער שטאט ווי בודאפעסט, איינמאל האט איינער פון די גרויסע פלייש-הענדלער, וואס איז געווען א מענטש מיט אסאך איינפלוס און געלט, פרובירט אריינצוברענגען פלייש וואס איז געווען א ספק אין דער שחיטה, און געוואלט באאיינפלוסן די משגיחים דאס דורכצולאזן.

ווען די זאך איז אנגעקומען צום רב דער גאון רבי קאפיל רייך זי"ע, האט מען אים געווארענט **אז דער סוחר קען מאכן גרויסע פראבלעמען פאר דער קהילה און פאר די רבנים אויב מען וועט זיך נישט צושטעלן צו אים**, אבער דער רב רבי קאפיל האט געענטפערט אן קיין מורא, "**איך בין נישט געשטעלט געווארן דא צו געפעלן פאר גבירים, נאר צו שטיין אויף דער וואך אז קיין שום איד זאל נישט נכשל ווערן מיט נבלות וטרפות, און כל זמן איך זיץ אויפן דעם רבנות-שטול, וועט קיין שום פשרה אין כשרות נישט געמאכט ווערן אפילו מען זאל אלעס פארלירן**", און ער האט מיט א מסירת נפש גלייך אפגעשטעלט דעם סוחר און געראטעוועט די כשרות אין שטאט.

• • •

**אין די יארן ווען דער גאון רבי קאפיל רייך זי"ע האט געדינט אלס רב אין שטאט בודאפעסט**, האט די אונגארישע רעגירונג געוואלט איינפירן א שווערע גזירה, **אז יעדע מענטש וואס שטארבט אין שפיטאל מוז מען צושניידן דעם קערפער פאר מעדיצינישע פארשונגען, אן קיין אויסנאם, און דאס איז געווען א שרעקליכע ניוול המת און א חילול כבוד הנפטר**, די אידן פון שטאט זענען געווען שטארק צובראכן פון די גזירה און נישט געוויסט וואס זיי זאלן טון, זענען זיי געקומען צום רב דער גאון רבי קאפיל רייך זי"ע, און זיי האבן דערציילט פארן רב די גזירה וואס די שטאט וויל איינפירן.

דער גאון רבי קאפיל רייך זי"ע איז אליינס אריבער געגאנגען צום מיניסטעריום פון אינערן, און געפאדערט אפצושטעלן די גזירה פאר אידן, ווען די הויכע באאמטע האבן געזאגט, אז דאס איז א מלוכה-געזעץ און מען קען נישט מאכן קיין אויסנאמען, האט רבי קאפיל אויסגעשריגן מיט טרערן און מסירת נפש, "**איר קענט מיך איינשפארן אין תפיסה אדער טון מיט מיר וואס איר ווילט, אבער מיר וועלן זיך לאזן הרג'ענען און נישט צולאזן אז מען זאל מבזה זיין די קערפערס פון אונזערע נפטרים**", זיין ברענענדיגע פעסטקייט און מוט האבן אזוי שטארק געווירקט אויף די מיניסטארן, אז זיי האבן אונטערגעשריבן א ספעציעלע הנחה פאר דער ארטאדאקסישער קהילה צו באפרייען אידישע נפטרים פון ניתוחי מתים.

• • •

**אין די צייטן ווען דער גאון רבי קאפיל רייך זי"ע איז געווען רב אין שטאט בודאפעסט**, האבן די בילדונגס-מיניסטעריום אין בודאפעסט ארויסגעגעבן א באפעל, אז אלע תלמודי תורה און ישיבות מוזן אריינגעמען לימודי חול מיט פרייע לערערס אונטער דער אויפזיכט פון דער מלוכה, און ווער נישט, וועט מען פארשפארן די מוסדות און ארעסטירן די הנהלה, טייל קהילות האבן געוואלט נאכגעבן צוליב מורא.

אבער דער גאון רבי קאפיל רייך זי"ע האט זיך געשטעלט ווי א מויער, ער האט צוזאמגערופן די ראשי הקהילה און געזאגט, "**אויף דעם האבן אונזערע עלטערן אוועקגעגעבן דאס לעבן, און אפילו מען וועט מיך צונעמען דאס רבנות און אריינווארפן אין קייטן, וועט קיין שום פרעמדע השפעה נישט אריינטרעטן אין אונזערע חדרים**",

ער האט פאררופן תעניתים און אליינס איבערגענומען די פאראנטווארטליכקייט פאר דער רעגירונג, ביז די באאמטע האבן נאכגעלאזט און אפגעטראטן פונעם פלאן.

• • •

**אין די צייטן ווען דער גאון רבי קאפיל רייך זי"ע האט געדינט אלס רב אין בודאפעסט**, האבן די נעאלאגישע פארשטייערס ליידער געהאט א גרויסע כח אין דער רעגירונג און האבן פרובירט כסדר אונטערצודריקן די ארטאדאקסישע קאנצליי. איינמאל האט מען געברענגט א פלאן צום פארלאמענט, צו צווינגען אלע שולן צו האבן איין געמיינזאמע רעגירונגס-קאמיטע וואס וואלט געגעבן שליטה פאר די פרייע איבער די מקוואות און כשרות.

דער גאון וקדוש רבי קאפיל רייך זי"ע איז אויפגעשטאנען אין סענאט פאר אלע הויכע השרים, און אן קיין שום שרעק פון די מיניסטארן וואס האבן געוואלט דעם געזעץ, און מיט א מסירת נפש געהאלטן א פייערדיגע דרשה און געזאגט, "**די ארטאדאקסישע אידן וועלן גיסן זייער בלוט און פארלאזן דאס לאנד, אבער זיי וועלן נישט פארקויפן די הייליגע תורה פאר קיין שום פאליטישע געמיינשאפט**", די שרים האבן געזען זיין אומבייגזאמע מסירת נפש פאר הלכה, און דער געזעץ איז אינגאנצן בטל געווארן.

• • •

**דער גאון רבי קאפיל רייך זי"ע**, טראץ זיין גרויסער פארנומענקייט מיט מלוכה-ענינים און כלל-ישראל פראבלעמען, איז זיין שטוב אין בודאפעסט געווען אפן טאג און נאכט פאר יעדן צובראכענעם איד, מען פלעגט זעהן ווי פשוט'ע ארעמעלייט, אלמנות און יתומים קומען זיך אויסרעדן דאס הארץ, און דער רב האט זיך צוגעהערט צו זיינע שטאטס-לייט מיט אן אומבאשרייבליכער געדולד און ווארעמקייט, ער פלעגט זאגן פאר זיינע משמשים, "**מיין כבוד אלס סענאטאר אין פארלאמענט איז גארנישט ווערט, אויב אן ארעמער איד אין בודאפעסט שפירט אז ער קען נישט אריינקומען צו מיר אין שטוב זיך אויסוויינען**".

• • •

**אין די צייטן פון דער ערשטער וועלט-מלחמה** זענען טויזנטער אידישע פליטים פון גאליציע אנטלאפן קיין בודאפעסט אן קיין דאך איבערן קאפ און אן קיין שטיקל ברויט, די רעגירונג האט געוואלט פארטרייבן די פליטים צוריק צום פראנט צוליב די גרויסע שנאת ישראל וואס האט געהערשט דאן קעגן די אידן.

דער גאון רבי קאפיל רייך זי"ע האט זיך פערזענליך אריינגעווארפן אין דער מערכה, ער האט אויסגענוצט זיין גאנצן פערזענליכן קרעדיט ביי די מיניסטארן **צו באקומען וואוינ-ערלויבענישן (רעזידענץ-פאפירן) פאר טויזנטער משפחות**, און האט אויפגעשטעלט גרויסע קיכן אין שטאט וואס האבן טעגליך פארטיילט הייסע עסן פאר די נויטבאדערפטיגע, ער אליינס פלעגט גיין צווישן די גבירים אין בודאפעסט קלאפן אויף טירן און שאפן ריזיגע סומעס געלט, זאגנדיג, "**איך וועל קיין רואיגקייט נישט האבן כל זמן עס איז דא אן אידיש קינד אין בודאפעסט וואס גייט שלאפן הונגעריג**".

• • •

**אלס הויפט רב פון א ריזיגער הויפטשטאט מיט אומצאליגע קאמפליצירטע קהילה-פראבלעמען**, האט דער גאון וקדוש רבי קאפיל רייך זי"ע אוועקגעגעבן שעות ע"ג שעות פערזענליך פאר שלום בית און צו ראטעווען פרויען פון בלייבן עגינות, עס ווערט דערציילט, אז ער פלעגט זיצן שפעט ביינאכט, נאך א לאנגן טאג אין בית דין און אין סענאט, צו שלייכטן סכסוכים צווישן מאן און ווייב מיט א מורא'דיגער קלוגקייט און הארציגקייט, אפילו ווען עס האט זיך געהאנדלט פון גאר שווערע מענטשן וואס קיינער האט נישט געקענט רעדן מיט זיי, האט רבי קאפיל מיט זיין התבטלות און ליבשאפט און זיין גרויסע חכמה באוויזן זיי איינצוצוימען און צוריקברענגען דעם שלום אינעם אידישן שטוב.

• • •

**עס ווערט דערציילט**, אז דער גאון רבי קאפיל רייך זי"ע האט זיך נישט באגנוגנט מיט זיצן אלס רב ביי זיך אין שטוב, נאר ער פלעגט כסדר פערזענליך ארומגיין אומגעראכטן אין די שחיטה-הייזער, בעקערייען און מקוואות אין אלע עקן פון בודאפעסט, כדי צו זען מיט די אייגענע אויגן אז אלעס ווערט געפירט מיט דער גרעסטער הידור און אז די פרייזן פאר כשר'ע עסן זאלן נישט זיין צו טייער פאר די ארעמע בעלי בתים, ער פלעגט ווארענען די פלייש-הענדלער און בעקער און

געזאגט, "**געדענקט אז כשרות טאר מען נישט מאכן פאר א לוקסוס פאר די רייכע, יעדע אידישע פאמיליע אין בודאפעסט מוז האבן כשר'ס פאר א ביליגן און יושר'דיגן פרייז**".

• • •

**ווען דער גאון רבי יעקב קאפיל רייך זי"ע** איז געווען א בחור אין דער פרעשבורגער ישיבה, איז ער געווען אויסגעצייכנט מיט א זעלטענעם כח הזכרון און א טיפער תפיסה, זיין רבי דער ראש ישיבה **דער הייליגער כתב סופר** זי"ע האט אים געהאלטן פאר איינעם פון די גרעסטע לייבן אין ישיבה.

ווערט דערציילט, אז איינמאל ביים פארהערן א קאמפליצירטע סוגיא אין ש"ס און פוסקים, האט דער הייליגער כתב סופר אים געפרעגט א טיפע קשיא פון איינעם פון די ראשונים וואס איז געווען באגראבן אין א שווערער שיטה, דער יונגער רבי קאפיל האט אויפן פלאץ אויסגערעכנט בעל פה די גאנצע סוגיא מיט אלע שיטות הפוסקים, ראשונים ואחרונים, און מברר געווען דעם ענין מיט א מורא'דיגער קלארקייט, דער כתב סופר האט זיך אנגערופן מיט התפעלות פאר די גאנצע ישיבה, "**דער בחור האט אין זיין קאפ דעם גאנצן ים התלמוד ווי אויף אן אפענער טאוול**".

• • •

**אלס רב אין בודאפעסט זענען אנגעקומען אויפן טיש** פונעם גאון רבי קאפיל רייך זי"ע די שווערסטע שאלות בהלכה פון גאנץ אונגארן און די ארומיגע לענדער, איינמאל איז אונטערגעקומען א גאר קאמפליצירטע שאלת עגונה פון א מאן וואס איז פארשוואונדן געווארן אין אויסלאנד, און די גרעסטע רבנים האבן מורא געהאט צו פסק'נען דעם פסק.

דער גאון רבי קאפיל רייך זי"ע האט זיך אריינגעזעצט אין זיין ספרים-שטוב און אפגעשריבן א לאנגע טיפע תשובה וואס האט ארומגענומען אלע עקן פון ש"ס, בבלי און ירושלמי, רמב"ם און אלע נושאי כלים, און ווען ער האט געשיקט די תשובה צום גאון רבי אברהם בורנשטיין בעל אבני נזר מסוכטשוב זי"ע, האט דער הייליגער אבני נזר מעיין געווען דעריין און באוואונדערט זיין טיפע חריפות און בקיאות, זאגנדיג, **אז דער פסק איז געבויט אויף שטארקע יסודות פון אמת'ן עמקות התורה וואס נאר א גאון עצום קען אזוי צוזאמשטעלן**.

• • •

**דער גאון וקדוש רבי יעקב קאפיל רייך זי"ע,** טראץ זיינע ריזיגע טרדות אין דער הויפטשטאט מיט דער רעגירונג און דער קהילה, דינענדיג אלס הויפט רב פון בודאפעסט, איז זיין גרעסטע פארגעניגן געווען בלויז לערנען תורה, יעדע וואך ליל ששי פלעגט ער פארשפארן די טיר פון אלע עסקנות און זיצן לערנען די גאנצע נאכט ברציפות און מיט א געוואלדיגע התמדה.

יונגע תלמידי חכמים און מופלגים פון בודאפעסט פלעגן קומען אריין אין זיין צימער, און ער פלעגט לערנען מיט זיי מיט א פייערדיגן ברען, ער פלעגט פארלערנען שווערע קצות'ן און נתיבות'ן בעל פה, און יעדן שווערן שטיקל רמב"ם צונעמען אויף פיצלעך מיט א געוואלדיגער בהירות, די וואס האבן אים געהערט רעדן אין לערנען האבן געזאגט, **אז מען האט געזען אויף אים ווי ער לעבט ממש מיט די תנאים און אמוראים, און אלע וועלטליכע כבוד און פאליטיק פאלט אינגאנצן אוועק ווען ער רירט אן א גמרא**.

• • •

**ווען עלעקטריק און מאדערנע טעכנאלאגיע האבן זיך אנגעהויבן פארשפרייטן** אין די גרויסע שטעט ווי בודאפעסט, זענען געווארן פילע נייע שאלות אין הלכות שבת וואס מען האט פריער נישט געקענט, אסאך האבן געוואלט מקיל זיין אין פארשידענע ענינים צוליב דער נייער וועלט.

דער גאון רבי קאפיל רייך זי"ע האט געוויזן זיין כח התורה מיט א געוואלדיגער פעסטקייט, ער האט זיך גוט דורכגעלערנט די טעכנישע מציאות מיט אינזשענירן ביז אויף די קלענסטע דעטאלן, און דערנאך מברר געווען די הלכה לויט די ראשונים און אחרונים מיט א קלארקייט וואס האט איבערגעלאזט די גאנצע רבני'שע וועלט נשתומם, זיינע פסקים אין די נייע שאלות זענען געווארן אנגענומען ביי אלע גדולי הדור אין אונגארן אלס דער יסוד פאר כשרות און שמירת שבת אין דער מאדערנער תקופה.

• • •

**איינמאל איז געווען א גרויסער אסיפה אין בודאפעסט** וואו דער פרעמיער-מיניסטער פון

אונגארן האט צוזאמגערופן די פירער פון אלע רעליגיעס אין לאנד איבער א וויכטיגן געזעץ, צווישן די פארזאמלטע זענען געווען היכצע גלחים און קירכע-פירער וואס האבן געטראגן זייערע גאלדענע צלמים אויף די בגדים.

ווען דער גאון רבי יעקב קאפיל רייך זי"ע איז אריינגעקומען אין זאל אין זיין רבני'שער מלבוש מיט זיין שיינער צורת הדמות, איז דער פרעמיער-מיניסטער אויפגעשטאנען לכבודו פונעם רב און אים צוגעפירט צום אויבנאן, איינער פון די פאליטיקער האט נאכדעם געפרעגט דעם מיניסטער, פארוואס ער האט אפגעגעבן אזא אויסערגעוועונליכן כבוד פארן אידישן רב מער פון אלע אנדערע, האט דער מיניסטער געענטפערט, **"ביי אלע אנדערע זעה איך די פאליטיק הינטער די קליידער, אבער ביים רב פון בודאפעסט זעט מען אויפן פנים אן אמת'ע קדושה און יראת שמים וואס צווינגט א מענטש אים צו רעספעקטירן"**.

• • •

**איין טאג איז געקומען א צובראכענער איד צום רב** דער גאון רבי קאפיל רייך זי"ע אין שטוב, און געוויינט מיט ביטערע טרערן, און דערציילט פארן רב, אז ער איז שולדיג א גרויסע סומע געלט פאר א גביר פון שטאט, און יענער דראעט אים אריינצוווארפן אין טורמע און פארמאכן זיין קרעמל, און דער איד האט געבעטן מיט ביטערע טרערן, אז דער רב זאל בעטן דעם גביר אים צו געבן מער צייט.

דער גאון וקדוש רבי קאפיל רייך זי"ע האט תיכף געשיקט רופן דעם גביר, ווען דער גביר איז אנגעקומען, האט רבי קאפיל אים נישט געמוסר'ט, **נאר געעפנט זיין אייגענעם שופלאד און ארויסגענומען זיין אייגענעם גאלדענעם זייגער וואס ער האט באקומען אלס מתנה, און עס געגעבן פארן גביר אלס משכון פאר יענעם'ס חוב**, דער גביר איז געווארן אזוי איבערגענומען און פארשעמט אז דער רב גיט אוועק זיינע אייגענע חפצים פאר א פרעמדן איד, אז ער האט אויפן פלאץ צעריסן דעם שטר חוב און געשלאסן דעם ענין אינגאנצן בלב שלום.

• • •

**ווען מען האט גערעדט א שידוך פארן רב דער גאון רבי קאפיל רייך זי"ע** פאר איינע פון זיינע קינדער מיט א חשוב'ן תלמיד חכם אבער פון אן ארעמער משפחה, האבן טייל מקורבים געפרעגט דעם רב, פארוואס ער נעמט נישט א גרויסן גביר אדער א בארימטן יחסן פאר זיין קינד, ער איז דאך דער הויפט רב און סענאטאר פון דעם גרויסן שטאט בודאפעסט.

האט דער גאון וקדוש רבי קאפיל רייך זי"ע געענטפערט מיט א שמייכל און מיט זיין גרויס עניוות, **"די וועלט מיינט אז יחוס און כבוד בויען אן אידישע שטוב, אבער ביי אונז אין דער תורה שטייט אז דער עיקר יחוס איז תורה, יראת שמים און גוטע מדות, אז איך טרעף א יונגערמאן וואס לערנט מיט עמקות און האט אן ערליכן הארץ, איז ער דער גרעסטער מיוחס און דער בעסטער שידוך וואס איך קען ווינטשן פאר מיין קינד"**.

• • •

**עס איז געווען אן אלמנה אין שטאט בודאפעסט וואס פלעגט פארקויפן קליינינקייטן אין שול** צו קענען קויפן שבת-געברויכן, אבער צוליב שוואכקייט האט זי קוים געהאט פרנסה, זי האט זיך זייער געשעמט צו נעמען נדבות פון דער קהילה, דער גאון רבי קאפיל רייך זי"ע האט אויסגעטראכט א קלוגע עצה, יעדע פרייטאג צופרי פלעגט ער שיקן זיין משמש צו איר קרעמל צו 'קויפן' א פשוט'ע זאך פאר א אומגעהויערע גרויסע סכום געלט, זאגנדיג, **אז דער רב דארף ספעציעל די סחורה פון איר געשעפט**, אזוי האט די פרוי באקומען שיינע שבת-געלט יעדע וואך מיט כבוד אן וויסן אז דער רב אליינס באצאלט דאס פון זיין אייגענער קעשענע כדי איר נישט צו פארשעמען.

**יארצייט י"ח אלול**

**הגה"ק שר התורה מופת הדור רבינו יהודה ב"ר בצלאל זי"ע, (ליוואי)**
**"הנקרא מהר"ל מפראג"**

ער איז געבוירן אין שטאט פוזנין אין פולין, **ליל הסדר בשנת רע"ב**.

צו זיין טאטן הגה"ק **רבי בצלאל מוורמייזא** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי חיים מוורמייזא** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי בצלאל** זי"ע,
בן הגה"ק **איש האלקים רבי יהודה ליוואי הזקן** זי"ע, (נאך וועם דער הייליגער מהר"ל זי"ע האט געהייסן).

ער איז געווען דער שר התורה גאון הגאונים ארי שבחבורה, ער איז געווען מפורסם אלס א איש אלקים קדוש וטהור מאוד, ער איז געווען א בקי נפלא בנגלה ובנסתר, און א בקי בכל החכמות, כל רז לא אניס ליה, ער איז געווען דער רבן של כל בני הגולה און דער שר גדול ליהודים, וואס אלע גאונים און גדולים בדורו האבן זיך אוטער געווארפן אונטער זיין הנהגה, ער האט מתקן געווען גרויסע תיקונים ביי אידישע קינדער, ער האט מחבר געווען צענדליגע הייליגע חיבורים וואס זענען אן גענומען געווארן אין די גאנצע וועלט, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א בעל רוח הקדוש נפלא.

מען דערציילט, אז פסח ביינאכט ווען דער הייליגער מהר"ל איז געבוירן, האט זיך די מאמע נישט אזוי גוט געפילט, איז די מאמע ארויס אין הויף שעפן אביסל ליפט, און דאן האט זי באמערקט, א גוי מיט א זאק אין די האנט, און ווי באקאנט האבן די אידן דאן גאר אסאך געליטן פון בלוט בלבולים וואס די גוים פון שטאט האבן ארונטער געווארפן א טויט קינד, און דאן געזאגט אז די אידן ניצן די בלוט פאר די מצות.

אזוי ווי די מאמע האט געזען דעם גוי מיטן זאק, האט זי אנגעהויבן מאכן קולות, און צום מזל איז דארט געווען א וועכטער, וואס האט גלייך געהייסן פארן גוי אויף צו מאכן דעם זאק, און עס האט זיך אנטפלעקט א טויט קינד, וואס דער גוי איז געקומען אונטער לייגן אינעם שטוב פון דעם טאטן פונעם הייליגען מהר"ל, און בחסדי ד' האט מען דאס אנטפלעקט, און די גאנצע שטאט איז בזכות דעם געראטעוועט געווארן פון א ביטערע בלוט בלבול.

דאן האט דער פאטער פונעם הייליגן מהר"ל געזאגט, אז ער האפט טאקע אז דער נייער געבוירענער יונגל יהודה לייב וועט זיין אין די בחינה וואס די פסוק זאגט, "**יהודה אתה יודוך אחיך בעורף אויביך**".

און טאקע דער הייליגער מהר"ל זי"ע האט יארן שפעטער מיט זיין גרויסע כח דקדושה, **אפ געשטעלט פיל פון די בלוט בלבולים פון אידישע קינדער**.

ער איז נתגדל געווארן בי זיין טאטן אין שטוב מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה, און אפילו זייענדיג נאך א גאר יונגער קינד, האט מען שוין געזען זיין גדלות בתורה און זיין מוראדיגע קדושה מיט וואס ער האט זיך שוין דאן געפירט, און ער איז געווען א גאון בתורה שוין דאן גרעסער ווי סיי ווער אין זיין יארגאנג.

בזיווג ראשון האט ער חתונה געהאט מיטן טאכטער פון הגה"ק **רבי אברהם חיות** זי"ע, און פון די זיווג האט דער הייליגער מהר"ל געהאט צוויי טעכטער.

ווען זיין רעבעצין איז ליידער נפטר געווארן, האט ער חתונה געהאט בזיווג שני מיט **הרבנית הצדקת מרת פערל** ע"ה,
בת הקצין הגדול הגה"ק **רבי שמואל שמעלקא ב"ר יעקב רייך** זי"ע, הנקרא **רייכער שמעלקא**, וואס איז געווען א **מקורב למלכות**.

דער שווער זייענדיג א גרויסער עושר און אויך א אדם חשוב, האט ער געגעבן א גרויסן נדן פארן חתן, אז ער זאל קענען זיצן על תורה ועבודה יומם ולילה, און אויך האט דער שווער צו געזאגט א גרויסן סכום אז דער חתן דער מהר"ל זאל לערנען ביים גאון **דער הייליגער מהרש"ל** זי"ע, וואס ביי דעם גאון האט דער הייליגער מהר"ל גאר אסאך תורה געלערנט.

אבער ליידער נאך בעפאר די חתונה, האבן די גוי'שע רשעים פונעם שטאט בארויבט דעם שווער מיט זיין גאנצע געלט, און ער איז געווארן א עני ואביון, האט ער דאן געשיקט פארן הייליגען מהר"ל א בריוו זאגענדיג, **אז וויבאלד ער קען איס מער נישט אויס האלטן מיטן נדן וואס ער האט זיך איטער גענומען, איז ער מסכים אויב ער וויל אפלאזן דעם שידוך**.

האט דער הייליגער מהר"ל גענטפערט, אז פון זיין זייט, אויב וויל ער קען ער נעמען אן אנדערן שידוך פארן טאכטער, אבער ער דער מהר"ל איז מסכים צוווארטן אויף ישועות השי"ת, אז דער גרויסער באשעפער וועט שיקן א ישועה אז ער זאל צוריק רייך ווערן, און דאן וועט פארקומען די חתונה.

דאן האט די כלה אויף געמאכט א בעקריי, פון ווי זי האט פארדינט עפעס געלט, כדי צו קענען העלפן די טאטע מיט די פרנסה אין שטוב, איין טאג איז דורך געפארן א גוי אויף א פערד, און ער האט געוואלט נעמען פון די ברויט פון די בעקריי אויף בארג, אבער די כלה האט זיך געבעטן, אז זי ברויך די געלט פאר די ברויט, ווייל זי דארף העלפן די עלטערן מיט פרנסה.

האט דער רייטער איר געגעבן דעם מרדעת וואס איז א זאטל פון אויף די פערד, און געזאגט, אז ער געט דאס אלס משכון, און אויב ער ברענגט נישט אפ דאס געלט פאר די ברויט נאך אפאר טאג, קען זי האבן דעם זאטל אנשטאט דעם.

נאך אפאר טאג וואס זי האט געזען אז דער רייטער קומט נישט צוריק, האט זי אויף געמאכט דעם זאטל, און לפלא **איז דארט געווען אריינגענייט אסאך גאלדענע מטבעות, און די מצבביים טאטן איז צוריק אויף געראכטן געווארן**, און דאן האט ער אפגעשיקט די נדן פארן חתן און דאן האט מען אפ געראכטן די חתונה.

בשנת שי"ג איז ער געווארן אויף גענומען אלס אב"ד פון שטאט **ניקלשבורג**, און דארט האט ער געדינט אלס רב פאר 20 יאר, ער איז דארט געזעצן און געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה, און מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים גאונים בתורה, אויך האט ער אין דעם שטאט גאר אסאך תיקונים מתקן געווען.

בשנת של"ג איז ער אריבער צום שטאט **פראג**, און דארט האט ער אויף געשטעלט זיין קלויז וואס איז געווען איינע פון די צוויי גרויסע בתי הכנסת אין שטאט, און דארט האט ער מרביץ תורה געווען פאר זיינע תלמידים, און פון דארט זענען ארויס געקומען גדולים און גאונים בתורה ובתוכם.

הגה"ק **רבי יום טוב ליפמאן העליר בעל תוספות יום טוב מקראקא** זי"ע, וואס איז געווען זיין תלמיד מובהק, און גאר אסאך געהויבענע זאכן האט דער תלמיד מיטן רבין אויפגעטון,
הגה"ק **רבי שלמה אפרים לונטשיץ בעל כלי יקר** זי"ע, ממלא מקום רבו אין פראג,
הגה"ק **רבי דוד גאנז בעל צמח דוד** זי"ע,
הגה"ק **רבי אליהו מלואנץ הנקרא בעל שם** זי"ע.

מען האט אמאל געפרעגט דעם פוסק הדור הגה"צ רבי מאיר אריק מטארנא זי"ע, אויב עס איז אמת אז דער מהר"ל מפראג האט באשאפען א גולם דורך דעם ספר יצירה, האט ער געזאגט, **אויב דער מהר"ל מפראג האט באשאפן א גולם צו נישט, ווייס איך נישט, אבער אז דער מהר"ל האט אויף געשטעלט אזא גרויסן תלמיד ווי דער הייליגער תוספות יום טוב, ווייס איך יא, און דאס איז פיל גרעסער ווי באשאפן א גולם**.

בשנת של"ח האט ער גענדיגט שרייבן זיין הייליגן **ספר גור אריה על התורה**, און בשנת שמ"ב האט ער גענדיגט דעם הייליגען **ספר גבורות ד'**, און בשנת שמ"ט האט ער ארויסגעגעבן זיין **ספר דרך החיים על מסכת אבות**.

אויך האט דער הייליגער מהר"ל מייסד געווען אין שטאט א חברה קדישא און ער האט געשריבן תקנות ווי אזוי די חברה קדישא זאלן זיך פירן, און די תקנות האבן אלע שטעט אין אירופה איינגעפירט.

בשנת שמ"ג ווען די רב פון פראג איז נפטר געווארן, איז דער הייליגער מהר"ל געווען איינע פון די קאנדידאטן וואס מען האט געוואלט אויף נעמען אלס ממלא מקום, און ער האט דאן

געהאלטן א דרשה אין דעם אלט ניי שוהל אין שטאט פראג, אבער דער הייליגער מהר"ל זייענדיג א איש האמת, האט ער ביים דרשה מוסר געזאגט פאר די ראשי הקהלה, און צוליב דעם האבן זיי אויף געגומען הגה"ק **רבי יצחק חיות** זי"ע א שוואגער פונעם מהר"ל בזיווג ראשון אלס רב אין שטאט פראג.

בשנת שד"מ האט ער זיך אריבער געצויגען מיט די תלמידים קיין **פוזנא**, און דארט האט ער ווייטער מרביץ תורה געווען פאר זיינע געהויבענע תלמידים, בשנת שמ"ו האט מען אים אויף גענומען אלס רב אין שטאט **פוזנא** און אויך אין אלע שטעט ארום.

בשנת שמ"ז האט אויס געבראכן א מחלוקה אין די קהלה אין פראג און מען האט אפ געזאגט דעם רב הגה"ק **רבי יצחק חיות** זי"ע און ער איז אוועק פון שטאט.

בשנת שמ"ח איז דער מהר"ל צוריק געקומען אין שטאט **פראג**, און דאן האט ער געהאלטן א דרשה אין שוהל, ער האט מעורר געווען די אידן אז מען זאל אפשטעלן די מחלוקת און זיך געבעטן אז מען זאל שלום מאכן.

איינע פון די זאכן וואס מען האט דאן ביי די מחלוקה געוואלט איינפירן איז געווען, אז מען האט געוואלט אז די עשירים זאלן זיך מער אנשטרענגען אויס צו האלטן די ארימעלייט פון שטאט, און דער הייליגער מהר"ל זי"ע האט געפאדערט, אז כדי ער זאל נעמען דאס רבנות אין שטאט פראג, מיז מען מבטל זיין, אז די ראשי קהלה זאלן איינטיילן וואס מען זאל טון בעניני הדת.

אזוי איז דאס אנגעגאנגען פאר פיר יאר וואס דער מהר"ל האט דארט געוואוינט און אימאפיציעל געווען דער מנהיג פון די אידן אין פראג, אבער רב פון שטאט האט ער נישט געוואלט נעמען ווילאנג מען גלייכט זיך נישט אויס.

חודש אדר בשנת שנ"ב האט מען איינגעלאדענט דעם מהר"ל צום שטוב פונעם קיסר רודאלף דער צווייטער, און ווי דער תלמיד הגה"ק רבי דוד גאנז בעל צמח דוד זי"ע שרייבט, לגבי דעם אודיענץ ביים קיסר בזה"ל, "**וקיסר רודולפוס ברוב חסדו ואמתו שלח אליו וקרא אליו את הגאון הנ"ל, וקבלו בסבר פנים יפות, ודיבר אתו פה אל פה כאשר ידבר איש אל רעהו, ומהות ואיכות הדברים סתומים וחתומים ונעלמים הם**".

חודש אייר בשנת שנ"ב האט מען אויף גענומען אלס רב אין פראג דעם הייליגען גאון הגה"ק **רבי מרדכי יפה בעל הלבושים** זי"ע, און דאן האט זיך דער הייליגער מהר"ל צוריק געצויגען צום שטאט **פוזנא**, און דארט איז ער געבליבן פאר 5 יאר.

אבער בשנת שנ"ז איז דער מהר"ל צוריק געקומען קיין **פראג**, און דאן האט מען אים אויף גענומען אלס אב"ד און ראש ישיבה פון שטאט פראג און דארט איז ער שוין געבליבן ביז צו זיין הסתלקות.

צווישן די יארן פון שנ"ח און שנ"ס האט דער הייליגער מהר"ל ארויסגעגעבן די הייליגע ספרים **באר הגולה, נצח ישראל, אור חדש, נר מצוה, תפארת ישראל**.

דעם בקיאות פונעם הייליגען מהר"ל אין די הייליגע תורה הקדושה איז געווען ממש אין לשער, ער איז געווען א בקי נפלא בכל מקצועות התורה סיי בתורת הנגלה וואס עס איז כמעט נישט געווען עפעס וואס ער האט נישט געקענט, און אויך אין תרת הקבלה און חכמת הקבלה, און אפילו אין אוסטראנאמיה איז ער אויך געווען א בקי, צדיקים האבן דעם מהר"ל מדמה געווען, צום הייליגען אריז"ל מיט זיינע געוואלדיגע אויפטוען אין אלע עניני קבלה און נסתר.

אויך איז ער געווען באקאנט אלס א געוואלדיגע לוחם קעגן יעדע זאך וואס איז געווען קעגן די הלכה אדער סיי וואס, אין די קדושה פונעם הייליגען מהר"ל קען מען זיך אפילו נישט פארשטעלן, ער איז געווען קודש קדשים למעלה מהשגותינו, **א בעל רוח הקודש און א גרויסע בעל מופת**, הונדערטער מעשיות איז דא וואס דער גרויסער צדיק וקדוש האט אלס אויפגעטון מיט זיין גרויסע כח התורה וקדושה.

ווי עס איז באקאנט האבן די אידן דאן אין יענע צייטן גאר אסאך געליטן פון די רשעים די שונאי ישראל, וואס האבן געפייניגט און גערודפט די אידישע קינדער, און איינע פון די גאר שווערע זאכן וואס די אידן זענען ליידער דורך יענע צייטן, איז געווען די באוויסטע בלוט בלבולים וואס די גוים די רשעים האבן אונטער געשטעלט, און געזאגט אז די אידישע קינדער ניצן די בלוט פון גוי'שע קינדער פאר די מצות פון פסח.

יעדעס יאר ווען עס איז אנגעקומען די יו"ט פסח, איז געווען א שווערע צייט פאר די אידן פון פראג און אלע שטעט ארום, דאן האט דער הייליגער מהר"ל זי"ע וואס איז געווען באקאנט אין יעדע חלק פון די תורה און אויך אין דעם גרויסן **ספר יצירה**, גענומען זיין תלמיד און איידעם הרה"ק **רבי יצחק ב"ר שמעון כ"ץ** זי"ע און דעם תלמיד הגה"ק **רבי יעקב ב"ר חיים ששון הלוי** זי"ע, און זענען אריין אין וואלד.

**און דער הייליגער צדיק וקדוש דער מהר"ל האט מיט די שמות הקדושים באשאפען דעם גולם מפראג**, וואס צוליב וואס ער איז געווען באשאפן מיט די הייליגע שמות, האט ער געהאט גאר הייליגע כוחות, און מיט דעם גולם האט דער מהר"ל צענדליגע בלוט בלבולים פארמיטן, ווען דער גולם האט גאר אסאך מסוכן'דיגע זאכן געטון און מיט דעם פארמיטן אז אידישע קינדער זאלן נישט ליידן פון די גוים פון שטאט.

אויך האט דער צדיק וקדוש דער הייליגער מהר"ל מפראג זי"ע זוכה געווען, אז מיט זיין גרויסן כוח התורה און זיין געוואלדיגע קדושה און חכמה, אז דער קיסר פון שטאט האט מסכים געווען צו די בקשה פונעם מהר"ל, אז ער זאל זיך קענען מתווכח זיין מיט די גלחים, און זאל זיי קענען איינמאל פאר אלעמאל אויף ווייזן די שקר אין די אלע בלוט בלבילים.

און ער האט טאקע באוויזן **זיך צו מתווכח זיין מיט 300 גרויסע גלחים און רשעים פון שטאט פראג**, און זיי אויף געוויזן דעם שקר אין די בלוט בלבילים, און דורך דעם האט דער קיסר ארויס געגעבן א פקידה, אז מען זאל מער נישט גלייבן דעם שקר, און דורך דעם האט ער גערעטעוועט די אידן פון די ביטערער צרה.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

**בנו יחידו** הגה"ק **רבי בצלאל חריף אב"ד קאלין** זי"ע,
חתנו הגה"ק **רבי יצחק ב" שמעון כ"ץ בעל שוחר טוב** זי"ע,
חתנו הגה"ק **רבי שמעון ברגדיס** זי"ע,
חתנו הגה"ק **רבי אברהם הלוי וולירשטיין** זי"ע,
חתנו הגה"ק **רבי הירש סאבאטקי** זי"ע,
הגה"ק **רבי חיים יואל וואהל** זי"ע.

ער האט מחבר געווען מער ווי 20 ספרים, וואס אלע פון זיי זענען געשריבן געווארן בקדושה ובטהרה און אן גענומען געווארן אין די גאנצע וועלט, און ווי דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע האט מעיד געווען, **אז אלע ספרים פונעם מהר"ל זי"ע זענען געשריבן געווארן מיט רוח הקודש.**

**ספר גור אריה, ביאור רחב ועמוק על פירוש רש"י על התורה.**
**ספר גבורות ד', על ענייני יציאת מצרים, ניסים והגדה של פסח.**
**ספר תפארת ישראל, על מתן תורה, מעלת התורה והמצוות.**
**ספר נצח ישראל, על ענייני הגלות, הגאולה, חורבן הבית וביאת המשיח.**
**ספר נר מצוה, על חג החנוכה וענייני ארבע מלכויות.**
**ספר אור חדש, ביאור על מגילת אסתר ונס פורים.**
**ספר דרך חיים, פירוש מעמיק על מסכת אבות.**
**ספר באר הגולה, ביאור והגנה על מאמרי חז"ל והאגדות שנראים תמוהים.**
**ספר נתיבות עולם, ספר היסוד בענייני מידות, מוסר והנהגת האדם (שני חלקים).**
**ספר חידושי אגדות, על אגדות הש"ס (מסודר לפי סדרי הש"ס).**

הרה"ק רבי שמואל מקאמינקא זי"ע האט מעיד געווען, **אז די הייליגע ספרים פונעם מהר"ל זי"ע איז מסוגל צו ניצול ווערן פון מינות ח"ו, און עס איז א סגולה פאר אמונה אונעם הייליגער באשעפער.**

הרה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע האט נאך געזאגט בשם הרה"ק רבי ישראל מרוז'ין זי"ע, **אז דריקן די הייליגע ספרים פונעם מהר"ל, איז א סגולה פאר גרויסע ישועות בכל ענינים**, אויך האט דער

הייליגער סאטמאר רבי זי"ע יעדעס יאר בעפאר דעם סדר פסח ביינאכט, געלערנט **דעם הייליגען ספר גבורות ד'** און געזאגט, **אז ער פארשטייט נישט ווי אזוי א איד קען צוגיין צום סדר, אן דורך לערנען דעם ספר גבורות ד'**.

הרה"ק רבי שמעון מזעליחוב זי"ע פלעגט אסאך לערנען די הייליגע ספרים פונעם מהר"ל זי"ע און געזאגט, **אז די ספרים זענען די יסוד פאר אמונה און קדושה פאר די נפש ונשמת ישראל**.

רבינו הקדוש רבי משה איסרליש בעל הרמ"א זי"ע האט מעיד געווען, אז **דער הייליגער מהר"ל זי"ע האט געהאט נשמת דוד המלך ע"ה**.

בעפאר זיין פטירה האט ער געלאזט צוואה, אז זיין ממלא מקום זאל זיין די תלמיד הגה"ק **רבי שלמה אפרים לונטשיץ בעל כלי יקר** זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים **זקן ושבע ימים אלט זייענדיג 97 יאר**, **ביום ח"י אלול בשנת שס"ט**, ומנוחתו כבוד איז אין **ביה"ח הישן אין שטאט פראג**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**ווי באקאנט**, אז ווען דער הייליגער מהר"ל מפראג איז געווארן רב אין שטאט פראג, איז דאן אן געגאנגען די ביטערע בלוט בלבולים אויף די אידן פון שטאט פראג און אויך אין די ארימיגע שטעט, און דער הייליגער מהר"ל האט געארבעט מיט אלע זיינע כוחות, צו מבטל זיין די גזירה און אויף ווייזן די שקר אין די בלבול, און מסביר זיין אז די אידן האבן א עבירה אין די תורה צו עסן בלוט.

דאן האט ער געשריבן א בריוו צום ראש הכמרים, וואס מען האט אים גערופן **קארדינאל**, און זיין נאמען איז געווען **יאהן סאלוועסטער**, און דער הייליגער מהר"ל האט זיך געבעטן ביי אים, אז ער וויל זיך מיט אים טרעפן און דורך גיין דעם גאנצן ענין, און אויפווייזען אז די אלע בלבולים זענען סתם פאלש, און איינמאל פאר אלעמאל פטור ווערן דערפון.

דער קארדינאל האט אים געבעטן, **אז ער זאל זיך מתווכח זיין מיט די 300 גרעסטע גלחים**, און דארט וועט ער אויפווייזן די פאלשקייט, האט אבער דער מהר"ל געזאגט, אז זיך מתווכח זיין מיט 300 מענטשן אויפאמאל וועט נישט ארבעטן, אבער ער איז מסכים צו האבן א וויכוח מיט 10 גלחים יעדן טאג פאר די קומענדיגע 30 טאג, כך הוה דאן האט דער הייליגער מהר"ל פאר 30 טאג, זיך מתווכח געווען מיט די גלחים, און די 30 טאג איז געווען א יום תפילה ביי די אידן פין שטאט פראג, אז און דעם זכות זאל די גזירה איינמאל פאר אלעמאל בטל ווערן, און דער מהר"ל זאל מצליח זיין צו אויפוויזן דעם פאלשקייט דערפון.

עס האט שוין כמעט אויסגעזען ווי מען האט מבטל געווען די גזירה, נאכדעם וואס דער הייליגער מהר"ל זי"ע איז געווארן איינגעלאדענט צום שטוב פונעם קיסר רודאלף, און דער קיסר האט גאר פריינטליך גערעדט מיטן מהר"ל.

אבער אביסל שפעטער האט דער קיסר ארויס געגעבן א באפעל, **אז ווען עס קומט ארויס א בלוט בלבול זאל נאר דער וואס איז באשילדיגט געווארן, ווערן איינגעזעצט, און אלע אנדערע אידן זאלן נישט באשולדיגט ווערן**, אבער דאס איז געווען א צרה, ווייל ווען א גוי האט זיך געוואלט אפרעכענען מיט א איד, האט ער אונטער געווארפן א טויטע גוי'שע קינד, און אזוי איז ער פטור געווארן פון דעם איד.

דאן האט דער הייליגער מהר"ל געמאכט א **שאלת חלום**, און אנגעפרעגט אין הימל, וואס ער זאל טון כדי צו ראטעווען די אידן פון די ביטערע גזירה, און מען האט מגלה געווען פארן מהר"ל, **אז ער זאל באשאפן דורך די ספר יצירה א גולם**, **וואס וועט האבן גרויסע הייליגע כוחות און דאס וועט ברענגען די ישועה**.

דאן האט דער מהר"ל מגלה געווען דעם תשובה פאר זיין תלמיד און איידעם הגה"ק **רבי יצחק ב"ר שמעון כ"ץ** זי"ע און פאר זיין תלמיד הגה"ק **רבי יעקב ב"ר חיים ששון הלוי** זי"ע, און איין

נאכט זענען די דריי צדיקים ארויס אין וואלד ביים טייך מלדוואקא, און דארט האט דער הייליגער מהר"ל באשאפן **דעם גולם פון פראג**.

און דער הייליגער מהר"ל האט אנגעזאגט פארן גולם, אז איך האב דיך באשאפן כדי צו העלפן אידן בעת צרה, **און די וועסט קענען אריינגיין אין פייער און אין וואסער, ווייל די האסט גרויסע כוחות און די אלע זאכן קענען נישט שולט זיין אין דיר**, און דער הייליגער מהר"ל האט געזאגט, אז דער גולם האט די נשמה פון **יוסף שידא** וואס ווערט דערמאנט אין די גמרא, אז ער האט שוין געהאלפן די חכמי התלמיד אין זיי מציל געווען.

און טאקע די גולם האט דער הייליגער מהר"ל גענוצט גאר אסאך פאר צרכי העיר, סיי מיט די בלוט בלבולים וואס דורך דעם גולם זענען צענדליגע בלוט בלבולים פארמיטן געווארן, און אידישע קינדער האבן דאן אויף געהערטליידן פון די צרות פון די גוים, אויך האט דער מהר"ל גענוצט דעם גולם אויף אנדערע שליחות, ווי ער האט געברויכט דעם כח פונעם גולם.

• • •

**ווי באקאנט האט דער הייליגער מהר"ל זי"ע אנגעזאגט אין שטוב**, אז דער גולם האט ער נאר אראפ געברענגט צו העלפן די אידן פון שטאט מיט די גזירות פון די גוים, און מען זאל זיך מיט אים נישט באדינען אויף קיין שום צרכים אין שטוב, אבער איין יאר ערב פסח, האט די רעבעצין די צדקת מרת פערל ע"ה געזעהן, אז עס איז נאכנישט דא קיין וואסער אין שטוב לכבוד פסח, האט זי זיך נישט געקענט איינהאלטן, **און געבעטן פונעם גולם אז ער זאל גיין ברענגען וואסער פונעם טייך**.

דער יוסלע איז טאקע אריבער געפארן צום טייך און געבערנגט וואסער, אבער וויבאלד ער איז דאך נישט געווען קיין מענטש נאר עפעס העכער'ס ווי דעם, האט ער נישט געוויסט ווען מען ברויך אויף הערן ברענגען, און קיינער האט זיך נישט אומגעקוקט אויף אים, האט דער גולם געהאלטן און אויין ברענגען וואסער, **ביז די שטוב איז געווארן פיל מיט וואסער, אז עס האט אנגעהויבן אריין רינען אין אלע שטובער**.

פארשטייט זיך אז עס איז געווארן א גרויסע רעש, דאן איז דער הייליגער מהר"ל זי"ע אריין געקומען, און ווען ער האט געזעהן וואס דא גייט פאר, האט ער גלייך פארשטאנען וואס מען האט דא געטון, אז מען האט געבעטן פונעם גולם צו ברענגען וואסער אויף יו"ט, האט ער גלייך גענומען דעם גולם, און אריין געטראגן אין זיין שטוב, און דאן האט ער נאכאמאל אנגעזאגט אין שטוב, **אז מיטן גולם זאל מען זיך נישט באדינען אויף קיין שום צרכי הבית**.

• • •

**הרה"ק רבי ישעי' מפראג זי"ע** וואס איז געווען א איידעם ביי הרה"ק רבי יצחק מראדוויל זי"ע, איז איינמאל זייער נישט געזונט געווען, און די מאמע האט געשיקט א שליח זאל אים מזכיר זיין ביים צדיק רבי יצחק מראדוויל זי"ע, דאן האט די טאטע הרה"ק רבי משה זי"ע געזאגט פאר זיין פרוי, פארקויף א חלק פון דיינע צירונג **און מיט די געלט זאל מען דריקן איינע פון די ספרים פונעם הייליגען מהר"ל זי"ע וואס דאס איז א סגולה פאר ישועות**.

די פרוי האט גלייך געטון וואס איר מאן האט געבעטן, און זיי האבן געלאזט דריקן א ספר פונעם מהר"ל זי"ע, אפאר טאג שפעטער איז דער זון רבי ישעי' אריין צום טאטן אין שטוב, און ער האט זייער געשוויצט, און מען האט געזען אז עס איז אים בעסער געווארן.

און ער דערציילט פארן טאטן, אז אינמיטן שלאפן האט ער געזען אן אלטער איד וואס איז געקומען צו אים, און ער פרעגט אים ווי עס טוט אים וויי, און דער אלטער איד האט אריבער געפירט זיינע הענט אויף יענעם פלאץ, און לפלא ווי ער האט געלייגט זיינע הענט איז מיר גלייך בעסער געווארן, און ווען ער האט מסביר געווען פארן טאטן ווי אזוי דער אלטער איד האט אויסגעזען, האט אים דער טאטע געזאגט, **אז דאס איז געווען דער הייליגער מהר"ל זי"ע, וואס איז געקומען מעולם העליון, און אים אויס געהיילט אין זכות וואס מען האט געדריקט זיין הייליגע ספר**.

• • •

**מען דערציילט**, אז בחייו האט דער הייליגער מהר"ל מפראג זי"ע אפ געקויפט **דריי חלקות אינעם ביה"ח אין שטאט פראג, איינס פאר זיך, דאס צווייטע פארן רעבעצין, און דאס דריטע איז געווען פאר זיין הייליגען זוהן רבי בצלאל זי"ע**, אבער דער זוהן רבי בצלאל האט זיך אריבער געצויגען קיין

קעלן, און איז דארט ליידער נסתלק געווארן יונגערהייט נאך בחייו פון זיין הייליגען טאטן, און מען האט אים מטמן געווען דארט אין שטאט קעלן, איז די דריטע חלקה געבליבן פריי, און דער זיידע האט צו געזאגט פארן אייניקל **רבי שמואל דער זוהן פון רבי בצלאל, אז נאך זיין הסתלקות וועט ער באקומען יענעם חלקה פון זיין טאטע**.

אבער ווי באוויסט האט מען אויפן ציון הקדוש פונעם הייליגען מהר"ל זי"ע ארויף געלייגט א גאר גרויסע מצבה, און דערפאר איז די חלקה נעבן דעם מהר"ל געווען גאר שמאל, און עס איז נישט געווען מעגליך דארט צו לייגן נאך איינעם, אבער דער אייניקל ווען ער האט שוין געהאלטן בעפאר זיין פטירה, האט ער גוזר געווען אויף די חברא קדישא, אז זיי זאלן נאך צו גרייטן דעם פלאץ בחייו, און אויב זיי וועלן זעהן, אז עז איז נישט דא קיין פלאץ, זאלן זיי בעטן מחילה פונעם זיידן אז ער זאל מאכן פלאץ פארן אייניקל.

לפלא ווען די חברא קדישא האבן אנגעהויבן גראבן דעם קבר פארן אייניקל, **האט זיך דאס פלאץ אביסל מער פארשפרייט, און עס איז געווארן א שיינעם פלאץ ווי מען זאל לייגן דעם אייניקל רבי שמואל**, אבער לפלא אזוי ווי מען האט געענדיגט צו באערדיגן דעם אייניקל, איז די פלאץ צוריק געווארן גאר שמאל, עד כדי כך, אז **מען האט פארן אייניקל נישט געקענט לייגן קיין געהעריגע מצבה, נאר א גאר שמאלע מצבה**, אבער מען האט געזעהן אז די זיידע האט איין געהאלטן זיין צוזאג, און געמאכט פלאץ פארן אייניקל אז ער זאל קענען ליגן נעבן זיין גרויסן זיידן.

• • •

**אין ספר שיחות חולין ווערט דערציילט**, אז אלס בחור איז דער הייליגער מהר"ל זי"ע געווארן א חתן מיט **הרבנית שרל** ע"ה, די טאכטער פונעם גביר ר' שמואל רייך פון פראג, נאכן שידוך האט דער שווער פארלוירן זיין גאנצן פארמעגן און געווארן אן ארימאן, ר' שמואל האט געשריבן א בריוו צום הייליגען מהר"ל און אים מוחל געווען דעם שידוך כדי נישט אויפצוהאלטן דעם חתן, וויבאלד ער האט דאך נישט געהאט דאס געלט פאר נדן וואס ער האט זיך אונטערגענומען.

דער הייליגער מהר"ל האט אבער געענטפערט מיט אן אמת'ע אמונת חכמים אז ער וועט ווארטן, און נישט אפלאזן דעם שידוך, און ער איז געבליבן זיצן און לערנען בהתמדה אין ישיבה, עס זענען אריבער לאנגע יארן און די כלה איז שוין עלטער געווארן, און כדי זיך צו שפייזן און ארויסהעלפן אין דעם טאטן'ס שטוב, האט זי געעפנט א קליין בעקעריי-געשעפט, אין יענע צייט האט אויסגעבראכן א מלחמה, און אן ארמיי-ריטער איז פארבייגעפארן און געזען איר ברויט-געשעפט.

ער האט זייער געבעטן דאס מיידל, אז זי זאל אים געבן ברויט אויף בארג, און ער האט געגעבן זיין זאטל פון דעם פערד אלס משכון, און ער האט געזאגט פאר איר, אז אויב ער קומט נישט צוריק באצאלן דעם חוב, קען זי האלטן דעם זאטל אלס באצאלונג, נאך אפאר טאג וואס דער סאלדאט איז נישט צוריק געקומען, האט זי אויפגעמאכט דעם זאטל, און זי האט באמערקט, **אז אינעווייניג אין זאטל איז געווען באהאלטן א פארמעגן פון גאלדענע מטבעות וואס יענער ריטער האט דארט באהאלטן**, און מיט דעם עשירות האט מען גלייך געשיקט רופן דעם מהר"ל, און די חתונה איז פארגעקומען בשעה טובה.

• • •

**אין ספר נפלאות מהר"ל ווערט געברענגט**, אז לויט די פארשריבענע מסורות, האט דער הייליגער מהר"ל זי"ע באשאפן א "**גולם**" **דורך צירופי שמות קדושים פונעם ספר יצירה**, כדי צו ראטעווען כלל ישראל פון בלבולי דם און שמד, דער מהר"ל האט אים אנגערופן "**יוסל'ה גולם**", און ער פלעגט אויספירן שליחות'ער פארן מהר"ל, **אבער האט נישט געקענט רעדן**.

איין יאר פאר פסח, האט מען געוואלט אונטעררוקן א בלוט בלבול אויף דער מצה-בעקעריי אין פראג, דער מהר"ל האט מיט זיין רוח הקודש מרגיש געווען די סכנה, האט ער באפוילן פאר יוסל'ה גולם זיך אויסצובאהאלטן נעבן די זעק מעל און אכטונג געבן, אינמיטן דער נאכט איז אנגעקומען א גלח מיט א טויט קינד און געוואלט דאס אריילייגן אין איינע פון די זעק, אבער ווי נאר יענער האט געוואלט צורירן צום זאק, האט אים דער גולם ארומגענומען מיט זיינע שטארקע אייזערנע הענט און אים פעסט געהאלטן ביז צופרי, ווען די שטאט-וועכטער און די שופטים

זענען געקומען אינדערפרי, האבן זיי אליין געזען דעם שקר פונעם בלבול, און די אידן זענען געראטעוועט געווארן.

• • •

**אין ספר צמח דוד ווערט געברענגט**, אז ג' אדר בשנת שנ"ב האט דער קייסער רודאלף דער צווייטער געלאזט רופן דעם מהר"ל צו א געהיימען פריוואטן שמועס אין זיין פאלאץ, אלע שרים און גלחים האבן געקוקט מיט גרויס קנאה ווי דער קייסער באהאנדלט דעם אידישן רב מיט א געוואלדיגן כבוד, דער קייסער האט פראבירט צו פרעגן דעם מהר"ל טיפע שאלות אין חכמת הכוכבים (אסטראנאמיע) און קבלה, און דער הייליגער מהר"ל האט אים געענטפערט מיט אזא גרויסע חכמה און קלארקייט, אז דער קייסער איז געבליבן געפלעפט.

אין די חסידישע ספרים ווערט דערציילט, אז דער קייסער האט דעמאלט געוואלט זען א מופת פון דעם מהר"ל, און דער מהר"ל האט אים געוויזן **דורך קבלה מחזות פון די אבות הקדושים**, ביז דער קייסער איז געפאלן פאר שרעק און האט פארשפראכן שטענדיג צו באשיצן די אידישע געמיינדע, נאך דעם באגעגעניש האט דער קייסער מבטל געווען עטליכע שווערע גזירות אויף די אידן אין מעהרן און בעהמען.

• • •

**אין ספר שם הגדולים להחיד"א ווערט געברענגט**, אז אין דער בארימטער אלט-ניי שול אין פראג פלעגט דער מהר"ל יעדן פרייטאג-צו-נאכטס פאר שבת נעמען דעם גולם, אים ארויסנעמען דעם שם הקדוש פון אונטער דער צונג, כדי ער זאל זיך אפרוען אום שבת, איין פרייטאג-צו-נאכטס האט דער מהר"ל פארגעסן ארויסצונעמען דעם שם פאר מען האט אנגעהויבן דאווענען, און ווען די שמשים האבן שוין געזאגט "**מזמור שיר ליום השבת**" (**וואס מיט דעם איז מען מקבל שבת**), האט דער גולם אנגעהויבן פארלירן קאנטראל און צוברעכן חפצים אויף די גאסן.

דער מהר"ל האט גלייך באפוילן אפצושטעלן דאס דאווענען, איז ארויסגעלאפן צום גולם, ארויסגענומען דעם שם פאר די שקיעה, און דער גולם איז גלייך איינגעשלאפן, דערנאך איז דער מהר"ל צוריקגעקומען אין שול און געהייסן איבערזאגן "**מזמור שיר ליום השבת**" **פון דאס ניי**, ביז היינטיגן טאג איז געבליבן דער מנהג אין דער אלט-ניי שול אין פראג **צו זאגן "מזמור שיר ליום השבת" צוויי מאל יעדן פרייטאג-צו-נאכטס**.

• • •

**אין ספר סיפורי מהר"ל ווערט געברענגט**, אז איין גרויסער שר אין פראג האט געהאט א גרויסע שנאה צום מהר"ל און צו די אידן, דער שר האט געדונגען מערדער זיי זאלן זיך אויסבאהאלטן ביינאכט נעבן דעם בארימטן קארלס-בריק אין פראג, אויפן וועג ווי דער מהר"ל פלעגט אריבערגיין פון זיין בית מדרש אהיים, כדי אים רח"ל אומצוברענגען.

דער מהר"ל האט מיט זיין רוח הקדוש גלייך מרגיש געווען די סכנה, און ווען דער מהר"ל איז אנגעקומען צום בריק, האט ער אריינגעקוקט אין די טיפע וואסערן פונעם טייך און ארויסגעזאגט א הייליגן שם, פלוצלונג האבן די רוצחים דערזען א גרויס פייער און ריזיגע ווענט פון פלאמען ארום דעם מהר"ל.

זיי האבן געפרובירט צו שיסן מיט פיילן, אבער אלע פיילן זענען צוריקגעפלויגן צו זיי אליין, די מערדער האבן באקומען א גרויסן שרעק, זענען געפאלן פאר די פיס פונעם מהר"ל, און געבעטן מחילה, און פארציילט ווער עס האט זיי געשיקט, דער שר האט דערזען אז דער מהר"ל איז אן איש אלוקים קדוש, איז ער גלייך געקומען צו לויפן איבערבעטן דעם מהר"ל, און האט צוגעזאגט מער קיינמאל נישט שלעכטס צו טון פאר אידן.

• • •

**אין ספר צמח דוד ווערט געברענגט**, אז איין שבת הגדול איז דער קייסער רודאלף אליין געקומען אין דער אלט-ניי שול אין פראג, מיט זיינע מיניסטארן, צו הערן דעם מהר"ל רעדן פארן גאנצן עולם, דער הייליגער מהר"ל האט גערעדט שעות לאנג מיט א געוואלדיגע חכמה, און ער האט אויסגעפירט די טיפע הלכות פונעם יום טוב פסח צוזאמען מיט הויכע חכמות פון דער וועלט-באשאפונג, רעכענונגען פון דער בריאה, און די גרויסקייט פון יושר און גערעכטיקייט.

דער גוי דער קייסער האט זיך נישט געקענט באהערשן פון התפעלות און האט אויסגערופן פאר

אלע זיינע מיניסטארן **אז ער האט נאך קיינמאל נישט געהערט א מענטש אויף דער וועלט מיט אזא ברייטע און טיפע חכמה ווי דער אידישער רב**, נאך יענעם שבת האט דער קייסער געגעבן באזונדערע שוץ-בריוו פאר דער גאנצער קהילה, אלעס אין זכות פונעם הייליגען מהר"ל זי"ע.

• • •

**אין ספר נפלאות מהר"ל ווערט געברענגט**, אז איינמאל פאר פסח האט א שונא ישראל באצאלט פאר א אידישן משרת, אז ער זאל אריינשמוגלען פאר'סמ'טע פלעשער וויין אין דעם מהר"ל'ס קעלער, כדי דער מהר"ל און זיינע געסט זאלן חלילה געשעדיגט ווערן ביי די ד' כוסות.

דער מהר"ל האט מיט זיין הייליג אויג האט גלייך דעשפירט די סכנה, און פארן סדר איז דער מהר"ל אליין אראפגעגאנגען אין קעלער צוזאמען מיט זיין קנעכט, און דער מהר"ל האט אנגעוויזן מיטן שטעקן אויף די ספעציעלע פלעשער, און געהייסן דעם קנעכט זיי אויפהייבן און טרינקען א גלאז דערפון, דער קנעכט האט געציטערט פאר גרויס שרעק, און געפאלן אויף די קני, און מודה געווען איבער זיין שלעכטן פלאן, און אויסגעזאגט ווער ס'האט אים באצאלט, **דער מהר"ל האט געהייסן אויסגיסן דעם גאנצן סם אויף דער ערד, און דאס גאנצע הויזגעזינד איז ניצול געווארן.**

• • •

**אין ספר דרכי משה ווערט געברענגט**, אז ווען דער הייליגער מהר"ל זי"ע איז אמאל געגאנגען שפאצירן אויפן פעלד מיט זיינע תלמידים, האבן זיי גערעדט אין טיפע סודות התורה וועגן די כוחות פון די נעמען פונעם באשעפער וואס זענען באהאלטן אין יעדן בריאה און אין יעדן בוים.

אינמיטן שמועס איז דער הייליגער מהר"ל געשטאנען לעבן א הויכן שטארקן בוים און אויסגעדריקט א ווארט פון חז"ל אויף די בריאה, **פלוצלונג האבן אלע תלמידים געזען ווי דער גאנצער שווערער בוים בייגט זיך אראפ ביז דער ערד לכבוד דעם מהר"ל און לכבוד די הייליגע ווערטער, און איז דערנאך שטייטליך צוריק אויסגעגליכן געווארן**, די תלמידים זענען געשטאנען פארציטערט פון דעם גרויסן כח, **אבער דער מהר"ל האט זיי באפוילן נישט צו פארציילן די מעשה ביי זיין לעבן.**

• • •

**אין ספר שבחי מהר"ל ווערט געברענגט**, אז אין א צייט פון שווערע רדיפות האבן די קעניגליכע וועכטער געזוכט דעם הייליגען מהר"ל זי"ע כדי אים צו ארעסטירן צוליב א פאלשן בלבול, דער מהר"ל איז אראפגעלאפן אינעם אונטערשטן קעלער זיך אויסצובאהאלטן, דער הייליגער מהר"ל איז אריין און פארמאכט די טיר, און האט מתפלל געווען צום אייבערשטן.

באלד איז אנגעקומען **א גרויסער שפין (ספיידער בלע"ז) און האט איבערגעצויגן א געדעכטע שפינדלוועב איבער דער גאנצער ברייט פון דער טיר און אירע שפאלטענעס**, און ווען די רשעים זענען אנגעקומען צום קעלער, האבן זיי געזען די גאנצע שפינדלוועב גאנץ און אומבארירט, האבן זיי געזאגט איינער צום צווייטן, אז עס איז זיכער קיינער נישט אריין דא א לאנגע צייט, און זענען אוועקגעגאנגען, **און אזוי איז דער הייליגער מהר"ל געראטעוועט געווארן בדרך נס**, פונקט ווי דוד המלך אין דער מערה.

• • •

**אין די מסורות קהילת פראג ווערט געברענגט**, אז אויפן אידישן ראטהויז אין פראג הענגט **א באקאנטער זייגער מיט אידישע אותיות אנשטאט נומערן, וואס די זייגער-ווייזערס גייען פארקערט, פון רעכטס צו לינקס, פונקט ווי מען שרייבט לפה"ק**, ווערט דערציילט, אז דער הייליגער מהר"ל זי"ע האט מיט זיין כח הקבלה און טיפע חכמה געמאכט **אז דער זייגער זאל זיך דרייען פארקערט, כדי צו ווייזן פאר די הערשאפט אז דער זמן און די הנהגה פון כלל ישראל איז העכער פונעם נאטורליכן סדר פון דער וועלט.**

איינמאל האט א פיינטליכער מעיאר געוואלט פארריכטן דעם זייגער אז עס זאל לויפן ווי אלע גוישע זייגערס, אבער יעדעס מאל די אינזשענירן האבן פרובירט אים צו דרייען אויף פאראויס, האט דער גאנצער מעכאניזם געפלאצט און זיך אפגעשטעלט, ביז מען האט אים צוריקגעלאזט גיין אויף דעם סדר וואס דער הייליגער מהר"ל'ס האט געמאכט.

• • •

**אין ספר מעשה ניסים ווערט געברענגט**, אז איינמאל האט דער הערשער אונטערגעשריבן א

גזירה צו פארטרייבן אלע אידן פון פראג ביז דרייסיג טעג, דער הייליגער מהר"ל זי"ע האט געהייסן דער גאנצער שטאט גוזר תענית זיין, און ער אליין איז אריין אין א באזונדער צימער און עוסק געווען אין יחודי שמות.

יענע נאכט האט דער הערשער געהאט א שרעקליכן חלום, **ער האט געזען א פייערדיגע האנט מיט א בלויזע שווערד וואס שטייט העכער זיין בעט, און א קול האט אים געווארנט, אז אויב ער צערייסט נישט דעם גירוש-בריוו גלייך אינדערפרי, וועט ער און זיין גאנצע מלוכה פארלענדט ווערן אין איין רגע**, אינדערפרי איז דער הערשער אויפגעשטאנען פארציטערטערהייט, האט גלייך געלאזט רופן דעם מהר"ל, צעריסן דעם כתב הגזירה פאר זיינע אויגן, און געבעטן דעם מהר"ל זאל מתפלל זיין פאר זיין לעבן און פאר זיין שלום.

• • •

**אין ספר תולדות המהר"ל ווערט געברענגט**, אז דער קייסער האט אמאל געוואלט אויספרובירן צי דער מהר"ל ווייסט באמת זאכן וואס קיינער זעט נישט, ער האט אריינגערופן דעם מהר"ל אין פאלאץ און געזאגט, "**איך האב באהאלטן דריי פון מיינע געטרייע מיניסטארן אין פארשידענע ערטער אין שטאט, זאג מיר וואו יעדער איינער געפינט זיך יעצט**", דער הייליגער מהר"ל האט געבעטן מען זאל ברענגען א קלארע גלאז אנגעפילט מיט קלארע וואסער, דער מהר"ל האט אריינגעקוקט אין די וואסער, און ארויסגעזאגט א הייליגן שם, און געזאגט פארן קייסער, "**קוק אליין אריין**".

דער קייסער האט אריינגעקוקט און דערזען מיט זיינע אייגענע אויגן א בילד **ווי דער ערשטער מיניסטאר זיצט אין א קעלער אונטער דעם שלאס, דער צווייטער ליגט באהאלטן אין א שייער אויסער דער שטאט, און דער דריטער זיצט אין א וואלד אונטער א גרויסן שטיין**, דער קייסער האט באלד געשיקט זיינע וועכטער, און מען האט זיי טאקע געטראפן פונקט אין יענע פלעצער, **און דער קייסער איז געבליבן ערשטוינט פון דעם גרויסן כח פונעם הייליגן מהר"ל.**

• • •

**אין ספר מעשיות פראג ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז דער הייליגער מהר"ל זי"ע געפארן אויפן וועג פון פראג קיין ניקלשבורג אינמיטן א ביטערן ווינטער טאג, אינמיטן וועג איז אונטערגעקומען א שווערער שניי-שטורעם, די פערד האבן מער נישט געקענט שלעפן דעם וואגן, און זיי זענען פלוצלונג געפאלן פאר מידקייט און קעלט, דער בעל עגלה האט געוויינט פאר שרעק אז זיי גייען חלילה פארפרוירן ווערן אינמיטן וואלד.

דער הייליגער מהר"ל איז ארויסגעגאנגען פונעם וואגן, האט אנגערירט די ראד פונעם וואגן מיט זיין שטעקן, און געהייסן דעם דרייווער זיך צוריק זעצן אויפן בענקל און האלטן די לייצעס אין די הענט, אן די פערד, דער וואגן האט אנגעהויבן פארן פון זיך אליין מיט א געוואלדיגע שנעלקייט איבער די הויכע שניי-בערג, אן קיין פערד וואס זאלן אים שלעפן, ביז זיי זענען אנגעקומען בשלום צום נעקסטן שטעטל פארן זמן פונעם שבת.

• • •

**אין ספר דרכי משה ווערט דערציילט**, אז איין ערב יום כיפור אינדערפרי זענען הונדערטער אידן געזעסן אינעם גרויסן בית מדרש אין פראג און געלערנט מיט גרויס התמדה, פלוצלונג איז דער הייליגער מהר"ל זי"ע אריינגעקומען מיט א בהלה, צוגעלאפן צום עמוד, געקלאפט אויפן טיש און געשריגן מיט א הויכן קול, "**אלעמען ארויס גלייך פון דעם בית מדרש, לאזט נישט איבער קיין איין מענטש אינעווייניג**", דער עולם האט זיך דערשראקן און יעדער איז ארויסגעלאפן אויף דער גאס אין עטליכע סעקונדעס.

ווי נאר דער לעצטער מענטש האט ארויסגעטרעטן איבער דער שוועל, **האבן זיך די הויפט-באלקענעס פונעם דאך צובראכן מיט א שרעקליכן קראך, און דער גאנצער שווערער דאך איז איינגעפאלן אויף די ליידיגע בענק**, און דער הייליגער מהר"ל האט מיט זיין רוח הקודש געזען דעם סכנה פון פאראויס און געראטעוועט הונדערטער אידישע נפשות פון א זיכערן טויט.

• • •

**אין ספר תולדות גדולי ישראל ווערט געברענגט די מעשה**, אז איינמאל איז געקומען אן אלמנה וויינען צום הייליגן מהר"ל זי"ע, אז איר מאן איז נפטר געווארן און איבערגעלאזט א גרויס פארמעגן, אבער די גאנצע געלד און די שטר צוואה איז געלעגן ביי א שותף, און יענער שותף לייקנט

אלעס און טענה'ט אז ער איז גארנישט שולדיג פאר די יתומים, **דער שותף איז געקומען אין בית דין און געשוואוירן אויף זיין לעבן אז ער האט קיינמאל נישט גענומען קיין שום געלט**.

דער הייליגער מהר"ל האט מיט זיינע הייליגע אויגן אריינגעקוקט טיף אין די אויגן פון דעם שותף, און דאן האט דער הייליגער מהר"ל זיך אנגערופן צום שמש און געזאגט, "**גיי גלייך צום הויז פון דעם שותף, עפן אויף דעם דריטן שופלאד אין זיין שלאפצימער, הייב אויף דאס אונטערשטע ברעט, און ברענג מיר דאס זעקל וואס ליגט דארט באהאלטן**", דער שמש איז געגאנגען און געטראפן פונקט דארט דאס גאנצע פארמעגן מיט דעם שטר צוואה, דער שותף איז געפאלן אין חלשות פון גרויס שרעק, זעענדיג אז דער הייליגער מהר"ל זעט אלעס וואס טוט זיך אין זיין באהאלטענעם הויז כאילו ער שטייט דארט אליין.

• • •

**אין ספר נפלאות מהר"ל ווערט דערציילט**, אז איין ליל הסדר האט דער מהר"ל געפראוועט די עבודה מיט גרויס ברען, ווען מען איז אנגעקומען צו שפוך חמתך, האט דער מהר"ל געהייסן עפענען די טיר פאר אליהו הנביא, אינדרויסן איז געשטאנען א פראסטיגער גלח פארשטעלט ווי אן ארימאן, וואס האט מיטגעבראכט א סם-געמיש צו גיסן אין די בעכער'ס פונעם סדר-טיש כדי מיט דעם צו ח"ו הרג'ענען די אלע געסטביים טיש.

דער מהר"ל האט אים געוואונקען אריינצוקומען, אים געגעבן א שיין פלאץ ביים עק טיש, און נישט געזאגט קיין שלעכט ווארט, ווען מען איז אנגעקומען צום כוס של אליהו, האט דער מהר"ל אויפגעהויבן דעם גרויסן כוס, צוגעגאנגען צו יענעם פרעמדן מענטש און געזאגט מיט רוח הקודש, "**טרינק אויס דעם כוס, אבער וויסן זאלסטו אז אויב אין דיין הארץ ליגט שלעכטס אויף אידישע קינדער, וועט דאס וואסער פארוואנדלט ווערן אין שרעקליכע פייער אין דיינע געדערעם**".

דער גלח האט אנגעהויבן ציטערן איבערן גאנצן קערפער, אראפגעווארפן די סם-פלאש פון אונטער זיין מאנטל אויף דער ערד, און איז ארויסגעלאפן שרייענדיג אז דער אידישער רב זעט אלע מחשבות פונעם מענטש.

• • •

**אין ספר שבחי מהר"ל ווערט דערציילט**, אז איינמאל אינמיטן די נאכט איז דער מהר"ל פלוצלונג אויפגעשטאנען פון זיין לערנען, אנגערופן זיין שמש, און געהייסן גלייך **אנצינדן דריי ליכט אינעם פענסטער וואס קוקט ארויס צום צפון-זייט פונעם שטאט-וואלד, און אנגעהויבן זאגן קאפיטלעך תהלים מיט גרויס געוויין**, דער שמש האט נישט פארשטאנען וואס דא קומט פאר, אבער ער האט אזויפיל פארשטאנען, אז דער הייליגער רב פאראורבעט יעצט גאר גרויסע זאכן.

יענע נאכט איז א יונגער סוחר געווען פארבלאנדזשעט אין דעם געדעכטן וואלד, ארומגערינגלט מיט וועלף און רויבער וואס האבן אים געוואלט אומברענגען, **פלוצלונג האט יענער יונגערמאן דערזען א גרויסע שיין פון דריי פייערן פון ווייטנס, וואס האט אים געוויזן דעם וועג ארויס פונעם וואלד גראד קיין פראג, און די רויבער זענען געווארן בלינד און נישט געקענט נאכלויפן**.

אינדערפרי ווען דער סוחר איז געקומען אין שול דאנקען דעם אייבערשטן, איז דער הייליגער מהר"ל צוגעגאנגען צו אים און געזאגט, "**דיין מאמע'ס טרערן ביים ליכט-צינדן האבן דיר בייגעשטאנען צוזאמען מיט די דריי ליכט אינעם פענסטער**", דער סוחר איז געבליבן ערשטוינט פון ווי דער מהר"ל האט געוואוסט אז ער איז געווען אין א סכנה, און האט אים פון דערווייטענס געראטעוועט.

• • •

**אין ספר תולדות המהר"ל ווערט געברענגט**, אז איינמאל האט א גלח געוואלט אנזייען א גרויסע פאניק אין דער אידישער געגנט, ער האט אפגעמאכט צו קלינגען מיט די הויכע שפיץ-גלאקן פונעם קלויסטער אינמיטן א פראסטיגער נאכט, א סימן וואס פלעגט רופן די גאסן-יונגען אנצופירן ראיאטן און באפאלן אידישע הייזער, אבער דער הייליגער מהר"ל האט אינמיטן לערנען דערשפירט די סכנה מיט זיין רוח הקודש.

ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער, **ארויסגעשטעקט זיין שטעקן קעגן דעם טורעם, און ארויסגעזאגט א הייליגען שם**, ווען דער גלח און זיינע געהילפן האבן אנגעהויבן שלעפן די דיקע

שטריק מיט אלע כוחות, האבן די אייזערנע קלעפערס זיך גארנישט גערירט און עס איז נישט ארויסגעקומען קיין שום קלאנג, זיי האבן געשלעפט ביז די הענט האבן זיי געבלוטיגט, אבער די גלאקן זענען געבליבן שטום ווי א שטיין, אינדערפרי האבן זיי געזען **ווי די שווערע אייזנס זענען געווען פאראליזירט אין דער לופטן**, ביז דער מהר"ל האט צוריק אראפגעלאזט זיין האנט.

• • •

**אין ספר דרכי משה ווערט דערציילט**, אז אין איין שווער יאר איז געווען א שרעקליכער הונגער אין גאנץ בעהמען, און עס איז נישט געווען צו באקומען קיין שום מעל צו באקן ברויט פאר די שבתים און ימים טובים.

א גרויסער טייל אידן זענען געווען אין א גרויסן דחקות אן קיין שטיקל עסן אין שטוב, דער הייליגער מהר"ל האט געהייסן זיין שמש אריינברענגען דעם איינציגן זאק מעל וואס איז געבליבן אין זיין קעלער, און האט אנגעזאגט פאר דער רעבעצין זי זאל טיילן מעל פאר יעדן ארימאן וואס קלאפט אויף דער טיר.

אבער דער הייליגער מהר"ל האט אנגעזאגט פאר די רעבעצין, **אז זי טאר בשום אופן נישט אריינקוקן אינעווייניג אין דעם זאק בעת זי נעמט ארויס דערפון**, לפלא וואכן און חדשים זענען אריבער, הונדערטער משפחות האבן גענומען פולע שיסלעך מעל יעדן טאג פון יענעם איינעם זאק, און דאס מעל איז נישט געווארן ווייניגער, ערשט ווען איינער האט פארגעסן וואס דער הייליגער מהר"ל האט אנגעזאגט, **און האט יא אריינגעקוקט אין דעם זאק צו זען וויפיל עס איז נאך דא, האט זיך די ברכה אפגעשטעלט**, פונקט ווי ביי דער פלאש ביי אלישע הנביא.

• • •

**אין ספר שבחי מהר"ל ווערט דערציילט**, אז איינמאל האט א פיינטליכער שרייבער אינעם קעניגליכן הויף פארפאסט א כתב שטראף מיט שווערע שטייערן און גזירות אויף די אידן אין פראג, און געלייגט דעם פאפיר אויפן טיש פונעם קייסער אז ער זאל עס אונטערשרייבן דעם נעקסטן אינדערפרי, וואס דאס וואלט ח"ו געמיינט געפערליכע שטייערן גזירות וואס וואלט ארויפגעפאלן אויף די אידן פון שטאט.

יענע נאכט איז דער הייליגער מהר"ל געזעסן פארטיפט אין קבלה, **ער האט גענומען א ליידיג שטיקל פאפיר, גע'טובל'ט א פעדער אין טינט, און געצויגן איין גראדע שורה איבערן פאפיר אן קיין ווערטער**, ווען דער קייסער האט אינדערפרי אויפגעהויבן יענעם בייזוויליגן בריוו עס אונטערצושרייבן, **איז דאס גאנצע פאפיר געווען אינגאנצן ווייס און גלאט, יעדעס איינציג ווארט און אות פון דער גזירה איז נעלם געווארן כאילו עס איז קיינמאל נישט געשריבן געווארן**, דער קייסער האט פארשטאנען אז דא ליגט א יד השם, און האט פארטריבן יענעם שרייבער פונעם הויף.

**יארצייט י"ט אלול**

**הרה"ק רבי משולם שרגא פייבוש ב"ר נפתלי הירץ זי"ע, (האלפרין), בעל שפת אמת מברעזאן**

ער איז געבוירן **בשנת תקע"ט**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי נפתלי הירץ אב"ד ברעזאן** זי"ע, (מגדולי תלמידי **החוזה מלובלין** זי"ע),
דער טאטע זי"ע איז געווען א גאון עצום און א גרויסע **בעל מקובל**, און עס ווערט דערציילט, אז דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט דעם טאטן מצרף געווען אין די **חבריא קדושה**, **בעפאר זיין פטירה צו ברענגען די גאולה**.

און צו זיין מאמע ע"ה וואס איז געווען פון די גזע פון הגה"ק **רבי משולם פייבוש הלר בעל יושר דברי אמת מזבריז** זי"ע, און נאך דעם זיידן האט ער באקומען זיין הייליגע נאמען **משולם פייבוש**.

ער איז געווען א איש צדיק וחסיד ופרוש, ער איז געווען מפורסם אלס א גאון בתורה און א בקי נפלא בש"ס ופוסקים, ער איז געווען א בעל כישרון נפלא בור סיד שאינו מאבד טיפה, ער איז געווען א איש קדוש מאוד, ער האט זיך געפירט זיין גאנץ לעבן מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה,

ער איז געווען א גרויסער עניו און בעל מידות נפלא, ער האט זיין גאנץ לעבן מקרב געווען יעדן אידיש קינד מיט א געוואלדיגע אהבה, ער איז געווען מקושר צו רוב פון די צדיקי הדור, טויזענטער אידן האבן זיך מסתופף געווען בצלו פון דעם צדיק וקדוש.

דער צדיק איז געווען מפורסם מיט זיין גרויסע פרישות און זיין געוואלדיגע בקיאות אין תורת הנסתר, ער איז געווען באוויסט אלס **א בקי בתורת האריז"ל און אויך אין זוהר און תורת הקבלה**, דער צדיק האט זיין גאנץ לעבן מקפיד געווען צו דאווענען אין א סידור האריז"ל און מכוון געווען די געהויבענע כוונות האר"י.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת חנה** ע"ה,

בת הרה"ק **רבי אשר ישעי' רובין בעל אור ישע מראפשיץ** זי"ע, (חתן הרה"ק **רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מראפשיץ** זי"ע),
בן **הצדיק הנסתר** הרה"ק **רבי אליעזר ליפמאן** זי"ע.

מען דערציילט, אז ווען דער הייליגער שפת אמת מברעזאן זי"ע איז געפארן צום חתונה קיין ראפשיץ, האט אים דער צדיק הרה"ק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע געזאגט, לגבי זיין שווער דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע, **וויסן זאלסטו, אז דיין שווער איז אזוי ווי א מין תחש, ווי גרעסער ער ווערט, אלס קלענער ווערט ער ביי זיך**.

ער האט זיך מסתופף געווען בצלו פון די צדיקים בדורו ובתוכם.

הרה"ק **רבי ארי' לייבוש ליפשיץ בעל ארי' דבי עילאי מווישניצא** זי"ע,
הגה"ק **רבי אברהם דוד וואהרמן בעל אשל אברהם מבוטשאטש** זי"ע,
הרה"ק **רבי שמעון בעל תורת שמעון מיערסלוב** זי"ע,
הגה"ק **רבי יוסף שאול הלוי נאטאנזאהן בעל שואל ומשיב אב"ד לבוב** זי"ע,
**זיין שווער** הרה"ק **רבי אשר ישעי בעל אור ישעי מראפשיץ** זי"ע.

נאך די חתונה איז ער געזעצן על התורה ועבודה על שולחן חמיו מיט א געוואלדיגע התמדה, די שווער האט גאר שטארק גערעדט פון די גדלות און קדושה פון זיין איידעם, און אים גאר שטארק מכבד געווען, אויך האט דער שווער גאר שטארק מפליא געווען זיין געוואלדיגע מדות החסד וצדקה, וואס ווי באקאנט איז די שטוב פונעם צדיק רבי משולם פייבוש זי"ע געווען אפען פאר יעדן איד, דער צדיק וקדוש האט געהאט אן אוזן קשבת פאר יעדן איינעם מיט א געוואלדיגע אהבה.

עס האט דערציילט הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל מיאסלא זי"ע, אז דער צדיק דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע האט געהאט א מנהג, **אז וויבאלד עסן צוקער איז דאך מותרות, דערפאר האט ער די צוקער ביי זיך אין שטוב פארשפארט, און יעדער וואס האט געברויכט צוקער פאר סיי**

**וואס, האט געברויכט בעטן פונעם רבין**, כדי צו מחנך זיין די שטוב מענטשן זיך נישט צו נאך געבן קיין מותרות.

און דערפאר האט דער איידעם רבי משולם פייבוש, ווען ער האט געברויכט האבן צוקער פאר די קאווע צופרי, האט ער אזוי ווי יעדן געברויכט גיין צום שווער, און וויבאלד דער איידעם איז געווען א מתמיד עצום, און יעדעס מאל ער האט דאס געטון, האט ער ביי זיך געטראכט, אז דאס איז דאך ביטול תורה, ווייל ער ברויך גיין צום שווער און ווארטן ביים טיר ביז די שווער גיבט אים די צוקער, אבער דער איידעם האט די צייט אויס געניצט צו איבער טראכטן זיין גאנצע התנהגות און מאכן א חשבון הנפש אויפן גאנצן טאג, כדי ער זאל מתקן זיין זיינע התנהגות.

איינמאל איז א איד געקומען צום שווער דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע, און ער האט זיך אויף געהאלטן דארט פאר צוויי וואכן, אבער דאן האט דער איד געוואלט אהיים גיין, אבער ער האט צו זיך געטראכט, אז דער ראפשיצער רב האט אים נאך בכלל נישט געגעבן קיין דרך אין עבודת ד'.

דאן איז ער אריין אין שטוב פונעם איידעם דער צדיק מבערזאן זי"ע, און געטראכט, אז אפשר וועט ער אים געבן א דרך אין עבודת ד', און ער זעהט דעם איידעם ארום גיין ביי זיך אין שטוב אהין און צוריק, און דאן הערט ער ווי דער צדיק רבי משולם פייבוש זאגט, און פסוק (פרשת וילך ל"א) זאגט די תורה, **וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל**, איז די שאלה, **איז דען משה רבינו ע"ה געגאנגען צו יעדן איד אין שטוב און איבער געגעבן דעם דבר ד' פאר יעדן איד פרעזענליך**.

נאר די פשט איז, אז משה רבינו ע"ה איז ארום געגאנגען ביי זיך אין שטוב אין א מוראדיגע דביקות, און ער האט דארט געזאגט דעם דבר ד', און דורך דעם איז דער דבר ד' אנגעקומען צו יעדן איד, ווייל דאס איז געווען דער כח פון דעם גרויסן רבין משה רבינו ע"ה, דאן האט דער איד שוין גוט פארשטאנען וואס דער צדיק מיינט צו זאגן, **אז ווען מען קומט צו א רבין דארף די רבי נישט פרעזענליך זאגן דעם דבר ד', נאר יעדער איד וואס קוקט צו דעם עבודה פונעם רבין, דארף ארויס נעמען א דרך אין עבודת ד'.**

בשנת תר"ה ווען זיין הייליגע טאטע זי"ע איז נסתלק געווארן, האט דער זוהן רבי משולם פייבוש זי"ע איבער גענומען דאס רבנות אין **ברעזאן**, אלס ממלא מקום פון זיין טאטן, דאן איז ער באוויסט געווארן מיט זיין געוואלדיגע גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה מיט וואס ער האט זיך געפירט, אויך איז ער געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל וואס ער האט יעדן איד ליב געהאט אהבת נפש ממש.

ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע עניו, ער האט פון זיך באמת נישט געהאלטן, און כסדר געזאגט אז ער איז בכלל נישט העכער פון קיין שום איד, נאר וויבאלד ער האט געהאט א הייליגע טאטע און ער האט א שווער א קדוש וטהור, דאס געט אים די כח צו קענען מדרך זיין אידישע קינדער אויפן ריכטיגן וועג און געבן ברכות.

מען דערציילט, אז מיט זיין גרויסע כח דקדושה האט ער כסדר געשפירט ווען די חסידים רעדן פון זיין גדלות אין ביהמ"ד, און דער צדיק איז ארויס געקומען און געבעטן, **אז מען זאל אויפהערן רעדן פון זיין גדלות, ווייל דאס שטערט אים אין זיין עבודת ד'.**

ער איז געווען גאר שטארק מקושר מיט די צדיקים און גאונים פונעם דור, וואס אלע בפה אחד האבן מעיד געווען, אז דער צדיק איז א קדוש וטהור און טוט אלעס נאר לשם שמים און האט גאר גרויסע כוחות דקדושה.

גאר אסאך פון זיין תורה האט ער מקבל געווען פון זיין הייליגען טאטן זי"ע, אבער דער קשר וואס ער האט געהאט מיט זיין הייליגען שווער דער בעל אור ישע זי"ע איז געווען גאר שטארק, די שווער האט דעם איידעם גאר שטארק מכבד געווען און מעריץ געווען זיין גדלות בתורה ובקדושה, און כסדר געזאגט, **אז דער איידעם איז א איש האמת**, און כסדר געזאגט פאר זיינע חסידים, **אויב ווילט איר לערנען דעם ריכטיגן מדת האמת, גייט צו מיין איידעם רבי משולם פייבוש זי"ע ווייל ער איז א איש האמת.**

דער צדיק האט זיין גאנץ לעבן זיך געפירט מיט די מנהגים פון די חסידים דעם הייליגען דרך הבעש"ט הקדוש זי"ע, און דערפאר האט ער גאר אסאך געליטן פון די מתנגדים, וואס האבן נישט געקענט דערהייבן אז ער ברענגט אריין און פארשפרייט דעם דרך החסידות, אבער דאס האט בכלל נישט געשטערט דעם צדיק אין זיין עבודת השם, נאר ער האט זיך ווייטער אזוי געפירט, און אויך זיינע תלמידים האט ער אזוי מדריך געווען אויפן הייליגען דרך הבעש"ט הקדוש זי"ע.

אויך האט אים זיין שווער פון גרויסע אהבה געגעבן די תפילין וואס ער האט געהאט בירושה, פון זיין שווער דער הייליגער זרע קודש מרופשיץ זי"ע, און אויך האט אים דער שווער מסמיך געווען להוראה, ווי מען זעט וואס דער זון הרה"ק רבי ארי' לייבוש זי"ע שרייבט בזה"ל, "**אדמו"ר נסמך מאת אריות שבחבורה בעלי אספקלריה המאירה מאת חותנו הצדיק הקדוש מו"ה אשר ישעיה זצללה"ה נשמתו באור החיים צרורה, ובעודו רך בשנים ניתן לו הסכמה ממנו שיכתוב ידו לד' מה שחידש בתורה הטהורה בתדירא, אף כי הוא היה מקפיד על זה והזהיר באזהרה**".

לגבי זיין געוואלדיגע קדושה וטהרה און זיין אהבת ישראל, קען מען זען ווי זיין זון הרה"ק רבי ארי' לייבוש זי"ע שרייבט אין די הקדמה פון דעם טאטן'ס ספר שפת אמת בזה"ל, "**שוב"ר הרזי"ם חכם חרשים, ידיד ד' וידיד אנשים, חכם מקובל אלוקי נבון לחשים, בוצינא קדישא דחילא ופרישא כקש"ת משולם שרגא פייבוש זצוק"ל, צדיק חסיד ועניו, וחכמת אדם תאיר פניו לקבל כל אדם בסבר פנים יפות בנועם שיחתו, האיר מחשכים, ונשמע קולו בבואו לדבר בקודש ורבים מישיני אדמת עפר אולת הקיץ לחיי עולם בקול תפילתו, כל השומע אותו אף אם אבן הוא נימוח וכחץ כליותיו הפליח, ורוח חיים בקרבו הפיח**".

ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע מידת הצדקה וחסד, ער האט גאר גרויסע סכומים אויס געטיילט פאר עניים און צובראכענע אידן פון שטאט, יעדער האט געטראפן א אפען טיר ביי דעם צדיק וקדוש, ער האט מיט א מסירת נפש צוזאמען געשטעלט גרויסע סכומים פאר צדקה וחסד, אויך איז דער צדיק געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע אמונה פשוטה אינעם גרויסן באשעפער, און דאס האט דער צדיק משריש געווען אויך אין זיינע תלמידים.

זיינע דברי תורה זענען געדריקט געווארן אין זיין הייליגען **ספר שפת אמת**.

ער האט איבער געלאזט נאך זיך זיינע קינדער.

הרה"ק **רבי חנני' יוסף** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת טשארני** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי יעקב יעקבקא היילפרין בעל ברכת יעקב מסוקולבקה** זי"ע,
בנו הרה"ק **רבי אברהם זרח ארי' יהודה לייבוש בעל אמרי יהודה מבערזאן** זי"ע, ממלא מקום אביו בבערזאן,
אויך האט ער געהאט א זון **הצדיק אשר ישעי'** זי"ע, וואס איז ל"ע נפטר געווארן בחייו פונעם טאטן **ביי די 16 יאר אלט**.

נסתלק לגנזי מרומים **י"ט אלול בשנת תרל"ד**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **ברעזאן**, און ביי זיין פטירה האט דער צדיק געבעטן, **אז מען זאל נישט פארמאכן זיין אוהל מיט א שלאס, נאר אזוי ווי זיין שטוב איז אייביג געווען אפען פאר יעדן איד בחייו, אזוי זאל זיין ציון זיין אייביג אפען פאר יעדן איד נאך זיין פטירה**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**מען דערציילט**, אז נאכן פטירה פונעם טאטן זי"ע איז דער זוהן הרה"ק בעל אמרי יהודה זי"ע געגאנגען צום הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע, און בתוך הדברים האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע געזאגט צום זוהן, **ווי לאנג דער טאטע איז געווען בעולם הזה איז ער געווען רבי, אבער פון יעצט זענען מיר רבי'ס**.

עס האט דערציילט דער הייליגער זוהן הרה"ק בעל אמרי יהודה זי"ע, אז ווען ער איז אנגעקומען צו זיך אין שטוב, האט ער שוין געטראפן א קוויטל

פון די רעבעצין פונעם הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע, און זי שרייבט דארט, **אז זי האט דעם קוויטל געשיקט צו אים, ווייל זי האט נאך קיינמאל נישט געהערט פון איר הייליגער מאן דער צאנזער רב זי"ע אזאנע ווערטער אויף איינעם, אז ער איז א רבי, און דערפאר האט זי גלייך געשיקט א קוויטל צו אים.**

• • •

**דער זוהן הרה"ק בעל אמרי יהודה זי"ע האט דערציילט א מעשה נורא**, וואס פון דעם קען מען זעהן, אז דער טאטן זי"ע האט געהאט רוח הקודש, געווען איז דאס יום הקדוש ביינאכט בשנת תרכ"ז, נאכדעם וואס מען האט געענדיגט כל נדרי, און מען האט צוריק געלייגט די ספרי קודש אינעם ארון, האט זיך דער טאטע דער הייליגער שפת אמת זי"ע אויף געשטעלט און געזאגט א דרשה.

ער האט אנגעהויבן מיט די ווערטער, די פסוק זאגט (תהילים ל. י"ג) **לְמַעַן יְזַמֶּרְךָ כָבוֹד וְלֹא יִדֹּם ד' אֱלֹקַי לְעוֹלָם אוֹדֶךָּ**, האט די טאטע זי"ע מסביר געווען , אז עס איז דא צוויי בחינות פון דאנקען דעם גרויסן באשעפער, איינס איז, **ווען א איד באקומט א טובה און ווערט געהאלפן מיט א ישועה, דאן דאנקט דער איד דעם באשעפער אויף די חסדים וואס דער באשעפער האט מיט אים געטון, און דאן קומט די שבח והודאה צום באשעפער אויף א גרינגערן אופן.**

דאן איז אבער דא א מענטש, וואס ח"ו עס איז געקומען אויף אים א צרה, אבער אזוי ווי חז"ל זאגן דאך, "**חייב אדם לברך על הרעה, כשם שמברך על הטובה**", און ח"ו אויב דער באשעפער שיקט יסורים של אהבה פאר א איד **מיט מיתות בנים רח"ל**, דארף א איד אויך לויבן און דאנקען דעם גרויסן באשעפער, **ווייל מאיתו לא תצא הרעה**, און מען דארף מקבל זיין די יסורים באהבה.

און דאן האט דער הייליגער צדיק מבערזאן זי"ע מסיים געווען זיינע ווערטער בזה"ל, "**איין פאטש אויף אמאל איז נאך צו דערליידן, אבער נישט קיין צוויי, צו צוויי פעטש האבן מיר נישט קיין כח**".

דער עולם האט נישט פארשטאנען וואס די ווערטער פונעם צדיק האט געמיינט, אבער ליידער אפאר וואכן שפעטער יום א' דחנוכה זענעןביידע קינדער פונעם רבין קראנק געווארן מיט א שרעקליכע מחלה, און די מצב האט זייער נישט גוט אויסגעזען בייביידע קינדער.

ליידער ח' טבת בשנת תרכ"ז **איז דער זון הצדיק אשר ישעי זי"ע נפטר געווארן**, אבער בחסדי ד' יתברך איז דער זון רבי לייבוש זי"ע געזונט געווארן און זיך ארויסגעדרייט, **דאן האט מען שוין פארשטאנען וואס דער צדיק האט געזאגט און מרמז געווען יום הקדוש.**

• • •

**ווי דערמאנט האט דער הייליגער צדיק אנגעזאגט בעפאר זיין פטירה**, אז דעם מקום פון זיין ציון זאל אייביג זיין אפען פאר אידן, אז מען זאל קענען גרינג צו קומען צום ציון הקדוש, און דער זון הרה"ק בעל אמרי יהודה זי"ע האט אויף דעם זייער מקפיד געווען און נישט געלאזט דעם שומר פונעם ביה"ח לייגן א שלאס אויפן ציון הקדוש.

איין צופרי האט דער זוהן דער הייליגער אמרי יהודה זי"ע געזאגט פאר זיינע מקורבים, אז די נאכט איז דער טאטע געקומען אין חלום, און געהאט תערומות און געזאגט, **היתכן מען האט פארשלאסן זיין ציון הקדוש, און א איד האט נישט געקענט צו קומען צום ציון אנצונדען א ליכט.**

אזוי ווי דער זוהן האט דאס געענדיגט זאגן, איז א איד אין ביהמ"ד כמעט צוזאמען געפאלן, און ווען מען האט דעם איד דערמינטערט, האט ער דערציילט, אז ער האט א מנהג, אז אונעם טאג פונעם יארצייט פון זיינע עלטערן וואס ליגען אינעם ביה"ח ווי דער רבי ליגט, גייט ער אייביג ארויף צו ציון פונעם רבין, און צינט אן א ליכט לעילוי נשמתו פונעם צדיק.

אבער נעכטן איז געווען די יארצייט פון איינע פון די עלטערן, און ווען ער איז אנגעקומען צום ציון פונעם צדיק, איז דאס געווען פארשלאסן, און ער האט נישט געהאט די כח אראפ צו גיין צום שומר צו בעטן אז ער זאל אויף מאכן דעם ציון, און נאכאמאל ארויף גיין צום ציון, דאן האט דער הייליגער אמרי יהודה זי"ע הנאה געהאט, אז ער האט זיך אייביג געפירט ווי דער הייליגער טאטע האט געבעטן, אז דער ציון זאל נישט פארשלאסן

ווערן, **ווייל דער הייליגער צדיק מעולם העליון האט געוואלט אייביג זיין אפען, כדי צו העלפן א איד בעת צרה אדער סיי וואס יענער ברויך, בְּחַיֵּיהֶם וּבְמוֹתָם לֹא נִפְרָדוּ.**

• • •

**אין ספרי תולדות גאליציע ווערט דערציילט**, אז די תלמידים האבן דערציילט, אז איינמאל אינדערפרי נאכן דאווענען האט דער הייליגער שפת אמת מברעזאן זי"ע זיך געגרייט צו עסן פת שחרית, ער האט געהאט אויפן טיש א פרישע שטיקל ברויט מיט אביסל מאכלים.

אבער פלוצלונג איז אריינגעקומען אן ארעמער איד אין שטוב, אויסגעמוטשעט און הונגעריג, און האט געבעטן עפעס צו עסן, דער צדיק האט אן קיין שום טראכטן תיכף אוועקגעגעבן זיין גאנצע פרישטיג פארן ארעמאן מיט א שמייכל און א מאור פנים, ווען די בני בית האבן געוואלט אים ברענגען אנדערע שפייז, האט ער נישט געוואלט נעמען, זאגנדיג, **אז דער זכות פון פיטערן אן ארעמאן גיט אים פיל מער כוח ווי סיי וועלכע שפייז וואס ער וואלט געגעסן פאר זיך אליין**.

• • •

**אין ספר שפתי צדיקים ווערט געברענגט**, אז עס איז געווען א מעשה מיט א איד וואס איז שטארק קראנק געווארן, און די דאקטוירים האבן שוין כמעט אויפגעגעבן אויף אים, די משפחה איז געקומען צו לויפן מיט טרערן צום הייליגן ברעזאנער רב ער זאל מתפלל זיין און פועלן א רפואה פאר דעם חולה.

דער צדיק האט זיך פארטראכט און אריין אין א גרויס דביקות, גענומען דעם קוויטל אין דער האנט, און געזאגט מיט א שטארקע זיכערקייט, **"דער אויבערשטער וועט העלפן, ער וועט בקרוב שטיין אויף די פיס און האבן א גאנצע רפואה"**, די משפחה האבן געגלייבט מיט אמתע אמונת צדיקים, אז דער צדיק גייט ברענגען א ישועה פארן חולה.

אין עטליכע טעג האט זיך דער מצב פונעם חולה איבערגעדרייט לטובה ביז ער איז געווארן אינגאנצן געזונט, און צדיקים האבן מעיד געווען, **"אז דער צדיק האט געהאט א כוח הפועל בישועות ווייל זיין מויל איז געווען גאר הייליג און ריין"**.

• • •

**אין תולדות חכמי ברעזאן ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז אין שטאט געווען א שווערע מחלוקה צווישן צוויי נגידים איבער א געשעפטס ענין, און עס האט כמעט אריינגעשלעפט די גאנצע קהילה אין א גרויסע מחלוקה, מען איז געקומען צום גאון דער הייליגער ברעזאנער רב זי"ע און געבעטן ער זאל פסק'ענען די זאך.

ווען דער צדיק האט דערזען ווי די שנאה פלאקערט, האט ער נישט געוואלט הערן קיין שום טענות פאר ער מאכט שלום, ער האט זיך צעוויינט פאר זיי און געזאגט, **אז מחלוקת פארברענט די נשמה און נעמט אוועק השראת השכינה פון צווישן אידישע קינדער**, די צוויי בעלי דינים האבן געזען זיין גרויסן ווייטאג און זיינע ריינע טרערן, און אויפן פלאץ האבן זיי זיך ארומגענומען, מוחל געווען איינער דעם צווייטן און געמאכט שלום.

• • •

**אין ספר שבחי צדיקים ווערט דערציילט**, אז עס איז געווען א חשובער איד וואס איז שוין געווען פארהייראט העכער פופצן יאר און האט נאך נישט זוכה געווען געהאלפן צו ווערן מיט זרע של קיימא, ער איז ארומגעפארן צו עטליכע צדיקים און זיך מזכיר געווען אז ער זאל שוין געהאלפן ווערן מיט א קינד, ביז ער איז אנגעקומען קיין ברעזאן צום הייליגן שפת אמת זי"ע.

ער איז אריין מיט א קוויטל און אויסגעבראכן אין א ביטער געוויין, דער צדיק דער הייליגער שפת אמת האט גענומען דעם קוויטל, געקוקט דערין א לאנגע צייט, און געזאגט פאר דעם איד, **"גיי אהיים מיט בטחון, נעם אויף זיך צו שטיצן תלמידי חכמים מיט א ברייטע האנט, און ביז א יאר ארום וועסטו האלטן א קינד אין די הענט"**, דער איד האט אזוי געטון, ער האט פארטיילט צדקה פאר לומדי תורה, און פונקט צום יאר איז אים געבוירן געווארן א געזונט אינגל.

• • •

**אין מעשיות וזכרונות גאליציע ווערט דערציילט**, אז א בחור פון א חשובע שטוב אין שטעטל איז אויסגעוועלט געווארן צו מוזן גיין דינען אין דער צארישער מיליטער, וואס דאס איז געווען א שרעקליכע סכנה פאר אידישקייט און פארן לעבן, די עלטערן זענען געקומען צו לויפן

צום הייליגן ברעזאנער רב זי"ע מיט גרויס שרעק און האבן געבעטן א ישועה.

דער צדיק האט געהייסן דעם בחור זאגן יעדן טאג **קאפיטל קכ"א** אין תהלים ("**שיר למעלות אשא עיני אל ההרים**") מיט גרויס כוונה, און ער האט צוגעלייגט: "**זארג נישט, די אויגן פון די דאקטוירים ביי דער מיליטער קאמיסיע וועלן זיין פארבלענדעט**", דער בחור האט אויסגעפאלגט וואס דער צדיק האט אים געהייסן, און ווען דער בחור איז געשטאנען פאר דער קאמיסיע, האבן די הויפט אפיצירן געזען אויף אים עפעס א מאדנע סימן וואס האט גארנישט געהאט מיט דער מציאות, און זיי האבן אים תיכף גע'פטור'ט פון די מיליטער און אהיימגעשיקט אלס אומטויגליך צום דינסט.

• • •

**אין ספר נחלת צדיקים ווערט דערציילט**, אז א סוחר פון ברעזאן וואס פלעגט האנדלען מיטן פארקויפן געוויסע סחורה, איז אריינגעפאלן אין שווערע חובות ביז ער איז געשטאנען אויפן שוועל פון פארלירן זיין גאנץ פארמעגן און זיין הויז, ער איז אריין צום צדיק דער הייליגער שפת אמת מברעזאן זי"ע און מיטן לעצטן ביסל האפענונג, דערציילט פארן צדיק זיין גרויסע צרה וואס ווארט אים ליידער אפ אויב ער פארלירט זיין פרנסה.

דער ברעזאנער רב האט אים געזאגט, "**פאר נאכאמאל צום יריד, און קויף איין סחורה וואס אנדערע קוקן נישט דערויף, און פארלאז זיך נאר אויפן בורא עולם**", דער סוחר האט געפאלגט, כאטש עס האט אויסגעזען אומפארשטענדליך, קורץ נאכדעם וואס ער האט איינגעהאנדלט די סחורה, איז פלוצלונג געווארן א גרויסער מאנגל אין יענעם מאטעריאל, **און די פרייזן זענען געשטיגן דרייפאכיג, און ער האט פארקויפט אלעס מיט א געוואלדיגן רווח**, און מיט די געלט אפגעצאלט אלע חובות און געווארן א גרויסער גביר.

• • •

**אין ספר עטרת צדיקים ווערט געברענגט**, אז מען פלעגט דערציילן, אז ווען דער הייליגער בעל שפת אמת זי"ע פלעגט גיין אין גאס, איז זיין קדושה געווען אזוי גרויס, אז ער האט קיינמאל נישט אויפגעהויבן די אויגן העכער ד' אמות פארענט פון זיך, זיין קאפ איז שטענדיג געווען איינגעבויגן אראפ מיט א פחד און אימה, און מען האט געקענט זען אויף זיין צורה ווי ער איז אינגאנצן אין א צווייטער וועלט, אפילו ווען מענטשן פלעגן אים באגריסן מיט שלום עליכם, האט ער געענטפערט אן קוקן דעם מענטש אין פנים, און ער פלעגט זאגן פאר זיינע נאנטע, **אז דער מענטש מוז היטן זיינע אויגן, ווייל אן ריינע אויגן קען מען נישט האבן קיין ריינע מחשבה צום דאווענען און לערנען**.

• • •

**אין ספר תולדות אנשי מופת ווערט דערציילט**, אז דער צדיק דער הייליגער שפת אמת זי"ע האט זיך געפירט מיט א געוואלדיגע פרישות אין עניני אכילה, און מען האט כמעט נישט געזען ביי אים קיין שום תאוות עולם הזה, זיין עסן איז געווען גאר ווייניג, פשוט וויפיל ס'האט אויסגעפעילט צו האלטן די נשמה אינעם גוף צו קענען דינען דעם בורא, פארן נעמען א שטיקל מאכל אין מויל פלעגט ער זיך פארטראכטן מיט גרויס כוונה און מורא, און מען האט געזען ווי ער טראכט נאר צו הייליגן דעם גוף און אויסרייניגן די ניצוצות הקדושים.

איינמאל האט איינער פון די מקורבים אים געפרעגט פארוואס ער איז אזוי פארזיכטיג אפילו מיט פשוט'ע מאכלים, האט ער געענטפערט, **אז א מענטש וואס וויל שפירן די זיסקייט פון קדושה אין לערנען מוז ערשט אויסרייניגן דעם גוף פון יעדע גשמיות'דיגע הנאה**.

• • •

**אין תולדות חכמי גאליציע ווערט דערציילט**, אז ווען דער הייליגער שפת אמת זי"ע פלעגט זיצן ביינאכט אליין אין זיין חדר מיוחד און לערנען ספרי קבלה און תורת הנסתר, איז א שרעק געפאלן אויף יעדן וואס איז נאר צוגעגאנגען צום טיר, די משמשים האבן דערציילט, אז מען פלעגט הערן א געשריי און א קרעכץ פון זיין הארץ פאר גרויס התלהבות, און זיין גאנצער קערפער פלעגט ציטערן ווי א פידל פון גרויס דביקות הבורא.

איין מאל איז א מקורב אריינגעקומען שפעט ביינאכט ברענגען וואסער, און ער האט געזען ווי דער צדיק זיצט מיט א ברענענדיגע צורה און א הייליגן גלאנץ אויפן פנים, אז ער האט זיך

דערשראקן און תיכף צוריקגעצויגן, דער צדיק האט געלעבט א גאנץ לעבן העכער די נאטור פון די וועלט.

• • •

**אינעם הקדמה צום ספר שפת אמת ווערט געברענגט**, אז דער צדיק האט זיך איינמאל פארטראכט איבער די גרויסקייט פון תורת הנסתר און די טיפע סודות וואס ליגן אין יעדן אות פון דער הייליגער תורה, און אן קיין שום ספר פארענט פון זיך, בלויז פון זיין געוואלדיגן זכרון און טיפן פארשטאנד, **האט ער אפגעשריבן זעקס-און-צוואנציג טיפע פירושים און מהלכים נאר אויף דעם איין גרויסן אות "ב" פון ווארט בראשית, און נאך צוויי-און-דרייסיג אופנים אויפן גאנצן ווארט בראשית, אלעס געבויט אויף ספרי קבלה, נגלה און חסידות**, ווען גדולי הדור האבן שפעטער געזען די כתבים וואס זענען געדרוקט געווארן אין זיין ספר שפת אמת, זענען זיי געשטאנען פארגאפט ווי אזוי איין מוח קען ארומנעמען אזויפיל טיפע חכמה אין איין איינציגן אות.

• • •

**אין ספר זכרון לראשונים ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז פארגעקומען א גאר שווערע און קאמפליצירטע שאלה אין שטאט ברעזאן **בנוגע א מקוה און עניני טהרה**, וואס עטליכע גרויסע רבנים און מורי הוראה פון דער געגנט האבן זיך געמוטשעט דערין עטליכע וואכן און האבן נישט געקענט קומען צו א קלארן באשלוס.

מען איז אריבער געגאנגען צום הייליגן ברעזאנער רב זי"ע אינמיטן דער נאכט, דער צדיק האט אויסגעהערט די שאלה, און תיכף אנגעהויבן אויסרעכענען פון אויסנווייניג גמרא, ראשונים, שולחן ערוך און שאלות ותשובות פון פריערדיגע פוסקים, אות באות, און האט געוויזן א קלארן פסק ווי די זון אינמיטן טאג, די רבנים זענען ממש ארויס פון התפעלות און געזאגט אז זיין בקיאות אין ש"ס ופוסקים איז געווען פונקט אזוי גרויס ווי זיין גדלות אין חסידות און קבלה.

• • •

**אין ספר נחלת צדיקים ווערט דערציילט**, אז זיינע נאנטע האבן דערציילט, אז טראץ דעם וואס ער איז געווען פארנומען אלס שטאטס-רב מיט דיינות, דיני תורה און העלפן יעדן איד, איז ביי אים תורה געווען דאס גאנצע לעבן אן קיין שום הפסק, און נאך א לאנגן טאג פון עסקנות ציבור, ווען יעדער איז שוין געגאנגען שלאפן, האט מען געזען דאס ליכט ברענען אין זיין חדר לימוד.

ער פלעגט זיצן איבער די גמרא און ספרי נגלה שעות אויף שעות, און ער האט געלערנט מיט אזא קול און ברען אז מען האט געמיינט ער לערנט דעם סוגיא איצט צום ערשטן מאל אין לעבן, ער פלעגט חזר'ן גאנצע מסכתות אויף איין אטעם, און ער האט געזאגט פאר זיינע קינדער, **אז דער גרעסטער תענוג וואס א מענטש קען האבן אויף דער וועלט, איז די הארעוואניע און יגיאות אויף א שטיקל תורה.**

**יארצייט כ' אלול**

**הרה"ק רבינו משה ארי' ב"ר ישראל זי"ע, (פריינד)**
**בעל עטרת יהושע**
**גאב"ד ירושלים ועדה החרדית**

ער איז געבוירן אין שטאט הוניאד, **ו' תשרי בשנת תרס"ד**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי ישראל פריינד אב"ד הוניאד** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אברהם יהושע פריינד בעל מאור יהושע מנאסויד** זי"ע,
בן **החסיד המפורסם מוה"ר משה ארי' פריינד ראה"ק בסיגוט** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יהושע קראלער** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי יצחק אב"ד פאפא** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי אליעזר** זי"ע,
מגזע הגה"ק **בעל השל"ה הקדוש** זי"ע,
אויך מגזע פונעם **דעם הייליגען רמ"א** זי"ע און **מהרש"ל המהר"ם** און הגה"**ק בעל הש"ך** זי"ע,
וואס דער הייליגער שינאווער רב זי"ע האט זיך אויסגעדריקט אויף די משפחה בזה"ל, "**א כשר'ע משפחה**".

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת שרה** ע"ה, הי"ד,
בת הגה"ק **רבי זאב וואלף גאלדבערגער אב"ד הוניאד** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי ברוך** זי"ע,
מגזע הגה"ק **רבי יוסף קארו בעל בית יוסף** זי"ע,
ומגזע הגה"ק **המקובל האלקי רבי שמשון מאוסראפאלי** זי"ע.

דעם הייליגען נאמען האט מען געגעבן פארן צדיק ביים ברית, נאכן זיידן **החסיד מפורסם רבי משה ארי' פריינד ראה"ק בסיגוט** זי"ע, וואס צדיקים האבן געזאגט אויף דעם זיידן, **אז אפילו זייענדיג א ראש הקהל איז ער געווען א גרויסע קדוש, און מען האט ביי אים געקענט פועלען גרויסע ישועות**.

ער איז געווען א גאון וגדול בתורה ובחסידות, א צדיק אמת און א קדוש וטהור, ער איז געווען א אוהב שלום ורודף שלום, ענוותן גדול ושפל ברך, ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע פועל ישועות, זיין רעדן איז אייביג געווען בנחת, און יעדער איד וואס איז געקומען צו דעם צדיק, האט גלייך געשפירט, אז דא שטייט מען בעפאר א איד א עובד ד' בקדושה ובטהרה, דער צדיק האט אייביג געהאט א שמייכל אויפן פנים און ארויין געברענגט שמחה אין יעדן איינעם, ער האט זיך מכניע געווען פאר יעדן ערליכען איד, און אפילו פאר פשוטע מענטשן האט ער אייביג געהאט אן הכנעה.

ווי באקאנט האט דער הייליגער שינאווא רב זי"ע מפרש געווען דעם נוסח, וואס מען זאגט שבת קודש ביים זמר מנוחה ושמחה, "**הוּא אֲשֶׁר דִּבֶּר לְעַם סְגֻלָּתוֹ, שָׁמוֹר לְקַדְּשׁוֹ מִבֹּאוֹ וְעַד צֵאתוֹ**," האט דער הייליגער שינאווא רב זי"ע געזאגט, אז די ווארט "**דִּבֶּר**" גייט ארויף אויף א **מנהיג ישראל**, און דאס מיינט דער פסוק, ווער קען זיין א אמת'ע מנהיג ישראל, דער וואס איז אפגעהיטן בקדושה וטהרה פון ווען ער קומט אויף דער וועלט, ביז ער גייט אוועק פון די וועלט.

דאס קען מען זאגן אויפן הייליגען ירושלימער רב זי"ע, וואס צדיקים וואס האבן אים געקענט נאך פון אלס קינד האבן מעיד געווען, **אז ער האט זיך געפירט מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה**, און ער האט ארויס געברענגט א געוואלדיגע התפעלות ביי אידן וואס האבן אים געקענט נאך פון אלס קינד, ער איז שוין דאן געווען אפגעשייט פון אלע תענוגים גשמיים.

אויך אויף די עלטערע יארן האט מען געזען זיין צהלות פנים, וואס אפילו די דאקטורים אין שפיטאל סוף ימיו האבן באוואונדערט, אז א מענטש וואס איז אין די יארן פון דעם הייליגען רב זי"ע, זאל האבן אזא הדרת פנים ווי דער הייליגער רב האט דאן געהאט, און עס איז מקובל פון צדיקים **אז דאס האט מיט די מדרגת הקדושה פון א איד**.

אויך דערציילט מען, אז בשעת מען האט דעם רב זי"ע אריין געפירט מיטן אמבולנס דעם לעצטן שבת קודש בחייו, און מען האט פראבירט צו סטאבלעזירן דעם מצב, האט דער צדיק וקדוש געהאט איין דאגה, **אז ער ליגט אויפן ריקן, וואס דאס איז קעגן די הלכה פון שולחן ערוך**, ווייל דאס איז געווען אויפן מחשבה פין דעם צדיק כל ימי חייו.

דער רב זי"ע האט כסדר געזאגט, אז דער טאטע זי"ע האט זיין גאנץ לעבן געברענט פאר קדושת שבת קודש, און יעדן שבת קודש פלעגט דער טאטע, ווען די קינדער זענען נאך געווען גאר קליין, נעמען די קינדער אויפן שויס און געפרעגט דעם מאמר הזוה"ק **"מאי שבת"** וואס איז שבת, און די קינדער זענען שוין געווען געוואוינט צו ענטפערן, **"שמא דקודשא בריך הוא"**, אז שבת קודש איז דעם באשעפער נאמען.

ער איז געווען באוויסט אלס א געוואלדיגע עניו, ער האט באמת ביי זיך געהאלטן אז ער איז גארנישט, די מקורבים האבן דערציילט, אז איינמאל איז א איד געקומען צום רב זי"ע, און געבעטן אז דער רב זאל אים געבן חיזוק, האט דער רב מיט זיין גרויסע עניוות געזאגט, **איך אליין פאר מיר ברויך אויך חיזוק**, ווייל דער צדיק האט ביי זיך באמת געהאלטן אז ער איז גארנישט.

איינמאל האט א איד געבעטן, אז דער רב זאל אים בענטשן מיט א ברכה **אויף יראת שמים**, האט דער רב מיט זיין שפלות געזאגט, איך ברויך אויך אז מען זאל מיך בענטשן מיט יראת שמים, און ווען איינער איז אמאל געקומען בעטן, אז דער רב זאל אים געבן היתר הוראה, האט דער רב געזאגט מיט א תמימות, איך פארשטיי באמת נישט פארוואס אידן בעטן מיר היתר הוראה, **איך בין דאך אויך נישט קיין מושלם אין הוראה**.

אלס קינד האט ער געלערנט ביים מלמיד **החסיד רבי אברהם מארטין** זי"ע הנקרא בפי כל **"רבי אברהמ'לע אינטערדאמער"**, וואס איז געווען א געוואלדיגע ירא שמים און א צדיק נסתר און א עובד השם בקדושה.

ער האט זיך מסתופף געווען ביי די צדיקי הדור ובתוכם די קינדער פונעם הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע, הרה"ק **רבי שלום אליעזר מראצפערט** זי"ע הרה"ק **רבי ישעי'לע מטשחויב** זי"ע, וואס די רב זי"ע איז געווען שטארק מקושר **לבית צאנז**.

נאך ווען ער איז געווען גאר יונג, האט אים זיין טאטע אויף גענומען אלס זיין געהילף מיטן פירן דעם ישיבה אין שטאט **הוניאד**, און ביי די 18 יאר האט אים די זיידע מצרף געווען אלס איינע פון די דיינים בהוראה, צוזאמען מיטן גרויסן גאון הגה"ק **רבי אברהם שלמה הכהן כ"ץ אב"ד ריסקווא** זי"ע, וואס איז געווען באוויסט אלס איינע פון די גרעסטע מומחים בדיני ממונות.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת בילא** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי ברוך גאלדבערגער אב"ד פיר** זי"ע,
(חתן הגה"ק **רבי זאב וואלף גאלדבערגער אב"ד הוניאד** זי"ע),
בן הגה"ק **רבי מנשה גאלדבערגער מסטרופקוב** זי"ע.

בשנת תרצ"ב ווען די זיידע דער הייליגער נאסוידער רב זי"ע איז נסתלק געווארן, האט דער זון הרה"ק רבי חנוך העניך זי"ע איבער גענומען דאס רבנות אין שטאט נאסויד, אבער ליידער האט ער נישט מעריך ימים געווען און ער איז נסתלק געווארן בשנת תרצ"ג, און זיין זון איז נאך דאן געווען גאר יונג, האט הרה"ק **רבי משה ארי' גאב"ד ירושלים** זי"ע איבער גענומען דאס רבנות אין **נאסויד**, כדי צו האלטן דאס רבנות, אז ווען דער זון וועט גרויס ווערן זאל ער איבער נעמען דעם פלאץ פון זיין טאטן אין נאסויד, און דאן איז ער אריבער צום שטאט **רוגנא**, און דארט איז ער געווען פאר א שטיק צייט.

אביסל שפעטער האט אים דער הייליגער צדיק הרה"ק **רבינו יואל מסאטמאר** זי"ע געבעטן, צו קומען דינען אלס ראש ישיבה אין די ישיבה אין שטאט **סאטמאר**, ווי באוויסט האט דער רב זי"ע געהאלטן דעם סאטמאר רבי זי"ע אלס זיין רבו מובהק, אויך איז ער אימאפיציעל געווען דער דומ"ץ אין שטאט סאטמאר, און רבינו הקדוש האט איבער געגעבן דאס הנהגה בהלכה אין זיינע הענט.

ליידער בשנת תש"ד האט דער צדיק וקדוש מיט געטיילט דעם זעלבן גורל ווי א גרויס חלק פון כלל ישראל, און ער איז אנגעקומען צום טרויעריגע לאגער אין **אוישוויץ** אונטער די הענט פון די דייטשן ימ"ש, דארט האט ער ליידער פארלוירען זיין אשת נעוריו און 8 קינדער וואס דער צדיק האט ליידער מקריב געווען על קידוש השם הי"ד.

אפילו זייענדיג גאר שטארק צובראכן פארלירענדיג זיין גאנצע משפחה, האט זיך דער הייליגער צדיק מחזק געווען און עוסק געווען בתורה ועבודה מיט א מסירת נפש ממש, ער האט

דארט געלערנט גמרא בעל פה פון וואס ער האט געדענקט, און אויך געלערנט תורה מיט די אידן דארט אין לאגער, אויך האט ער מיט א מסירת נפש זיך משתדל געווען ח"ו נישט צו מחלל שבת זיין, און אויך נישט צו עסן ח"ו מאכלות אסורות, און דאס אלעס האט ער געטון מיט א געוואלדיגע מסירת נפש.

וויבאלד ער איז געווען געשטעלט אויף די וואסער אין לאגער, פלעגט ער ארום גיין טיילן פאר די אידישע קינדער וואסער, אז מען זאל זיך קענען דער האלטן ביים לעבן, אבער ער האט געפאדערט אז די אידן זאלן מאכן א ערליכע ברכה ווען מען טרינקט וואסער, און כסדר מחזק געווען די אידן, אז דער זעלבער באשעפער פון בעפאר איז נאכאלץ די באשעפער, און ער וועט בקרוב אונז אויסלייזען פון די הענט פון די רשעים, אויך איז באוויסט, אז אין לאגער האט ער געלערנט בחברותא מיט הרה"ק **רבי יקותיאל יהודה הלברשטאם אב"ד קלויזענבורג** זי"ע.

נאכן באפרייט ווערן בחסדי ד' פון די הענט פון די דייטשן ימ"ש, האט זיך דער צדיק צוריק געקערט צום שטאט **סאטמאר**, און מיט מסירת נפש אנגעהויבן אויף שטעלן אידישקייט און אויף געשטעלט די קהלה דארט אין סאטמאר.

ער האט נאך די מלחמה חתונה געהאט בזיווג שני מיט **הרבנית הצדקת מרת פריידא** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי פנחס יוסף דאכנער** זי"ע,
נכד הרה"ק **מגארליץ** זי"ע,
ונכד הרה"ק **בעל דברי חיים מצאנז** זי"ע,
אבער ליידער האט דער צדיק פארלוירן די זיווג שני און האט ליידער פון דעם זיווג נישט געהאט קיין קינדער.
אפאר יאר שפעטער האט ער חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת טשארנא** ע"ה,
בת **הר"ר משה טארים** זי"ע, (בן אחר בן פון הרה"ק **רבי מענדעלע מרימנוב** זי"ע),
זי האט מיט געברענגט א קינד הרה"צ **רבי מנחם מענדיל טארים** פונעם פאריגן זיווג, און דער הייליגער רב זי"ע האט דעם קינד אויף געצויגען ווי אן אייגען קינד.

ווען די קומוניסטים האבן איבער גענומען רומניה, און עס איז געווארן שווערער און שווערער צו דינען דעם באשעפער, האט דער צדיק בשנת תשי"א זיך אריבער געצויגען קיין **ארץ ישראל**.

אזוי ווי דער צדיק איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל, און זייענדיג א גאון הגאונים און א קדוש וטהור און א לוחם מלחמת ד' מיט א מסירת נפש, האבן זיך אידן יראים ושלמים גלייך מדבק געווען צו דעם צדיק, אידן זענען געקומען צו דעם צדיק אפילו נאר צו כאפן א בליק אויף זיין צורת קדשו, וואס מען האט גלייך געזען אז די קדושה ריעט אויף דעם צדיק.

ווען רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע האט מייסד געווען דעם **ישיבת ייטב לב אין ירושלים**, האט ער אויף גענומען דעם רב זי"ע **אלס ראש ישיבה אין די ישיבה**, און דארט האט דער הייליגער צדיק מרביץ תורה געווען פאר טויזענטער תלמידים פאר איבער 40 יאר כולן שוין לטובה, ביי זיינע תלמידים איז ער געבליבן ביז צו די פטירה מיטן נאמען "**דער הייליגער ראש ישיבה**".

די קשר וואס דער ראש ישיבה האט געהאט מיט זיינע תלמידים איז ממש נישט צום באשרייבן, ער איז געווען צו זיין ווי א טאטע צו זיינע אייגענע קינדער, מיט יעדן פון זיינע תלמידים און אויך סתם מענטשן וואס זענען געווען נאנט, האט ער זיך באמת מיט געפרייט ווען עס איז געווען ביי יענעם א שמחה, ווי עס וואלט געווען זיין אייגען קינד, און ח"ו ווען מען איז צו אים געקומען מזכיר זיין א צרה אדער א חולה, האט מען ממש געזען ווי עס טרעט אים צו צום הארץ, ער האט מיט געפילט יענעמס צער און באמת געהאט עגמת נפש אז ביי יענעם איז ל"ע דא א צרה.

זיינע טייערע תלמידים קענען דערציילן הונדערטער מעשיות וואס מען האט געהאט ביי דעם ראש ישיבה, וואס ברענגט ארויס זיין קשר וואס ער האט געהאט מיט די תלמידים, און הונדערטער אידן זענען ביי דעם צדיק געהאלפן געווארן מיט ישועות למעלה מדרך הטבע, צענדליגע מעשיות דערציילט מען, ווי דער צדיק האט מתפלל געווען און אינזין געהאט אידן וואס זענען געקומען זיך מזכיר זיין, און נישט נאך געלאזט ביז מען איז אים געקומען מבשר זיין די בשורה טובה, אז מען איז געהאלפן געווארן.

בשנת תשט"ו איז ער געווארן **א חבר אין דעם וועד בית היתומים בית לפליטות אין ירושלים**, ווי עס האבן זיך אויף געהאלטן הונדערטער יתומים און יתומות וואס האבן ליידער נישט געהאט קיין שטוב ווי צו וואוינען, און דער צדיק מיט זיין לב טוב האט גאר אסאך געזארגט פאר די קינדער אז עס זאל זיי דארט גארנישט פעילען.

בשנת תשל"ט ווען כבה נר מערבי און דער צדיק הדור **רשכבה"ג רבינו יואל מסאטמאר** זי"ע איז נסתלק געווארן, האט מען דאן אויף גענומען דעם רב זי"ע אלס ממלא מקום אלס **ראב"ד ירושלים**, דארט אויף דעם פאסטן האט דער צדיק געדינט מיט א געוואלדיגע געטריישאפט און לוחם געווען מלחמת ד' און מכריז געווען דעם דבר ד' בירושלים מיט א געוואלדיגע מסירת נפש.

ער איז געווען בידידות מיט אלע רבנים און צדיקים בדורו, יעדער איינער, אפילו די וואס זענען נישט געווען בשיטה ווי אים, האבן דעם צדיק מעריך געווען און מכבד געווען, ער איז געווען דער ראש וראשון לכל דבר שבקדושה און זיך ארויס געשטעלט אויפן פראנט ווען עס איז געקומען צו סיי וואס האט נוגע געווען בעניני הדת.

אויך האט ער זיך צו געשטעלט צום הייליגען רבין זי"ע קעגן די ציונים, און לוחם געווען אויף יעדן גזירה וואס די ציונים האבן ארויסגעגעבן אויף אחינו בני ישראל בארצנו הקדושה, און בחייו האט ער זוכה געווען צו מבטל זיין גזירות רעות וואס וואלט ח"ו געקענט אראפ פירן אידישע קינדער פון דרך ישראל סבא, אבער דער צדיק וויסענדיג אז דאס עגזיסטענץ פון כלל ישראל ווענט זיך אין מסירת נפש, האט ער זיך ארויס געשטעלט בחרב ובחנות און נישט געלאזט אז מען זאל נאכלאזן קיין זוז כל שהוא פון אידישקייט.

בשנת תשמ"ט ווען דער הייליגער מנחת יצחק זי"ע איז נסתלק געווארן, האט מען אים אויף גענומען אלס **גאב"ד העדה החרדית**, וואס אויף דעם פאסטן האט ער געדינט ביז צו זיין הסתלקות.

מען דערציילט, אז ווען ער איז געווארן גאב"ד ירושלים, האט מען אים געקויפט א שיינעם שטעקן, און דער רב מיט זיין געוואלדיגע עניוות האט געזאגט פארן רעבעצין, אז ער שעמט זיך צו גיין מיטן שטעקן, האט די רעבעצין געזאגט, אז אלע חברי הבד"ץ גייען מיט אזא שטעקן,

האט דער רב געזאגט, א**וודאי די אלע זענען דאך גרויסע מענטשן, אבער איך וואונדער מיך טאקע פארוואס מען האט מיך אויף גענומען אלס ירושלים רב, מן הסתם האט מיר די מזל צו געשפילט**, ווייל דאס האט דער צדיק באמת געהאלטן פון זיך, אז ער איז באמת גארנישט.

בשנת תשנ"ו האט ער אויף געשטעלט **די תלמוד תורה חיי עולם המקורית**, און אויך א ישיבה קטנה און א ישיבה גדולה, וואס נאכן פטירה האט מען די ישיבה און תלמוד תורה געריפן אויפן נאמען פונעם רב זי"ע "**מוסדות רמ"א**".

מען קען אפילו נישט מסביר זיין דעם עבודת הקודש פון דעם צדיק וקדוש, וואס אפילו אין זיינע עלטערע יארן האט ער אפגעראכטן אן עבודה וואס א יונגערמאן קען נישט אפרעכטן, און אלעס איז צו געגאנגען מיט א ברען און אש דקדושה, סיי דאס דאווענען, וואס פאר ווער עס האט נאר געהאט די זכי' דאס מיט צו האלטן, ווי דער צדיק זייענדיג א עלטערער איד שטייט און ברענט מיט א התלהבות דקדושה און דאווענט פארן באשעפער.

ווער רעדט נאך פון די הייליגע טישן, ווי מען האט געזען דעם צדיק ברענען פארן שבת קודש מיט זיין ווארעמע קול פיל מיט נעימות, זיין קידוש די זמירות פון שב"ק אלעס איז געזאגט געווארן מיט א שמייכל און א זיסקייט וואס האט צונומען יעדן וואס איז דארט געווען.

ווער רעדט נאך פון די ימים נוראים ווי דער צדיק האט אפ געראכטן אן עבודה ראש השנה יום הקדוש און סוכות, און ווען מען דערמאנט זיך די הייליגע הקפות פונעם צדיק, וואס אפילו פשוטע אידן האבן געקענט זעהן, אז דער צדיק איז עוסק אין הויכע ענינים און איז בכלל נישט אויף דעם עולם, ער האט מיט זיינע ווייעדיגע פיס געטאנצען און זיך געפרייט מיט די תורה הקדושה, און יו"ט שנית ווען די אמעריקאנע אידן האבן דאך געהאט דעם צווייטן טאג יו"ט, ווען מען איז געקומען צום רב אויף יו"ט, איז דער צדיק געגאנגען זיך מיט

פרייען מיט די אידן און געהאלטן פאר א זכי' אז ער קען זיך פרייען מיט די תורה הקדושה נאך א טאג.

וויפיל פון זיינע נאנטע תלמידים קענען מעיד זיין, אז דער צדיק האט געקענט בטעות דורך לערנען די גאנצע נאכט ממש אן זיך צולייגען אין א בעט, און דאס איז געווען מיט א געוואלדיגע פשטות, און ווען דער צדיק האט זיך שוין יא אריין געלייגט אין בעט, איז דאס געווען מיט א הכנה דרבא, ער פלעגט מקפיד זיין צו ליגען אין בעט נישט אזוי באקוועם, כדי ער זאל קענען גרינג אויפשטיין און נישט הנאה האבן צופיל פון די וועלט, און דאס זעלבע איז געווען מיט זיין עבודות האכילה, וואס איז אויך געווען מוקדש נאר כדי צו האבן כח צו דינען דעם באשעפער, גאנצע טעג האט דער צדיק פשוט געקענט פארגעסן צו טועם זיין, און נאר ווען מען האט אים דערמאנט, האט ער געגעסן עפעס נאר כדי יוצא צו זיין.

זיינע הייליגע דברי תורה און שו"ת ופסקים זענען געדריקט געווארן אין די ספרים.

**ספר עטרת יהושע, על התורה, ועל המועדים, חידושים על הש"ס,**
**ספר מרא דשמעתתא, מפסקיו בהלכה.**

ליידער האט דער צדיק וקדוש נישט איבער געלאזט קיין זש"ק, און ווי עס איז מקובל פון צדיקים הראשונים קען מען ביי א צדיק וואס האט נישט איבער געלאזט קיין זש"ק, גאר אסאך פועל'ן ביום היארצייט, וויבאלד דער צדיק וועט זיך זיכער מטריח זיין בעולם העליון פאר ווער עס טוט עפעס לטובת נשמתו.

נסתלק לגנזי מרומים **בשיבה טובה בן צ"ב שנה, כ' אלול בשנת תשנ"ו**, ומנוחתו כבוד איז אונעם ביה"ח אויפן **הר הזיתים אין ירושלים.**

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן,

**מעשיות**

**א איד א תלמיד און א גרויסע חסיד פונעם רב זי"ע**, איז אמאל געקומען קיין ארץ ישראל, און פארשטייט זיך אז דאס ערשטע זאך איז דער איד אריין מיט א קוויטל צו זיין רבין, דער הייליגער צדיק האט געליינט דעם קוויטל, און ווען ער ענדיגט ליינען דעם קוויטל פרעגט ער דעם איד, **די נעמען אונעם קוויטל שטימען**, דער איד קוקט איבער דעם קוויטל און זאגט אז יא, אבער אזוי האט זיך עס איבער גע'חזר'ט אפאר מאל.

ביז דער איד האט איבער געקוקט דעם קוויטל האט ער געזען, **אז צוויי פון זיינע שנירן האבן זייער ענדליכע נעמען, (ווי למשל רחל בת בילא, און די אנדערע בילא בת רחל), און דער איד יאגענדיג זיך צו שרייבן דעם קוויטל האט געמאכט א טעות**, דער איד האט גלייך פאראכטן דעם טעות, און איבער געגעבן דעם קוויטל פארן רב זי"ע, האט זיך דער רב אנגערופען מיט זיין עניוות און א שמייכל, **"אוודאי וועט מען שוין זאגן אז דאס איז א מופת, אבער באמת איז איינע פון די נעמען א קרוב מיינער"**, ווייל דער צדיק האט כסדר פראבירט צו באהאלטן זיין גרויסן כח.

• • •

**א איד וואס איז געווען גאר שטארק מקורבביים רב זי"ע**, אויך די קינדער זיינע זענען אויך געווען גאר נאנט צום רב זי"ע, איז דער טאטע געקומען מזכיר זיין דעם בחור פאר א שידוך, און דער רב האט אייביג שיין אנגעווינטשן, אז דער בחור זאל א חתן ווערן בקרוב.

אבער ווען דער בחור איז געווארן 21 יאר אלט איז דער טאטע געקומען צום רב, און זיך גע'עקש'נט, **אז ער גייט נישט ארויס ביז די רב איז אים מבטיח אז דער זון וועט א חתן ווערן**, דער צדיק האט זיך פארטראכט, און דאן זאגט ער פארן טאטן, **די כלה איז דאך נאכנישט קיין 18 יאר אלט**, כך הוה אפאר וואכן שפעטער איז דער בחור א חתן געווארן, **און געציילטע טעג בעפאר דעם שידוך איז די מיידל געווארן 18 יאר אלט.**

• • •

**א איד וואס איז געווען גאר נאנט צום הייליגען רב זי"ע** האט געהאלטן אפאר יאר נאך די חתונה, און נאכנישט זוכה געווען צו קיין קינדער, ער האט זיך כסדר מזכיר געווען ביים צדיק און געבעטן פאר א ישועה.

איינמאל איז ער אריין חודש תשרי צום רב זי"ע, און ער האט געגעבן א קוויטל, און אויך געגעבן א שיינעם סכום פאר די מוסדות פונעם רב,

וואס ווי באקאנט זענען די מוסדות אין ארץ ישראל געווען גאר שטארק חביב ביים צדיק, אזוי ווי דער צדיק לייגט די קוויטל, זאגט ער פאר דעם איד, "**די בוסט שוין א געהאלפענער**", זאגט דער יונגערמאן וואס הייסט איך ווייס נישט דערפון, אבער ברכת צדיק עושה רושם, **און 9 חדשים שפעטער האט דער איד געהאט א בן זכר.**

• • •

**הרה"ח רבי שמואל מרדכי שווארץ מגיד מישרים בירושלים זי"ע האט דערציילט** א מעשה וואס ער האט געהערט פון הרה"ח רבי שמחה עקשטיין ע"ה, וואס איז געווען א גרויסער עסקן אין ירושלים און געהאלפן אסאך בחורים מיט די גזירה פון דינען אין די מיליטער, איין מאל האט זיך געמאכט, **אז א בחור איז ליידער געשלאגן געווארן אויף די נערוון**, די עלטערן זענען געווען זייער אנגעווייטאגט און נישט געוויסט וואס צו טון.

מען איז געקומען מזכיר זיין דעם בחור ביים רב זי"ע, האט דער רב געלאזט רופן רבי שמחה עקשטיין ע"ה און געהייסן, **אז מען זאל באקומען א מעדעצין וואס מאכט אז מען זאל שלאפן פאר 48 שעה אין איין צו, און מען האט דאס געגעבן פאר דעם בחור.**

לפלא ווען דער בחור האט זיך דערוועקט, איז ער געווען כאחד אדם אינגאנצן געזונט, ווען מען איז געוואר געווארן פון די רפואה וואס דער רב זי"ע האט געהייסן טון, האט מען געמיינט אז דאס איז א רפואה לכל, אז מען קען דאס ניצן פאר אנדערע אויך.

האט אבער די רעבעצין דערציילט, **אז די רב זי"ע איז די גאנצע 48 שעה חוץ פון דאווענען און לערנען, געזעצן מיט א תהילים און איינגעריסן פאר דעם בחור'ס געזונט, ווי צדיקים האבן געזאגט בּוֹרֵא רְפוּאוֹת, נישט נאר ער האט באשאפן רפואות, נאר נוֹרָא תְהִלּוֹת ער האט מיט זיינע הייליגע תפילות אויסגערייניגט דעם נשמה פונעם בחור און צוריק געברענגט געזונט.**

• • •

**ווי באקאנט איז דער רב זי"ע געווען שטארק באהאוונט אין תורת הנסתר**, און אפילו ער האט דאס שטארק באהאלטן פון די שטוב מענטשן, האט מען דאס אסאך מאל אימווילענדיג באמערקט.

די נאנטע צום רב האבן דערציילט, אז דער רב זי"ע האט געהאט א מנהג קדוש ערב שבת קודש, **ווען ער האט אנגעטון דעם שטריימל, האט ער דאס אראפ געווארפן אויף דער ערד, און דאס אליינס אויף געהויבן**, אבער ער האט קיינמאל נישט מגלה געווען דעם סוד פארוואס ער טוט דאס, אויך ווערט דערציילט, **אז ביים לייגן די תפילין האט ער די רציעות א ווארף געטאן, און דאן צוריק געשלעפט צו זיך, בסוד קדושים מי יעמוד.**

• • •

**מען דערציילט**, אז דער רב זי"ע איז דאך געווען אויסגעטון פון סיי וואס האט געהאט מיט עולם הזה, ער איז געווען גאר שטארק קעגן בילדער און ער האט געזאגט, **אז אויף בילדער ריעט א רוח טומאה און זיך קיינמאל נישט געלאזט פאטאגרעפירן, ווער רעדט נאך פון א שפיגל.**

איז דער רב זי"ע אמאל געווען ערגעץ, און דארט איז געווען א וואנט וואס האט געהאט א שפיגל, און בדרך לא דרך האט ער געקוקט אויפן שפיגל, האט ער זיך אנגעריפן צום גבאי, "**קוק נאר אויף דעם איד דארט, ער ענדעלט זייער צום זיידן דער הייליגער נאסוידער רב זי"ע**", עס איז אים בכלל נישט איין געפאלען אז דאס איז ער, איינמאל האט דער רב א קוק געגעבן אין א שפיגל בטעות, און נישט וויסענדיג אז דאס איז ער אליין האט ער געזאגט, "**ווער איז דער הייליגער צורה דארט**".

• • •

**דערציילט א איד**, וואס די ווייב איז געווען א מקשה לילד און דאס איז געווען ביינאכט, איז ער געקומען צום רב זי"ע מזכיר זיין דאס ווייב, דערציילט דער משמש בקודש, **אז דער רב זי"ע האט זיך געזעצט מיט א תהילים און מיט בכיות געזאגט תהילים די גאנצע נאכט**, פארשטייט זיך אז א שטיק צייט נאכן מזכיר זיין ביים רב, איז די קינד געבוירן געווארן בשעה טובה ומוצלחת, אבער דער איד האט געטראכט, אז ער וועט נישט יעצט שטערן דעם רב אינמיטן די נאכט, נאר ער וועט שוין דערציילן די בשורה טובה מארגען אינדערפרי.

אבער צופרי ווען דער רב טרעפט דעם איד, און פרעגט אים וואס הערט זיך, דערציילט דער איד אז ברוך השם עס איז אים געבוירן געווארן א געזונט קינד, פרעגט די רב ווען איז דאס געבוירן

געווארן, האט דער איד געזאגט אינמיטן די נאכט, פרעגט די רב זי"ע, **פארוואס האסטו נישט אריינגערופן דערציילן די גוטע בשורה, איך בין אויף געווען דאס גאנצע נאכט און מתפלל געווען פאר דיין ווייב, אז אלעס זאל דורך גיין מיט הצלחה, און געווארט אז די זאלסט רופן מיט די גוטע בשורה.**

• • •

**מען דערציילט**, אז ווען הגה"ק רבי ישראל משה דושינסקי גאב"ד העדה החרדית זי"ע איז נישט געזונט געווארן ליידענדיג אויפן הארץ ר"ל, און דער רב זי"ע איז אים געקומען מבקר חולה זיין, האט ער זיך זייער אויס גערעדט לגבי זיין מצב הבריאות פארן רב זי"ע, און ווען דער רב איז ארויס, האבן די נאנטע מענטשן פון הרב דושינסקי געפרעגט, פארוואס ער האט זיך אזוי אויס גערעדט צום רב, מער ווי פאר אנדערע רבנים, האט ער געענטפערט בזה"ל, **"אונז ווייסן אז די ריכטיגע אדרעסס איז ביי אים"**.

• • •

**מען דערציילט**, אז דעם טאג **ב' סיון** ווען עס איז אויס געפאלן די יארצייט פון זיין ערשטע רעבעצין און די אכט קינדער קדושים, וואס זענען ליידער אומגעקומען אויף קידוש השם דורך די דייטשן ימ"ש, פלעגט די רב זי"ע זיך איינשפארן ביי זיך אין שטוב, און זיך מתבודד זיין און אנצינדען ליכט לעילוי נשמתו פון די קדושים, אבער דער צדיק האט בחייו כמעט נישט דערמאנט אדער דערציילט וועגן זיין ערשטע רעבעצין און די קינדער קדושים.

איין יאר יענעם טאג ב' סיון, איז א יונגערמאן וואס עס איז אים בשעה טובה ומוצלחת געבוירן געווארן דאס ערשטע קינד עטליכע יאר נאך די חתונה, געקומען מבשר זיין די בשורה פארן רב זי"ע און אפ נעמען מזל טוב.

אבער ווען ער איז ארויף געקומען צום שטוב פונעם רב, האט מען אים נישט געוואלט אריין לאזן צום רב, וויבאלד דער רב איז דאן געווען איינגאשפארט.

אבער דער יונגערמאן האט זייער מפציר געווען, און צום סוף האט מען אים אריין געלאזט צום רב, און אזוי ווי די רב האט געהערט דעם בשורה, **האט ער געגעבן פארן איד א גרויסע מזל טוב מיט די גרעסטע שמייכל און שמחה, דער איד האט בכלל נישט באמערקט די אלע ליכט אויפן טיש פונעם רב.**

אבער בשעת'ן ארויסגיין, האט דער איד באמערקט די ליכט אויפן טיש, און ער האט דאן געפרעגט די גבאים וואס דאס איז, ווען מען האט דעם איד דערציילט וואסערע טאג עס איז יעצטביים רב, איז דער איד ממש ארויס פון התפעלות, און ער האט נישט געקענט פארשטיין, **ווי אזוי קען א איד וואס האט ליידער פארלוירן די גאנצע משפחה ביים קריג, אויף נעמען אן אנדערן איד מיט אזא שמייכל און שמחה און אנווינטשן מיט א צהלות פנים מזל טוב**, נאר דער הייליגער רב האט בכלל נישט געטראכט פון זיך, נאר אייביג זיך מיט געפרייט מיט יעדענס שמחה.

• • •

**געווען איז דאס סוף ימיו פונעם רב זי"ע**, ווען ער האט זייער געליטן אויף די פיס, אפאר טאג בעפאר פסח האט די דאקטאר פארשריבן פארן רב א שטארקע מעדעצין, **און אנגעזאגט אז ער זאל בשום אופן נישט טרינקען קיין וויין און עסן פלייש**, די רב האט ביז פסח געפאלגט דעם דאקטאר און גענומען די מעדעצין, אבער ווען עס איז אנגעקומען פסח אויפדערנאכט, **האט די רב בשום אופן נישט געוואלט נעמען די מעדעצין, און ער האט דעם יו"ט פסח געטרינקען וויין פאר די ארבע כוסות און געגעסן פלייש ווי די הלכה איז.**

אזוי איז דאס אנגעגאנגען ביז דעם ערשטען טאג חוה"מ, וואס דאן איז די יסורים שוין געווען ממש אימדערטרעגליך, די רב האט פראבירט צו איפוווייזען פאר די רעבעצין, אז ער ברויך נישט קיין מעדעצין, אבער ער האט זיך ממש נישט געקענט אויפשטעלן פון בענקל, אבער ער האט בשום אופן נישט געוואלט זיך ברעכן און נעמען די מעדעצין אים פסח.

דאן האט די רעבעצין גערופען דעם דאקטאר, און מסביר געווען וואס דא גייט פאר, אז דער רב וויל בשום אופן נישט נעמען די מעדעצין אים פסח, דער דאקטאר האט געזאגט אז ער האט א עצה, **אז ער וועט אריין געבן די מעדעצין גלייך אין די פיס**, און כך הוה ער האט דאס געטון און די וייטאג האט זיך בארואיגט, דער רב האט זיך אויסגעדריקט צום

משמש אויפן רעבעצין בזה"ל, "**זי האט זיך איינגעקויפט עולם הבא**", דאס איז געווען די מסירת נפש פונעם רב זי"ע, און אפילו זייענדיג אין גאר גרויסע יסורים, האט ער נישט געוואלט נאכגעבן צו נעמען די מעדעצין אים פסח.

• • •

**די קדושה מיט וואס דער צדיק וקדוש האט זיך געפירט** איז ממש נישט צום פארשטיין, **ער האט קיינמאל נישט געלייגט די האנט אונטערן גארטל**, איין יאר פורים ווען די רב זי"ע האט געטרינקן גאר אסאך ווייו, און ווי דער סדר איז געווען ביים רב, אז ער פלעגט אנהייבן די סעודה ביי זיך אין שטוב, און נאכדעם איז ער אריין אין ביהמ"ד פירן טיש.

יענעם יאר האט זיך די סעודה ביי זיך אין שטוב אביסל פארצויגען, און ווען איינע פון די גבאים האבן געזאגט פארן רב, **אז עס ווערט שוין שפעט און מען ברויך אריינגיין אין ביהמ"ד**, האט דער הייליגער רב זי"ע געזאגט, די גמרא זאגט (קידושין דף ל:), **אם פגע בך מנוול זה, משכהו לבית המדרש**, האט דער צדיק געזאגט בזה"ל, "**איך האב נאך קיינמאל נישט באגעגענט דעם מנוול, און קיינמאל נישט געברויכט גיין אין ביהמ"ד וועגן אים**".

• • •

**מען דערציילט**, אז בשנת תשמ"ט האט ער געוויילט אין צפת פאר צורך רפואה, און ער איז איין געשטאנען אין א בנין אויף א העכערע שטאק, און מען האט געברויכט ארויף גיין מיט א עלעוועטאר.

איין טאג ווארטענדיג אויפן עלעוועטאר, איז ארויס געקומען א יידיש מיידל פונעם עלעוועטאר, **פלוצלונג איז דער רב אויפגעשפרינגען פון פלאץ מיט א שרעקליכע פחד, כדי ח"ו נישט נכשל ווערן מיט א ראי' אסירה, ער איז דאן כמעט אראפ געפאלן די שטיגן, נאר און די לעצטע רגע האט איינע פון די שמשים געכאפט דעם רב**, אבער דאס איז געווען די קדושה וואס דער הייליגער רב זי"ע האט געהאט און זיין אפגעהיטענקייט.

• • •

**בשנת תשכ"ה האט מען זיך געגרייט צו פארן קיין אמעריקע**, און די שטאט האט פאר לאנגט, אז ווער עס קומט אריין מיז האבן עפעס א ספעציפישע אימוניזעישאן קעגן עפעס א מחלה וואס האט זיך דאן ארום געדרייט, און די רב זי"ע האט נישט געהאט באקומען דעם שאט.

איז מען געגאנגען מיטן רב צום שפיטאל, כדי ער זאל באקומען דעם שאט אז ער זאל קענען פארן, אבער ווען מען איז אנגעקומען אין שפיטאל, **איז דארט געווען נאר א פרוי דאקטאר וואס קען געבן די שאט**, אבער דער רב זי"ע האט בשום אופן נישט געוואלט לאזן א פרוי אים אנרירען, בלית ברירה האט דער משמש געוואלט צוריק קומען דעם קומענדיגן טאג, אבער דער רב האט געזאגט, "**לאמיר ווארטן נאך אפאר מינוט, אפשר וועט אנקומען א מאן וואס קען דאס טון**".

לפלא נאך אפאר מינוט, איז אנגעקומען א דאקטאר א מאן פון די שפיטאל, און ווען ער האט געזען ווי דער רב זיצט דארט אוןווארט, האט ער געפרעגט וואס גייט פאר, האט דער משמש דערציילט, אז מען ברויך נעמען די שאט און עס איז דא נאר א פרוי, און דערפאר ווייסט מען נישט וואס צו טון, האט דער דאקטאר געזאגט, אז ער וועט דאס געבן פארן רב.

און דער דאקטאר דערציילט, אז געוויינליך איז ער שוין לאנג נישט דא אין שפיטאל אזא צייט, נאר פונקט היינט האט ער זיך דערמאנט, אז ער האט עפעס איבער געלאזט אין אפיס, און דערפאר איז ער צוריק געקומען, דאן האט שוין דער משמש פארשטאנען, פארוואס די רב האט געבעטן צו ווארטן, און דער רב האט געגעבן פאר דעם דאקטאר א ברכה אז ער זאל אייביג זיין דער גוטער שליח פאר רפואת חולי ישראל.

• • •

אויפן וועג אהיים איז מען געפארן מיטן באס, און ארויפקומענדיג אויפן באס איז דארט געזעצן א פרוי פון די תימנע אפשטאם, וואס זי איז געווען אינגאנצן באדעקט אזוי ווי זיי פירן זיך, און דער רב האט נישט געכאפט אז דאס איז א פרוי, **און ער האט זיך געוואלט אראפ זעצן נעבן איר, אבער די לעצטע רגע האט דער גבאי געזאגט פארן רב, אז דאס איז א פרוי**, דעריבער האט זיך דער רב נישט געוואלט מער אראפ זעצן די גאנצע וועג אהיים.

דעם קומענדיגען טאג קומט די רעבעצין און פרעגט דעם גבאי, ווי אזוי איז געווען דעם

נעכטיגען באזיך ביים דאקטאר, דער גבאי האט דערציילט די גאנצע מעשה מיטן דאקטאר, אבער די רעבעצין האט ווייטער געפרעגט וואס נאך האט פאסירט.

ווען די גבאי האט געפרעגט די רעבעצין, פארוואס זי פרעגט זיך אזוי נאך אויפן באזיך, האט די רעבעצין דערציילט, **אז דער רב פאסט היינט די גאנצע טאג, און זי ווייסט נישט די סיבה פארוואס פונקט היינט פאסט די רב**.

דאן האט דער גבאי געכאפט, אז דער רב האט געפאסט דעם גאנצן טאג, נאר ווייל ער האט זיך כמעט אראפ געזעצט נעבן א פרוי באונס, אפילו ער האט זיך למעשה נישט אראפגעזעצט, ווייל דער צדיק האט זיין גאנצע לעבן געלעבט מיט א געוואלדיגע קדושה, און אפילו עפעס וואס איז געווען באונס און עס איז למעשה נישט געשען, איז ביי אים געווען א פגם, וואס ער האט געשפירט אז ער ברויך תשובה טון אויף דעם.

• • •

**מען דערציילט**, אז אויף די עלטערע יארן, איז דער רב זי"ע שוין נישט קיין סאך געפארן אפילו אויף שמחות, ווייל עס איז אים זייער שווער אנגעקומען, אבער איין טאג האט א איד וואס האט געהאט א גרויסע משפחה מיט קינדער און געווען א שוואכע בעל פרנסה, **מכבד געווען דעם רב מיט סנדקאות**, און צוליב דעם כבוד פון דעם איד האט די רב זי"ע אנגענומען דעם כיבוד.

אפאר טאג בעפאר דעם ברית, איז א קרוב פון דעם איד געקומען צו דעם איד און געבעטן, אז ער זאל אים געבן סנדקאות, און ער האט אים געזאגט **אז ער וועט אים באצאלן דריי טויזענט דאלער פארן כיבוד**, דער איד האט געזאגט פאר דעם קרוב, אז ער האט שוין מכבד געווען דעם רב, און ער וויל נישט אוועק נעמען דעם כיבוד, אבער פון די אנדערע זייט קען ער דאך ניצן די געלט.

איז דער איד אריבער צום רב, און דערציילט די גאנצע נושה, אז דער קרוב וויל אים געבן דריי טויזענט דאלער פאר דעם כיבוד פון סנדקאות, אבער דער רב האט געזאגט פאר דעם איד, די מצוה איז שוין מיינס, און אזוי ווי די האסט מיך שוין מכבד געווען, וויל איך נישט אויף געבן אויף די מצוה, און בלית ברירה האט דער איד מסכים געווען און דער רב איז געווען סנדק.

דעם קומענדיגן טאג קלאפט אויפן טיר פון דעם איד דער גבאי פונעם רב, און געט אים איבער א קאנווערט וואס דער רב האט אים געשיקט, ווען דער איד מאכט אויף דעם קאנווערט **זעט ער דארט ליגן פינף טויזענט דאלער**, דער איד איז גלייך אריבער צום רב און זאגט פארן רב, אויב דער רב געט מיר דריי טויזענט דאלער קען איך נאך פארשטיין, אז דער רב האט נישט געוואלט אז איך זאל שאדן האבן די געלט וואס דער קרוב האט מיר געוואלט געבן, אבער פארוואס האט דער רב מיר געגעבן פינף טויזענט דאלער.

האט דער רב מיט זיין חכמה און פשטות געזאגט פאר דעם איד, דער קרוב האט דיר געוואלט געבן דריי טויזענט דאלער, כדי די זאלסט אים מכבד זיין מיט סנדקאות, אבער מיך וואס די האסט מיר געגעבן דעם כבוד פון מכבד זיין מיט סנדקאות אן בעטן אפילו, קומט דיר נישט נאך צוויי טויזענט דאלער עקסטער, דאס איז געווען די געוואלדיגע חביבות צו א מצוה פונעם הייליגען רב זי"ע.

• • •

**ווערט דערציילט**, אז בשנת תשמ"ו ווען דער רב זי"ע איז געווען זייער נישט געזונט, מען האט דאן געוואלט זיך ארויס לאזן קיין באסטאן צו אפערירן דעם רב זי"ע, אבער זיין מצב האט זיך דאן זייער פארערגעט און די מצב איז געווען ממש לעבנ'ס געפאר, און מען האט דעם רב אריין געטראגן אין שפיטאל אינמיטן די נאכט.

אנקומענדיג אין שפיטאל, האט דער דאקטאר אינטערזיכט דעם רב, און ער האט געזאגט, אז ער וועט קודם אריין שיקן די קראנקען שוועסטער וואס איז געווען א פרוי, און זי זאל קודם איטער זיכן דעם רב, און דאן וועט ער זעהן וואס ער קען גרינגער מאכן פארן רב, אבער לפלא אזוי ווי די פרוי נורס איז אריין געקומען אין שטוב, **האט זיך דער צדיק אויס געדרייט צו די וואנט, און בשום אופן נישט געוואלט אפילו רעדן צו די פרוי**.

דער דאקטאר האט זיך פאר עקשנ'ט און בשום אופן נישט געוואלט זעהן דעם רב, בעפאר

די פרוי נורס אונטער זיכט דעם רב, און אזוי האט זיך דאס אויף געהאלטן פאר א שטיק צייט, און בשעת מעשה איז דער צדיק געווען אין יסורים ממש, אבער ער האט זיך בשום אופן נישט געוואלט ברעכן צו רעדן צו א פרוי.

צום סוף האט דער גבאי איבער גערעדט דעם נורס, אז ער וועט איר איבערגעבן אלע אינפארמאציע, און זי זאל גיין זאגן פארן דאקטאר, אז די רב האט איר געגעבן די אינפארמאציע, און דאן האט מען באהאנדעלט דעם רב, אב**ער דער צדיק האט אפילו זייענדיג אין יסורים נוראים, זיך נישט געבראכען אויף זיין מנהג און זהירות וואס ער האט זיך געפירט זיין גאנץ לעבן בקדושה וטהרה.**

• • •

**מען קען זיך נישט פארשטעלן דאס קדושה וטהרה** מיט וואס דער צדיק האט געלעבט זיין גאנץ לעבן, אפילו נאך פון די יונגע יארן האבן אידן מעיד געווען אויף זיין התנהגות דקדושה מיט וואס ער האט זיך שוין דאן געפירט, ספעציעל איז דער צדיק געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע **שמירת עיניים** וואס ער האט געהאט, אפילו גייענדיג אויף די גאס האט דער צדיק נישט אויף געהויבן זיינע אויגן קיין סעקונדע ממש, כדי נישט נכשל צו ווערן ח"ו מיט א ראי' אסירה.

מען דערציילט, אז ביי די שידוך זיינער מיטן זיווג ראשון מיט הרבנית הצדקת מרת מרת בילא ע"ה, בת הגה"ק רבי ברוך גאלדבערגער אב"ד פיר זי"ע, וואס משום איזה סיבה איז דער צדיק דער רב זי"ע אויף געוואקסן א שטיק צייט בעפארן שידוך ביים הייליגען זיידן הגה"ק רבי זאב גאלדבערגער אב"ד הוניאד זי"ע, און אויך די רעבעצין מזיווג ראשון מרת בילא ע"ה איז אויף געוואוקסן אין שטוב פונעם זיידן, צוליב וואס זי איז געווארן א יתומה זייעדניג נאר 11 יאר אלט.

ווען עס איז געקומען צום שידוך שליסן, האט איינער זיך אנגעריפן צום זיידן די נאסוידער רב זי"ע, **אז מען קען זיכער שליסן שידוך אן דעם וואס די חתן כלה זאלן זיך טרעפן, וויבאלד דער חתן איז דאך אויף געוואקסן אינעם זעלבן שטוב ווי די כלה, קענען זיי זיך שוין זיכער גוט איינער דעם צווייטן,** האט דער הייליגער זיידע דער נאסוידער רב זי"ע געזאגט בזה"ל, "**איך בין גרייט צו שווערן, אז ער האט איר נישט געזען אפילו איין איינציג מאל**", דאס איז געווען זיין קדושה וטהרה פון יוגענד אן.

• • •

**דערציילט איינע פון די גאר נאנטע מקורבים פונעם רב זי"ע**, אז ביי די שידוך שליסן פון דעם זיווג שני מיט הרבנית הצדקת מרת מרת פריידא ע"ה, בת הרה"ק רבי פנחס יוסף דאכנער זי"ע, האט דער רב געזאגט, אז וויבאלד די גמרא זאגט (קידושין מ"א ע"א) **אמר רב יהודה אמר רב, "אסור לאדם שיקדש את האשה עד שיראנה"**, האט מען אפ געשמיעסט, אז מען וועט דורך גיין מיטן רב אויף איין זייט פון די גאס, און די כלה וועט דורך גיין אויף די אנדערע זייט פון די גאס, כדי זיי זאלן זיך קענען זעהן איינער דעם אנדערן.

האט דער מקורב דערציילט, אז ווען דער רב זי"ע האט שפאצירט אויף די גאס מיט אראפ געבויגענעם קאפ, האט דער צדיק געהאלטן און איין פרעגן, "**זי איז שוין אריבער, זי איז שוין אריבער**", ווען מען האט געענטפערט אז זי איז נאכנישט אריבער, איז דער צדיק ווייטער געגאנגען, און אזוי ווי מען האט אים געזאגט, אז די כלה איז שוין אריבער, איז ער גלייך אהיים געגאנגען, דער צדיק האט קיין איינמאל נישט אויף געהויבן זיינע הייליגע אויגן.

• • •

**איינע פון די גבאים האט דערציילט**, אז אויף די עלטערע יארן אין ירושלים, זענען צוויי שכנים פונעם רב, וואס איינער האט געוואוינט אויפן אויבערשטען שטאק, און ער האט געוואלט ארויס ציען זיין **טאראסע (פארטש)**, און דער פון אינטען האט גע'טענה'ט, אז דאס וועט אים פארשטעלן דאס ליכטיגקייט, און די צוויי האבן זיך נישט געקענט פארגלייכן, האבן זיי אפ געמאכט צווישן זיך, אז מען וועט אריין גיין צום רב זי"ע אין שטוב, און מען וועט אים בעטן, אז ער זאל דאס פארגלייכן צווישן זיי ביידע.

זיי זענען אריין צום רב זי"ע, און זיי האבן ביידע פאר געלייגט זייער טענות, און זיי האבן געבעטן דעם רב, אז ער זאל פסק'נען וואס מען זאל טון, זיי האבן דאן געבעטן דעם רב, **אז ער זאל ארויס קומען אויף די גאס, און ארויף קוקען און זעהן וואס די הלכה איז**, אבער דער רב האט זיי גארנישט געענטפערט, און פאר זיי האט

אויסגעזען אז דער רב איז נישט מסכים צו פסק'נען וואס די הלכה איז.

האבן זיי נאכאמאל געבעטן דעם רב, אז ער זאל ארויס קומען און זעהן וואס די הלכה איז, האט דער רב מיט זיין שמייכל און תמימות געזאגט בזה"ל, "**איך האב מיין גאנץ לעבן נישט אויפגעהויבן מיינע אויגן צו קוקען אויף ארויף, ווילט איר אז יעצט, אויף דער עלטער זאל איך ברעכן מיין גדר**", דאס איז געווען די גרויסע קדושה ופרישות פון דעם גרויסן צדיק, אז ער האט קיינמאל נישט אויף געהויבן זיינע הייליגע אויגן ארויס צו קוקען פון זיינע ד' אמות.

• • •

**איינע פון די תלמידים פונעם רב זי"ע האט דערציילט**, אז נאכן הסתלקות פונעם רב, האט ער זייער געוואלט **ארויף שטעלן א נר תמיד העכער ווי דער רב פלעגט זיצן**, אז עס זאל דארט ברענען דאס גאנצע יאר לעילוי נשמת דעם רב זי"ע.

איז ער אריבער צום שמיד אין ירושלים, וואס איז דרך אגב געווען נישט אזא פרימער איד, און ער האט זייער געבעטן, אז ער זאל דאס מאכן ווי שנעלער, אבער דער שמיד האט געזאגט, **אז אזוי ווי עס איז יעצט נאנט צו יו"ט, קען ער דאס נישט באוויזן צו מאכן בעפאר יו"ט**.

ווען דער בחור האט זיך נישט געלאזט און זייער געמיטשעט דעם שמיד, אז ער וויל דווקא האבן דעם נר תמיד יעצט, האט דער שמיד געפרעגט מיט וואונדער, פארוואס איז אזוי וויכטיג שוין צו האבן דעם נר תמיד, האט דער בחור געזאגט, **אז אזוי ווי אונזער ראש ישיבה איז יעצט נסתלק געווארן, ווילן מיר שוין יעצט שטעלן א נר תמיד אויף זיין פלאץ דאס שנעלסטע וואס איז מעגליך**.

לפלא האט דער שמיד אויפגעציטערט און געפרעגט מיט וואונדער, "**דו מיינסט דעם רב וואס האט געוואוינט אויף רחוב עזרא**", האט דער בחור געזאגט, **יא פון דעם רב רעדט ער**, האט דער שמיד געזאגט, "**אויב אזוי, וועל איך אפלאזן אלע מיינע באשעפטיגונגען, און נאך היינט אין אווענט וועסטו עס קענען קומען אפנעמען, און נישט נאר דאס, איך וועל דיר דאס געבן פאר האלב פרייז**".

דער בחור האט זיך גאר שטארק געוואונדערט אויף דעם, פון ווי קען דער פשוטע שמיד דעם רב, האט דער שמיד דערציילט די מעשה, אז א יאר צוריק בעפאר די הסתלקות פונעם רב, האט מען מיך איין טאג געריפן פאריכטען עפעס אינעם שטוב פונעם רב, און ער דער שמיד איז דאן נאך ליידער געווען א פרייער איד, **און געגאנגען אן קיין קאפל**.

אבער ווען ער איז ארויף געקומען אין שטוב פונעם רב, און ער האט געזען זיין הייליגע צורה, **האט אים אנגעכאפט א פחד און מורא, און ער האט גלייך געבעטן אז מען זאל אים געבן א קאפל**, ווייל ער וויל נישט גיין מיטן הוילען קאפ פארענט פון דעם צדיק, און זייט דעמאלט האט ער נאכנישט אראפ גענומען זיין קאפל פון קאפ, דאס איז געווען זיין גרויסע קדושה, אז ער האט אפילו אן זאגן עפעס, מעורר געווען אידן צו תשובה נאר מיט זיין הייליגע לעכטיגע צורה.

• • •

**דערציילט איינע פון די גבאים**, איינמאל איז דער הייליגער ירושלימער רב זי"ע געווען אויף א נסיעה צו קברי צדיקים, און אויפן וועג צוריק האט מען זיך דאנערשטאג מיטאג ארויס געלאזט קיין לאנדאן, און פון דארט האט מען געברויכט נעמען א פליגער קיין ארץ ישראל, אבער צוליב א טעכנישע סיבה האט זיך די פליגער קיין לאנדאן פארשפעטיגט מיט פינף שעה, און דאס האט געמיינט אז מען וועט נישט כאפן דעם פליגער קיין לאנדאן אין צייט.

זייענדיג אויפן פליגער איז דארט געווען נאך א רב וואס האט אויך געברויכט אנקומען קיין ארץ ישראל, און דער רב האט פראבירט צו פועלען ביי די לופטפעלד ארבעטער, אז מען זאל פראבירן צו אפהאלטן דעם פליגער אביסל, כדי זיי זאלן קענען זיך מיט כאפן מיטן פליגער קיין ארץ ישראל, אבער דער פילאט האט בשום אופן נישט געוואלט מסכים זיין, און וואס מען האט פראבירט האט נישט געארבעט.

דאן האבן די גבאים פונעם רב געבעטן דעם פילאט, אז אויפן פליגער געפינט זיך א גרויסע באוואוסטער רב, און עס וואלט געפאסט אז ער זאל אים גיין באגריסן, און דאן וועט דער רב

פראבירן זיך איין צו בעטן ביים פילאט צו אפ האלטן דעם פליגער פון לאנדאן קיין ארץ ישראל, דער פילאט האט מסכים געווען צו גיין באגריסן דעם רב, און ער איז צו געגאנגען צום פלאץ ווי דער רב איז געזעצן.

לפלא אזוי ווי דער פילאט האט געזען די צורה פונעם רב, **איז ער ממש דערציטערט געווארן און איבער גענומען געווארן פון זיין לעכטיגע צורה**, און דאן האט דער רב פאר געלייגט זיין געבעט, און לפלא האט דער פילאט גלייך געזאגט, אז ער וועט פראבירן וואס ער קען אז דאס זאל צושטאנט קומען, און הפלא ופלא, זיין געבעטן האבן געברענגט די רעזולטאטן, און די חברה אין לאנדאן האבן מסכים געווען צו אפ האלטן דעם פליגער קיין ארץ ישראל.

דאן האט ער גע'פועל'ט, אז מען זאל אים לאזן גלייך לאנדען בעפאר אנדערע פליגער'ס, און ער האט נאך באקומען ערלויבעניש צו פארן גלייך נעבן דעם אנדערן פליגער וואס פארט קיין לאנדאן, און אזוי איז דער רב גלייך ארויף אויפן פליגער, און ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל בעפאר שבת קודש, און די עקספערטן דארט אין לופטפעלד האבן מעיד געווען, **אז דאס האט נאך קיינמאל נישט פאסירט בעפאר, אז די פילאט און אלע ארבעטער זאלן זיך אזוי צו שטעלן צו איינעם, און אלעס דורך נאר א בליק טון אויף די הייליגע צורה פונעם רב זי"ע**.

• • •

**מען דערציילט**, אז ווען דער רב זי"ע איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל בשנת תשי"א, האט ער זיך דערוויסט אויף א תלמיד זיינער, וואס איז ליידער פארקראכן פון אידישן וועג, דער רב זי"ע וואס האט זיינע תלמידים געהאלטן ממש ווי אייגענע קינדער, האט דאס זייער גענומען צום הארצן און ער האט ממש נישט געקענט דערטראגן די צער, דער צדיק האט ביי זיך געטראכט, ווי אזוי ער קען דעם בחור צוריק ברענגען אויפן ריכטיגע וועג.

האט ער באשלאסן צו איינלאדענען דעם בחור צו זיך אויף א שבת, און דער בחור זייענדיג גאר שטארק מקושר צו זיין רבין האט פארשטייט זיך גלייך מסכים געווען, צום וואונדער פון די שמשים האט דער רב דעם בחור גאר שטארק מקרב געווען דעם גאנצן שבת, און בכלל נישט געריעדט צו אים וועגן זיין ירידה אין אידישקייט, נאר אדרבה ער האט אים גאר ווארעם אויף גענומען און מכבד געווען דעם גאנצן שבת.

מוצאי שבת קודש האט דער הייליגער רב זי"ע אריין גערופן דעם בחור צו זיך אין פריוואטע צימער, און דער רב האט אים געזאגט בזה"ל, "**זאלסט וויסן, אז איך האב נישט קיין איין תלמיד וואס איז אראפ פון גלייכן וועג, און איך בעט דיר, דו זאלסט מיר נישט פארשעמען**", לפלא די ווערטער וואס זענען געזאגט געווארן מיט א לויטערע הארץ און מיט ליבשאפט פון דעם הייליגען צדיק, האט אריינגעדרונגען אין הארץ פון דעם תלמיד, און ער האט טאקע תשובה געטון, און ער האט אויף געשטעלט ערליכע אידישע דורות, אלעס מיט די אמת'ע ווערטער פון דעם רב זי"ע.

• • •

**מען האט דערציילט**, אז דער רב זי"ע האט געהאלטן ביי זיך אין טאש א קעמל, און יעדן טאג נאך די מקוו', האט זיך דער רב זי"ע געמאכט די פיאות און צוזאמען גענומען זיין פיאות און בארד.

איינמאל האט מען געפרעגט דעם רב וואס איז פשט פון דעם, האט דער רב מיט זיין געוואלדיגע מידת האמת געזאגט, **אז אלס יונגעל האט אים די מאמע געבעטן, אז ער זאל יעדן טאג מאכן זיינע פיאות און זיך צוזאמען נעמען, און דערפאר טוט ער דאס יעדן טאג, כדי צו מקיים זיין מצוות כיבוד אם, ווייל אזוי האט די מאמע געבעטן**.

• • •

**איינע פון די גבאים האבן דערציילט א מעשה פלא**, ווי באקאנט איז דער צדיק הרה"ק רבי אברהם יצחק קאהן מתולדות אהרן זי"ע געווען א תלמיד מובהק פונעם רב נאך פון הוניאד, און דער תולדות אהרן רבי האט געהאט א מנהג, אז בעפאר ער איז געפארן קיין אויסלאנד, איז ער זיך קודם געקומען געזעגענען פונעם רב און געבעטן א ברכה אז ער זאל מצליח זיין אויפן וועג.

איינמאל בעפאר ער איז ארויס געפארן, האט ער אריין גערופן צום רב אין שטוב, און געזאגט אז ער קומט אריבער צום רב זיך געזעגענען, אזוי ווי דער רב האט דאס געהערט, איז ער צו געגאנגען

צום ספרים שאנק, **און ער האט אפיר געזיכט א געוויסע ספר, און ער האט געבלעטערט אינעם ספר, ביז ער האט געטראפן וואס ער האט געזיכט, און דער רב האט איין געקנייטשט ביי יענעם בלאט.**

דער תולדות אהרן רבי זי"ע איז אריין געקומען צום רב אין שטוב, און דער רב האט אים זייער שיין אויף גענומען, פארשטייט זיך אז עס האט זיך געמאכט א שיינעם תורה'דיגע שמיעס צווישן די צוויי צדיקים.

און בתוך הדברים האט דער תולדות אהרן רבי געפרעגט דעם רב, אז ער פארט יעצט קיין אויסלאנד, און ער וויל וויסן ווי אזוי ער זאל זיך פירן לגבי קריאת התורה, **וויבאלד אין חוץ לארץ האט מען דאן געליינט א אנדערע פרשה ווי אין ארץ ישראל.**

לפלא נעמט די רב זי"ע יענעם ספר, און מישט אויף ביים בלאט ווי עס איז געווען איין געקנייטשט, און ווייזט פארן תולדות אהרן רבי דעם פסק הלכה אויף זיין שאלה, דער גבאי איז ממש ארויס פון התפעלות פון די הייליגע אויגן פונעם רב, **אז ער האט שוין פאר געזען די שאלה וואס מען גייט אים פרעגן, און ער האט צו געגרייט דעם ענטפער בעפאר.**

• • •

**צו פארשטיין וואס מיינט א איד א צדיק**, וואס האט זיך נישט אוועק גערירט פון אן הלכה פון שולחן ערוך, איז פאסיג צו דערציילן די מעשה, איינמאל פורים וואס איז אויס געפאלן אויף א פרייטאג ערב שבת קודש, און ווי דער מנהג ביים רב זי"ע איז געווען, אז ער האט קודם זיך געוואשן ביי זיך אין שטוב, און דערנאך איז ער אריין געקומען אין שוהל, און פארגעזעצט די סעודת פורים מיטן עולם.

און ווי דער שטייגער פלעגט דער צדיק טרינקען גאר אסאך ווייו לכבוד דעם יו"ט פורים און געווען בגילופין און מקיים געווען דעם עד דלא ידע מיטן גאנצן כוח, און אזוי ווי ער איז אריין געקומען אין שוהל, האט מען דערלאנגט פארן רב די חלה מיט א מעסער, אז ער זאל אויף שניידן די חלה לכבוד פורים, **אבער לפלא האט דער צדיק אוועק געשטיפט די מעסער, און האט אפ געבראכן א שטיקל פון די חלה און געגעסן.**

דאן האבן זיך די גבאים געכאפט, אז דער צדיק אפילו זייענדיג בגילופין נאכן טרינקען אזויפיל ווין, האט ער אבער געדענקט דעם הלכה אין שולחן ערוך, **אז פרייטאג ערב שבת קודש זאל מען נישט שניידן קיין חלה אדער ברויט מיט א מעסער**, און דער צדיק האט אפילו דאן אינזין געהאט דעם מנהג און הלכה, אזוי ווי ער האט אייביג געטון.

• • •

**איינמאל איז די רעבעצין אוועק געפארן אויף אפאר טאג**, און ווי דער סדר איז געווען, אז מען האט יעדע נאכט געשיקט א אנדערע בחור וואס זאל שלאפן ביים רב אין שטוב כדי ער זאל נישט זיין אליין, דערציילט א בחור א תלמיד וואס איז געווען איין נאכט ביים רב אין שטוב, אז ער איז אנגעקומען אין שטוב בערך נאך חצות ביינאכט.

אזוי ווי ער קומט אריין, זעהט ער דעם רב שטיין אויף די פיס איין פיס אויף א בענקל און דאס אנדערע אויף דער ערד, און אויפן טיש ליגט א בארג מיט ספרים, און דער רב איז מעיין און איז גאר פארטיפט אין לערנען, און ער פארייכערט איין צוגארעטל נאכן אנדערן, דער בחור האט פראבירט צו מאכן גרידער כדי דער רב זאל זיך דערוועקן פון זיין דביקות און זיך נישט דערשרעקן פון זיין אריין קומען, אבער לפלא איז דער רב ווייטער געווען איינגעזינקען אין זיין דביקות, איז דער בחור אריין אין שטוב זיך לייגן שלאפן.

צופרי האט זיך דער בחור דערוועקט אביסל בעפאר פינף אזייגער פארטאג'ס, און צו זיין וואונדער זעהט ער, **ווי דער רב זי"ע שטייט אויפן זעלבן פלאץ מיט איין פיס אויפן בענקל, און רייכערט איין ציגארעטל פונעם אנדערן און איז פארטיפט אין לערנען**, פלוצלונג האט זיך דער וועקער זייגער פונעם בחור צוקלינגען, און דאס האט אויף געוועקט דעם רב פון זיין דביקות.

גלייך ווען דער רב האט געזען דעם בחור, האט ער געפרעגט וויפיל איז די זייגער, האט דער בחור געזאגט, אז עס איז פינף אזייגער פארטאג'ס, האט דער רב געזאגט מיט א שמייכל ווי צו פארדעקן די גאנצע זאך, "**און איך האב פארגעסן צו שלאפן**", און ער האט צו געלייגט פארן בחור, איך בעט דיך דערצייל דאס נישט פאר די רעבעצין, ווייל זי וועט זיין זייער באזארגט דערפון, דער צדיק האט בכלל

נישט געמאכט קיין ווען דערפון, און דער צדיק האט די גאנצע טאג ווייטער געדאווענט און פאר געלערנט זיינע שיעורים, כאילו ער איז גוט געשלאפן די גאנצע נאכט, עס האט זיך בכלל נישט אנגעזען אויפן צדיק, אז ער איז די גאנצע נאכט אויף געווען און עוסק געווען בתורה.

• • •

**מען דערציילט**, אז א איד וואס איז געווען ליידער מיט א קינד אין שפיטאל וואס איז געווען קראנק און מען האט נישט געוויסט וואס מען זאל טון צו בעסער מאכן פאר דעם קינד, איז דער איד אריבער צום רב זי"ע און מזכיר געווען דעם קינד פאר א רפואה בקרוב.

דער רב האט געליינט דעם קוויטל און דאן זאגט די רב זי"ע, **דער קינד וועט אהיים קומען בעפאר שבת**, דער איד האט געהאט אמונת צדיקים, אבער בדרך הטבע האט נישט אויסגעזען ווי דאס קינד קען אהיים קומען אויף שבת.

ערב שבת קודש איז די מאמע געזעצן מיטן קינד אין שפיטאל און מען האט נישט געזען פון ווי די ישועה וועט קומען, אבער דאן איז אונעם דערנעבנדיגן שטוב געווען א קינד, וואס האט אויך געווארט אז א דאקטאר זאל אים זען, יענער משפחה האט געקענט באצאלן פאר א דאקטאר.

ווען דער דאקטאר איז אנגעקומען, האט ער אריינגעוואנדערט אינעם אנדערן שטוב פון דעם אנדערן קינד, און דער דאקטאר האט גלייך געוויסט פון וואס דער קינד ליידט און גלייך פארשריבן דעם ריכטיגען מעדעצין, **און אזוי ווי דער הייליגער צדיק האט געזאגט, אויף שבת קודש איז דער קינד שוין געווען אינדערהיים געזונט און שטארק**.

• • •

**הרה"ח רבי הלל דוב גאנץ ע"ה האט דערציילט**, אז בשנת תשנ"ג איז זיין מאמע א עלטערע פרוי ליידער קראנק געווארן מיט די ביטערע מחלה ל"ע, און די מצב האט אויס געזען זייער שווער, ר' הלל דוב ע"ה וואס איז געווען א תלמיד חביב פונעם רב, איז ער אריבער צום רב זי"ע, און מזכיר געווען זיין מאמע לרפו"ש.

דאס איז געווען פורים און דער הייליגער צדיק זייענדיג גוט אנגעטרינקען האט געזונגען א ניגון און בתוך הדברים האט ער געזאגט בזה"ל, "**דער באשעפער זאל העלפן זי זאל האבן א רפואה שלימה בקרוב**", לפלא נישט לאנג נאכדעם איז די מאמע געזונט געווארן און נאך געלעבט 20 יאר געזונטערהייט.

• • •

**אין ספר עטרת יהושע ווערט געברענגט**, אז אין די ביטערע טעג אין לאגער אוישוויץ, האט דער הייליגער ירושלימער רב זי"ע געזען א געלעגנהייט איינצוהאנדלען **א פאר קליינע תפילין**, ער האט אוועקגעגעבן זיין גאנצע טעגליכע שטיקל ברויט, וואס איז געווען דער גאנצער חיות פונעם גוף, פאר עטליכע טעג נאכאנאנד, נאר צו קענען לייגן תפילין, יעדן טאג פארטאגס, מיט א שרעקליכן פחד פון די דייטשן, פלעגט ער זיי ארויסנעמען, לייגן פאר עטליכע מינוט, מקיים זיין די מצוה מיט טרערן, און דערנאך געגעבן פאר אנדערע אידן זיך אויך מוסר נפש צו זיין דערפאר.

• • •

**אין ספר צדיק כתמר יפרח ווערט געברענגט די מעשה**, אז א איד איז אמאל אריינגעקומען צום הייליגען רב זי"ע מיט א צובראכן הארץ נאך לאנגע יארן וואס ער איז נישט געהאלפן געווארן מיט קינדער, דער איד האט געוויינט מיט ביטערע בכיות און געבעטן, "**דער רבי זאל מיר פארזיכערן א ישועה**".

האט דער רב זי"ע אים אנגעקוקט מיט זיינע הייליגע אויגן און געזאגט מיט אן אמת'ע פשטות, "**ווער בין איך צו פארזיכערן, איך בין דאך גארנישט, אבער לאמירביידע צוזאמען זאגן א קאפיטל תהלים און בעטן פונעם אייבערשטן וואס ער אליין איז דער רופא כל בשר ומפליא לעשות**", דער רב האט אנגעהויבן וויינען צוזאמען מיטן איד, און געזאגט א קאפיטל תהילים ווארט ביי ווארט צוזאמען מיט דעם איד, און צום סוף האט דער רב געזאגט, "**דער באשעפער וועט אי"ה העלפן**", פונקט א יאר שפעטער האט יענער איד געמאכט א 'שלום זכר' פאר זיין ניי-געבוירן קינד.

• • •

**אין ספר עטרת יהושע ווערט געברענגט**, אז ווען דער רב זי"ע איז געשטאנען ביי שחרית ביי שמונה עשרה אדער ביי א פשוטע דאווענען, פלעגט ער פארמאכן די אויגן מיט אזא דביקות, אז ער איז געווען אינגאנצן אפגעריסן פון דער וועלט,

מען האט דערציילט, אז איינמאל נאך א לענגערן דאווענען, ווען ער האט געעפנט די אויגן, איז ער געשטאנען א מינוט צוויי פארגאפט און זיך אומגעקוקט אויף די ארומיגע, ווי איינער וואס קומט יעצט צוריק פון א צווייטער וועלט, און ער האט זיך אנגערופן שטילערהייט צו זיין משמש, "**מען דארף האבן גרויס רחמים צו קענען זיין דא אויף דער עולם הזה נאכדעם וואס מען שטייט פארן ממלא כל עלמין**".

• • •

**אין ספר זכרון משה ווערט דערציילט**, אז אין זיינע שפעטערע יארן ווען דער רב איז געווען אין שפיטאל, האט מען געדארפט מאכן א קאמפליצירטן רענטגען און סי-טי סקען פארן קאפ, דער דאקטער האט אים געבעטן ער זאל ארויפקוקן אויפן מאשין און אויף די ספעציעלע ליכטיקייטן כדי צו כאפן דעם בילד ווי עס דארף צו זיין.

דער רב האט טאקע אויפגעהויבן דעם קאפ אויפ ארויף, א**בער דער צדיק האט געהאלטן די אויגן פארמאכט די גאנצע צייט און בשום אופן נישט געוואלט עפענען זיינע הייליגע אויגן**, ווען דער מקורב האט געפרעגט פונעם רב, פארוואס ער קוקט נישט אויפן מאשין, האט דער צדיק געזאגט, "**איך האב שוין עטליכע און אכציג יאר נישט געקוקט אויף זאכן וואס פעלט נישט אויס, און איך וויל נישט קאליע מאכן מיינע אויגן יעצט פאר קיין שום רפואה**", דער דאקטער אליין איז געווארן גאר שטארק איבערגענומען פון זיין פעסטקייט, און דאס האט געמאכט א גרויסע קידוש השם זעענדיג וואס א אמתע צדיק מיינט.

• • •

**אין קובץ עדה החרדית ווערט דערציילט**, אז אמאל האט מען געברענגט פארן ירושלימער רב זי"ע א טייערן פרוכט כדי ער זאל קענען מאכן די ברכת '**שהחיינו**', ווי נאר ער האט גענומען דעם פרוכט אין די האנט, האט איינער פון די אנוועזנדע באמערקט א קליינע שאלת כשרות אדער חשש ספק אויפן בוים פון וואו עס איז געקומען, אין דער רגע וואס דער רב האט געהערט אז עס איז פארהאן אפילו א קליינער צד ספק, **האט זיין גאנצער קערפער גענומען ציטערן פון שרעק**, ער האט גלייך אוועקגעלייגט דעם פרוכט מיט א שרעקליכן פחד און געזאגט מיט טרערן, "**וויאזוי קען א מענטש נעמען עפעס אין מויל וואס האט נאר א שפור פון א חשש איסור, נאר צוליב א תאוה אדער א ברכה**".

• • •

**אין ספר זכרון משה ווערט דערציילט א מעשה נפלא**, אז א איד איז אמאל אריינגעקומען צום ירושלימער רב זי"ע מיט א שרעקליכן קוויטל, אז זיין קינד ליידט רח"ל אויפן הארץ און די דאקטוירים זאגן אז דער פאל איז פארלאזט און מען קען גארנישט טון אויף דער נאטורליכער וועלט, דער רב זי"ע האט אנגעקוקט דעם איד מיט גרויס מיטליידט און רחמנות, און געלייגט זיין האנט אויפן טיש, און פלוצלינג ארויסגענומען זיין אייגענעם טאשן-זייגער, **און לפלא דער זייגער איז געווען צעבראכן און האט זיך אפגעשטעלט**.

דער רב האט אנגעהויבן דרייען דעם קנעפל פונעם זייגער אהין און צוריק, געגעבן א קלאפ אויפן טיש און געזאגט, "**קוק, דער זייגער גייט שוין יא צוריק**!", דערנאך האט ער זיך אנגערופן צום טאטן, "**דער באשעפער וואס קען אנשטעלן א זייגער, קען אנשטעלן די קלאפן פונעם הארץ, פאר גאט ברוך הוא איז גארנישט אוממעגליך**", ווען דער איד איז צוריקגעקומען אין שפיטאל, האבן די דאקטוירים געמאלדן מיט פארוואונדערונג, אז דאס הארץ האט פלוצלינג אנגעהויבן ארבעטן מיט א נארמאלן ריטם.

• • •

**אין קובץ עדה החרדית ווערט דערציילט די מעשה**, אז א בחור וואס איז שוין געווען טיף אין די דרייסיגער יארן איז געקומען צום רב זי"ע בעטן א ברכה פאר א שידוך, יענער בחור איז שוין געווען מיד און פארצווייפלט נאך יארן פון אומערפאלגרייכע פרואוון, און איז שוין ליידער געווען שטארק מיאוש און צובראכן, דער רב זי"ע האט דעם בחור אויסגעהערט מיט גרויס רחמנות און באמת מיטגעפילט זיין גרויס צער.

דער רב זי"ע האט פלוצלינג געפרעגט דעם בחור, איבער א געוויסער מצוה און הנהגה אין הלכה (וואס דער בחור פלעגט זיך פירן לויט א געוויסע חומרא וואס איז נישט געווען אויסגעהאלטן לויטן שולחן ערוך), און דער רב האט אים געזאגט, "**נעם אויף דיר פון היינט אן זיך צו פירן פונקטליך לויטן דין שולחן ערוך אן קיין**

**אייגענע חומרות וואס קומען פון עצבות**", און דערנאך האט דער רב מוסיף געווען מיט א שמייכל, "**נאך די ימים טובים וועסטו מיר ברענגען א שטיקל לעקעך פונעם תנאים**", און פונקט ווי דער צדיק האט געזאגט, גלייך נאך די ימים טובים איז ער א חתן געווארן.

• • •

**אין ספר עטרת יהושע ווערט דערציילט**, אז א סוחר איז אמאל געקומען צום רב מיט גרויס געוויין, אז א גוי'אישער שותף האט אים באַ'גנב'עט מיט ריזיגע סומעס געלט, און ער שטייט ממש פאר א באנקראט וואס קען אים רואינירן דאס גאנצע לעבן, דער רב האט פארמאכט די אויגן פאר עטליכע לאנגע מינוטן און אריין אין א טיפן דביקות, און דערנאך געזאגט, "**פאר אהיים, לייג גארנישט איבער די געריכטן, דער וואס האט צוגענומען וועט אליין קלאפן אויף דיין טיר און צוריקגעבן דאס געלט**", דער איד איז געווען שאקירט, אבער האט געפאלגט, דריי טעג שפעטער איז יענער מענטש געקומען אינגאנצן צעטרייסלט, דערציילט אז ער קען נישט שלאפן ביינאכט ווייל ער זעט שרעקליכע מראות, און ער האט צוריקגעגעבן יעדע איינציגע פרוטה.

• • •

**אינעם ספר צדיק כתמר יפרח ווערט געברענגט די מעשה**, אז עלטערן פון א קליין קינד וואס האט געהאט א געוואוקס אויפן האלדז זענען געקומען צום רב זי"ע פאר א ברכה, פאר א שווערער אפעראציע פארן קינד וואס איז געווען באשטימט אויפן קומענדיגען טאג, דער רב האט אנגערירט דעם קאפ פונעם קינד, געגעבן א שמייכל און געזאגט פאר דער מוטער, "**גייט אהיים, גיט אים א גלעזל וואסער מיט א שיינעם 'שהכל', און דער רופא חולים וועט אים אויסהיילן אן קיין מעסער**", ווען זיי זענען אנגעקומען צופרי אין שפיטאל צום לעצטן אונטערזוכונג פארן שניידן, זענען די דאקטוירים געבליבן שטוינענד, דער גאנצער געוואוקס איז געווען אינגאנצן פארשוואונדן ווי עס וואלט קיינמאל נישט עקזיסטירט.

• • •

**אין ספר זכרון משה ווערט דערציילט**, אז א איד איז אריינגעקומען צום ירושלימער רב זי"ע מיט א קוויטל, און מזכיר געווען זיין ברודער וואס איז ליידער זייער קראנק געווארן און'איז געלעגן אין שפיטאל אן קיין באוואוסטזיין, דער רב האט גענומען דעם קוויטל, מעיין געווען דערין מיט גרויס כוונה, און געזאגט, "**איך לאז דעם קוויטל דא אופן טיש פארנט פון מיינע אויגן, און איך וועל אים אינזינען האבן ביים לערנען**", יענע נאכט האט זיך דער קראנקער פלוצלינג אויפגעוועקט פונעם קאמא, און די דאקטוירים האבן נישט געקענט פארשטיין די פלוצימדיגע ענדערונג צום גוטן, ווען דער ברודער איז געקומען מבשר זיין די בשורה טובה, האט דער רב א שמייכל געטאן און געזאגט "**דער כח פון תורה און תפילה ברעכט אלע גזירות**".

• • •

**אין קובץ עדה החרדית ווערט געברענגט**, אז א יונגערמאן איז געקומען באקלאגן זיין ביטער הארץ, אז ער פלאגט זיך שוין א לאנגע צייט מיט שווערע חובות, און צוליב דעם איז אויך חרוב געווארן דער גאנצער שלום בית ביי אים אין שטוב, דער רב האט אים אויסגעהערט מיט א טיפן קרעכץ און געזאגט, "**מאך א קבלה, אז יעדע וואך פאר שבת וועסטו אריינברענגען אין שטוב א שיינע מתנה פאר דיין ווייב לכבוד שבת קודש, אפילו נאר א קלייניקייט וואס קאסט ווייניג געלט, אבער מיט א שמייכל און א גוט ווארט**", דער יונגערמאן האט געפאלגט דעם צדיק, אין קורצן האט זיך די רואיגקייט צוריקגעקערט אין שטוב, און גלייך דערנאך האט ער באקומען א גוטן פאסטן וואס האט אים ארויסגעשלעפט פון אלע חובות.

• • •

**אין ספר צדיק כתמר יפרח ווערט דערציילט**, אז א משפחה איז געקומען צום רב זייער דערשראקן, נאכדעם וואס א דאקטער האט באשטימט אז מען מוז דורכפירן א שווערע אפעראציע וואס קען חלילה ברענגען א סכנה, דער רב האט אנגעקוקט די בילדער וואס דער דאקטאר האט גענומען, און דאן האט דער רב זי"ע אוועקגעשטיפט די בילדער מיט די האנט און געזאגט, "**גייט צו א צווייטן דאקטער אין א צווייטער שטאט, און פרעגט אים נישט איבער דער אפעראציע, נאר לאזט אים אליין בודק זיין**", ווען זיי זענען געגאנגען צום צווייטן מומחה, האט יענער דאקטער געזאגט מיט פארוואונדערונג, "**ווער האט אייך געזאגט אז מען דארף שניידן, מען דארף בלויז נעמען א פשוטע רפואה פאר עטליכע וואכן און אלעס וועט אוועקגיין**", און אזוי איז טאקע געווען.

**יארצייט כ"א אלול**

**הגה"ק רשכבה"ג רבינו יהונתן ב"ר נתן נטע זי"ע (אייבשיץ), בעל יערות דבש, מפראג**

ער איז געבוירן אין שטאט פינטשוב, **בשנת תנ"ד**.

צו זיין טאטן הגה"ק **רבי נתן נטע אב"ד פינטשוב וראב"ד בק"ק אייבשיץ** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי אשר זעליג שפירא דיין בקראקא** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי ישראל משה שפירא** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי יצחק שפירא** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי נתן נטע שפירא בעל מגלה עמוקות מקראקא** זי"ע,
א אייניקל פון הגה"ק **רבי יונה ב"ר ישעיה תאומים פרענקל בעל קקיון דיונה מפראג** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת שיינדל** ע"ה, בת הגה"ק **רבי משה יצחק יהודה לייב צינץ אב"ד העלישוי ופינטשוב** זי"ע.

ער איז געווען א איש אלקים קדוש וטהור, א בעל מקובל אלקי נורא מאוד, דער צדיק איז געווען א גאון עולם וחריף עצום בתורת הנגלה והנסתר, ער איז געווען מפורסם אלס א חכם ומחוכם און א מוח עצום, ער האט מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים גאונים בתורה, ער איז געווען א בקי אין אלע חכמות, און ער איז געווען מפורסם אלס א גאר קלוגער מענטש, צדיקים און גאונים האבן מעיד געווען, **אז דער גאון איז געווען א בעל רוח הקודש און א בעל מופת עצום**.

דער הייליגער מנחת אלעזר ממונקאטש זי"ע האט מעיד געווען, **אז פון די תקופה פון די גאונים איז נישט געווען א מרביץ תורה אזוי גרויס ווי דעם הייליגען גאון רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע**.

אויך האבן צדיקים דערציילט, אז די עבודת התפלה פון דעם גרויסן גאון, איז געווען מיט א געוואלדיגע עבודה און ברען, עס פלעגט צו גיין מיט בכיות נוראות, און נאכן דאווענען **האט מען אויפן פלאץ ווי ער האט געדאווענט געקענט טרעפן א טייך פון טרערן**, און דער גאון האט זיך אמאל אויסגעדריקט אויפן עבודת התפלה בזה"ל, "**היא חלקו בכל עמלו**".

נאך זייענדיג א גאר יונג קינד האט מען שוין געזען זיין גדלות בתורה, ער איז שוין דאן געווען **א ילד הפלא א חכם און א עילוי בתורה**, מען האט אים דאן געררופען מיטן נאמען "**דער עילוי מפינטשוב**", און אסאך קלוגע מעשיות האט מען דערציילט פון זיין יוגענד, וואס האבן ארויס געברענגט זיין געוואלדיגע קלוגשאפט.

ער האט געלערנט א גרויס חלק פון זיין יוגענד אין די ישיבה פון הגה"ק **רבי מאיר אייזנשטאט בעל פנים מאירות** זי"ע, און די צייט וואס ער איז געווען רב אין שטאט **פרוסניץ**, וואס איז געווען נאנט צום שטאט אייבשיץ, דארט האט ער געלערנט אינעם ביהמ"ד פון הגה"ק **רבי שמשון ווערטהיימער מאייזענשטאט** זי"ע, אויך האט ער דארט געלערנטביים גאון הגה"ק **רבי זאב וואלף שפירא** זי"ע.

י"ב חשון בשנת תס"ח, ווען דער גאון איז געווען 14 יאר אלט, איז זיין טאטע זי"ע נסתלק געווארן, און ער איז געבליבן א יתום פון טאטע און מאמע, ווייל די מאמע איז שוין נפטר געווארן אפאר יאר פריער, און דער גאון האט כסדר געזאגט, אז אפילו ער האט פארלוירען זיין גרויסן טאטן יונגערהייט, האט ער מיטן טאטן דורך געלערנט א גאר גרויסע חלק תורת הנגלה און תורת הנסתר.

בשנת תס"ט איז דער גאון רבי מאיר אייזנשטאט זי"ע געווארן רב אין שטאט שידלובצה אין פולין, איז דער גאון רבי יהונתן געפארן לערנען צום שטאט **העלישוי**, צו זיין פעטער הגה"ק **רבי אליעזר הלוי איטינגא אב"ד העלישוי** זי"ע.

בשנת ת"ע האט ער חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת עלקלי** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי משה יצחק שפירא אב"ד בומסלא** זי"ע,
דורך זיין רעבעצין איז ער געווארן א קרוב מיט גרויסע גאונים בדורו ובתוכם, הגה"ק **רבי אליהו שפירא בעל אליהו רבה אב"ד טיקטין** זי"ע, הגה"ק **רבי יעקב ריישר בעל שבות יעקב אב"ד**

**וורמייזא** זי"ע, הגה"ק **רבי דוד אופנהיים אב"ד פראג** זי"ע.

נאך די חתונה איז ער געזעצן אויף קעסט ביים שווער, און געזעצן בקדושה וטהרה על תורה ועבודה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, אויך האט ער דעם שווער ארויסגעהאלפן מיט שאלות בהלכה אינעם שטאט, און ווי מען זעט די הכרת הטוב וואס דער איידעם זייענדיג א יתום פון די עלטערן האט געהאט צו זיין שווער, ווי ער שרייבט בזה"ל, "**הוא אשר לקחני מבית אבי, באשר אבי ואמי עזבוני בילדותי, והוא נתן לי את בתו לאשה וגדלני והלבשני לא חסר לנפשי מאומה**".

א שטיק צייט שפעטער, איז ער אריבער וואוינען צום שטאט **פראג** נעבן זיין זיידע הגה"ק **רבי אהרן יחיאל מיכל שפירא מפראג** זי"ע, און דארט האט ער געלערנט תורה ביי די תלמידים פון הגה"ק **רבי אברהם ברוידא** זי"ע, ובתוכם הגה"ק **רבי יונה לאנדסופר בעל מעיל צדקה** זי"ע, והגה"ק **רבי נתנאל ווייל בעל קרבן נתנאל** זי"ע, און בשנת תע"ג האט ער פאר א יאר זיך געצויגען קיין **האמבורג** נעבן זיין זיידע הגה"ק **רבי מרדכי כהן** זי"ע.

בשנת תע"ד איז ער צוריק צום שטאט **פראג**, און דארט איז ער געווארן אויף גענומען אלס **דרשן הקהלה** און דער **ריש מתיבתא פון שטאט פראג**, דארט האט זיך אנגעהויבן זיין לאנג יאריגע מרביץ תורה זיין פאר טויזענטער תלמידים גאונים וגדולים בתורה, אפילו זייענדיג שוין דאן איינע פון די גרויסע מרביצי תורה פון זיין דור, האט דער גאון רבי יהונתן נישט געוואלט נעמען קיין געהאלט פון די קהילה, נאר האט יענע יארן עוסק געווען במשא ומתן באמונה, אבער רוב צייט האט דער גאון עוסק געווען בתורה ועבודת השם מיט א געוואלדיגע התמדה וקדושה.

ער האט מיט זיין געוואלדיגע חכמה און גדלות בתורה צו געצויגן צו זיך די גרעסטע גדולים בתורה, און ז' תשרי בשנת תצ"ז ווען דער גדול הגה"ק **רבי דוד אופנהיים אב"ד פראג** זי"ע איז נסתלק געווארן, האט מען רבי יהונתן אייבשיץ אויף גענומען **אלס רב אין שטאט פראג**.

בשנת תק"א האט דער גרויסע קהלה אין שטאט **מיץ** אין **צרפת** געזוכט א נייעם רב, נאכדעם וואס זייער גרויסער רב הגה"ק **רבי יעקב יהושע בעל פני יהושע מקראקא** זי"ע איז אריבער קיין פראנקפורט דמיין, האט מען דאן אויף גענומען דעם גאון רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע אלס ממלא מקום אלס רב און ראש ישיבה פונעם גרויסן ישיבה אין **שטאט מיץ**.

בשנת תק"ה ווען די מלוכה פון אסטרייך האט ארויס געגעבן א גזירות גירוש אויף אלע אידן פון אסטרייך, האט דער גאון און חכם רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע נישט איינגערועט, ביז ער האט בעזהשי"ת ערלעדיגט צו מבטל זיין דעם גזירות גירוש, און בכלל האט ער געהאט א גאר נאנטע קשר מיט די מלוכה, צוליב די געוואלדיגע חכמה וואס דער גאון האט פארמאגט.

אויך האט ער זייענדיג אין שטאט פראג גאר שווער געארבעט אראפ צו נעמען דעם איסור פון דריקן דעם גמרא, וואס די מלוכה האט נישט געלאזט דריקן דעם גמרא, צוליב וואס דארט שטייט זאכן קעגן דעם גלויבן פון די נוצרים, אבער ער מיט זיין געוואלדיגע חכמה און גדלות בתורה האט דאס מבטל געווען.

בשנת תק"י נאך די פטירה פון הגה"ק **רבי יחזקאל קצנלבוגן בעל כנסת יחזקאל** זי"ע, איז ער געווארן אויף גענומען אלס רב פון **איחוד ג' הקהילות**, וואס איז באשטאנען פון די דריי שטעט, **המבורג, אלטונה, וואנדסבק**, וואס דאס איז געווען א גאר גרויסע עבודה פון פירן אזוי פיל יידישע שטעט אויף איין מאל, און די שטאט ווי ער האט געוואוינט איז געווען די שטאט **אלטונה**.

אסאך גרויסע שטעט האבן דעם גאון געוואלט אויף נעמען פאר רב ביי זיי אין שטאט, ובתוכם די גרויסע שטעט **קראקא** און **ניקלשבורג**, אבער דער גאון האט בשום אופן נישט געוואלט איבער לאזן זיינע גרויסע תלמידים און איז געבליבן רב אין אלטונה און די אנדערע צוויי שטעט ביז צו זיין פטירה.

אויך איז באקאנט, אז דער גאון איז געווען א גרויסער בקי בתורת הנסתר און קבלה, און בשנת תק"ט האט רח"ל אויס געבראכן א מגיפה פון וועלכע עס זענען ל"ע געשטארבן יולדות, האט

רבי יהונתן געגעבן קמעות און דורך דעם האט זיך די מגיפה אפגעשטעלט.

אבער וויבאלד יענע צייט איז געווען נאך די ביטערע צייטן פון דעם משיח שקר כת ש"ץ ימ"ש, וואס האט איינגערעדט אידישע קינדער אז ער איז משיח, וואס מיט דעם האט ער ליידער אפגעפירט א גרויסע חלק פון כלל ישראל, און עס זענען ליידער געווען אידן וואס האבן געפעלשט די קמעות פון רבי יהונתן, און דאן האבן זיי דאס געטראגן צום גאון רבי יעקב עמדין זי"ע און מסביר געווען אז רבי יהונתן איז פון די כת ש"ץ.

אין דער גרויסע גאון הגה"ק רבי יעקב עמדין זי"ע וואס האט מורא געהאט, אז דער גאון רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע איז רח"ל אויף פארכאפט מיט דעם דרך פון שבתי צבי ימ"ש, איז ער ארויס מיט א מלחמה קעגן דעם גאון רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע, און אויך נאך אסאך גאונים פונעם דור האבן זיך צו געשטעלט צו רבי יעקב עמדין, און מען האט אויף דעם גאון רבי יהונתן געלייגט א חרם.

אבער שפעטער איז ארויס געקומען דעם אמת, און יעדער האט געזען אזביידע גדולים און גאונים האבן דעם מחלוקה נאר געמיינט לשם שמים.

דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע האט אמאל געזאגט, **אז ווען נישט די מחלוקה אויף רבי יהונתן זי"ע, וואלט משיח שוין לאנג דא געווען, ווייל אזא דור דעה איז נאך נישט געווען זינט די צייטן פון די בעלי תוספות.**

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגער דברי תורה און חידושים אין די חיבורים.

**ספר כרתי ופלתי, על שולחן ערוך יורה דעה,**
**ספר תרי"ג מצוות,**
**ספר אהבת יהונתן, על הפטרות,**
**ספר אורים ותומים, על שולחן ערוך חושן משפט,**
**ספר יערות דבש, דרשות ומוסר,**
**ספר בינה לעיתים, על הלכות יו"ט,**
**ספר המדע, על הלכות ריבית.**

און נאך גאר אסאך תשובות און חידושים וואס זענען ארויס געקומען נאך זיין פטירה.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

הגה"ק **רבי יהודה לייב** זי"ע, חתן **הקצין רבי זלמן טארני** זי"ע,
הגה"ק **רבי יצחק מפראג** זי"ע,
הגה"ק **רבי נתן נטע** זי"ע, חתן הגה"ק **רבי יהודא ליב אולמא מפראג** זי"ע,
הגה"ק **רבי מרדכי** זי"ע, חתן **הגביר הקצין רבי אברהם טעבין משטאמפי** זי"ע,
הגה"ק **רבי יחיאל מיכל** זי"ע, חתן הגה"ק **רבי יעקב משה פוליץ** זי"ע,
**הגביר הגאון רבי בנימין זאב וואלף** זי"ע, חתן הגה"ק **רבי ישכר בעריש אב"ד הנובר** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת רבקה** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי מרדכי קאזאז מפראג** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת היצל** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי בנימין וואלף פרענקל מברעסלא** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת ניסל** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי רפאל מגלוגא** זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים **כ"א אלול בשנת תקכ"ד**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **אלטונא**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**אונעם שטוב פונעם גאון רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע** האט געארבעט א משרת פאר יארן לאנג, און נאך די פטירה פונעם גאון האט זי דערציילט, צוויי גרויסע זאכן וואס זי האט צוגעזען ביי דעם גרויסן גאון.

איינס איז געווען, **אז אפילו זי האט געארבעט אין זיין שטוב יארן לאנג, האט דער גאון קיינמאל נישט אפילו בטעות געקוקט אויף די משרת.**

די צווייטע איז געווען, **אז יעדע נאכט ביי חצות לילה, האט דער גאון געוויינט מיט בכיות נוראות, אז עס האט יעדע נאכט ממש אויסגעזען, ווי דאס איז זיין לעצטע טאג פון זיין לעבן.**

• • •

**ווי באוויסט איז דער גאון רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע געווען א חכם מחוכם** און אייביג געהאט אן

ענטפער פאר יעדן איינעם, איין טאג איז דער גאון ארויס פון שטוב צו גיין דאווענען שחרית, אינמיטן האט ער זיך געטראפן מיטן מלך פון שטאט, האט אים דער מלך געפרעגט, "**ווי גייט דער רב**", האט דער גאון געענטפערט, "**איך ווייס נישט**".

דער מלך איז פון דעם ענטפער געווארן אין כעס, און דאס אנגענומען אלס א חוצפה, און געהייסן **מען זאל דעם גאון איינשפארן אין תפיסה**, אבער נאך א שטיק צייט, ווען דער מלך האט זיך בארואיגט, האט ער געלאזט רופן דעם גאון און פרעגט אים, היתכן, **פארוואס האסטו מיר געענטפערט א תשובה נישט ווי עס דארף צו זיין**.

האט אים דער גאון מיט חכמה געענטפערט, פונקט פארקערט, איך האב געענטפערט זייער גוט, ווייל א מענטש ווייסט באמת נישט ווי ער גייט, **ווייל באמת בין איך געווען אויפן וועג צו דאווענען שחרית, און קוק ווי איך בין אנגעקומען, אין תפיסה**, פאר דעם האב איך זייער גוט געענטפערט, דער מלך האט זייער הנאה געהאט פון דעם תשובה, און פון דאן האט דער מלך גאר שטארק מכבד געווען דעם גאון.

• • •

**מען דערציילט**, אז אין ביהמ"ד פון הגה"ק רבי צבי קינסטליכער אב"ד סעבא זי"ע בעפאר די מלחמה, ווען עס האט זיך שוין אנגעזען די צרות וואס קומען אויף כלל ישראל, איז ווי געוואוינט געווען קופקעס מענטשן אין ביהמ"ד וואס האבן כסדר דערציילט נייעס וואס עס טוט זיך אויפן פראנט.

האט דער רב ר' צבי זי"ע געזאגט מוסר פאר די אידן פון שטאט, און דערציילט די מעשה, איינמאל האט דער גלח פון שטאט געפרעגט דעם גאון וקדוש רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע, ווי אזוי קען זיין, אז להבדיל ביי די גוים, ווען זיי קומען אין זייערע מקומות ווי זיי דאווענען, שטייען זיי מיט א רעספעקט און רעדן נישט, אבער די אידן ווען זיי קומען אין ביהמ"ד, רעדט מען און מען גיבט נישט אפ די ריכטיגע כבוד פאר דעם באשעפער'ס הויז.

האט דער הייליגער גאון רבי ינתן אייבשיץ זי"ע מיט זיין חכמה געענטפערט פאר דעם גלח, ענק גוים, ווען ענק קומען צום דאווענען, קומט איר אלס קנעכט צו א קיסר, און דערפאר דארפט איר שטיין כעבד בפני המלך, אבער אונז אידן קומען צום באשעפער אלס בנים למקום ווי קינדער פון א טאטע, און דערפאר שטעלן מיר זיך פארן באשעפער ווי קינדער פאר א טאטע.

האט אבער דער רב ר' צבי צו געלייגט, דאס האט דער גאון נאר געזאגט, **אלס א לימוד זכות אויף אידישע קינדער**, און כדי עס זאל ח"ו נישט ארויס קומען **א חילול השם דורך דעם**, אבער באמת דארף א איד שטיין בעפאר דעם גרויסע און הייליגע באשעפער באימה וביראה, און דאס מיינט די פסוק "**בנים אתם לד' אלוקיכם**", איר זענט טאקע קינדער פונעם גרויסן באשעפער, אבער דער פסוק זאגט ווייטער "**לא תתגודדו**" ווי חז"ל זאגן **לא תעשו אגודות אגודות בבית הכנסת**.

• • •

**איינמאל האט איינע פון די פריצים געפרעגט דעם גאון רבי יהונתן זי"ע**, עס שטייט דאך אין די תורה **אחרי רבים להטות**, און די אומות העולם זענען דאך רוב, **וואלטן דאך די אידן געברויכט נאך גיין די אומות העולם**.

האט דער גאון מיט זיין חכמה געענטפערט פאר דעם פריץ, **די דין פון אחרי רבים להטות גייט נאר אן ווען עס איז דא א ספק**, וואס דאן ברויך מען גיין נאך רוב, **אבער ווען עס איז נישט דא קיין ספק, נאר אלעס איז קלאר און פשוט, דאן דארף מען נישט גיין נאך רוב**, און ביי אונז אידן האבן מיר מקבל געווען א תורה מיט מצוות וואס איז קלאר געשריבן ווי אזוי א איד ברויך זיך פירן.

ווי למשל אויב עס ליגט 9 עפלעך אויפן טיש און איין מילגרוים, וועסטו אויך נישט זאגן אז דער מילגרוים דארף יעצט ווערן א עפל, ווייל דאס איז דאך נישט קיין ספק, דאס זעלבע איז מיט אונז אידישע קינדער, און אויך האט שוין דער באשעפער געזאגט פאר אידישע קינדער "**כי אתם המעט מכל העמים**", און אפילו אונז זענען די מיעוט, שטייען מיר נאך שטארק נאך אלע צרות וואס מען איז שוין אריבער.

• • •

**איינמאל איז דער גאון וקדוש רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע** געווען מיט זיין רבי דער הייליגער פנים מאירות זי"ע ביים קעניג פון וויען, איז דארט

געווען די פרינצעסן די שפעטערדיגע קעניגן פון בעהמען, און זי האט געהערט פון די גדלות פון דעם יונגען גאון רבי יהונתן, האט זי געבעטן פון ר' יהונתן, **אז ער זאל זאגן אפאר ווערטער לכבוד דעם געטשקע פון אותו האיש ימ"ש**.

האט דער גאון רבי יהונתן מיט זיין חכמה געענטפערט פאר די פרינצעסן, חז"ל זאגן דאך, "**חכם אינו מדבר בפני מי שהוא גדול ממנו**", און דער געטשקע איז דאך פיל העכער און גרעסער פון מיר, זאל דער געטשקע קודם עפעס רעדן, און נאכדעם וועל איך זאגן, פארשטייט זיך אז די פרינצעסן האט נישט געהאט וואס צו ענטפערן.

• • •

**ווי עס איז באקאנט איז דער גאון רבי יהונתן שוין ביי די 18 יאר אלט** געווארן אויף גענומען אין שטאט פראג אלס בעל דרשן, דער ראש ישיבה דאן אין שטאט איז געווען הגה"ק רבי אברהם פאסילבורג זי"ע, דער ראש ישיבה איז געווען א גרויסער גאון בתורה, און רבי יהונתן אין זיין ספר יערות דבש שרייבט אויף דעם גאון, אז ער האט אים אויס געלערנט גאר אסאך אויפן דרך האמת בתורה, אויך איז דער גאון רבי אברהם געווען א גרויסער עניו און א בעל מידות טובות, ווי רבי יהונתן שרייבט **אז ער האט דעם גאון קיינמאל נישט געזען אין כעס**.

איין טאג נאכן שיעור וואס דער גאון ר' אברהם האט געגעבן פאר די בחורים, און ווען מען איז ארויס נאכן שיעור האט ר' יהונתן געטראפן איין בחור, און ער פרעגט אים, וואס מען האט היינט געלערנט אין ישיבה, האט דער בחור איבער געזאגט א שווערע קשיא וואס דער ראש ישיבה האט געפרעגט, און קיינער האט אויף דעם נישט געהאט קיין ענטפער, און דערווייל איז דער קשיא נישט פארענטפערט געווארן.

ווען דער בחור האט געזאגט פאר רבי יהונתן די קשיא, האט רבי יהונתן אויפן פלאץ געזאגט א הערליכע תירוץ, און דער בחור איז אוועק געגאנגען צופרידען, רבי יהונתן איז אזוי צו געגאנגען פון איין בחור צום אנדערן, און פאר יעדן בחור געזאגט א אנדערן תירוץ אויף די קשיא פונעם ראש ישיבה, און יעדן תירוץ איז געווען שכל'דיג און הערליך.

דעם אנדערן טאג, ווען מען האט דעם קשיא נאכאמאל ארויף געברענגט ביים שיעור, האט יעדער בחור געענטפערט די תירוץ וואס ר' יהונתן האט אים געזאגט נעכטן, און דער ראש ישיבה רבי אברהם זי"ע איז ממש ארויס פון התפעלות, און די בחורים האבן אים געזאגט, **אז די אלע תירוצים האט געזאגט דער נייער בעל דרשן פון שטאט**.

דער ראש ישיבה איז גלייך צו געגאנגען צו די ראשי קהילה, און געזאגט פאר זיי, **אז פאר די טובה פון די ישיבה איז בעסער, אז ער זאל זיך אפזאגן פון דעם פאסטן אלס ראש ישיבה, און מען זאל אויף נעמען דעם בעל דרשן אלס ראש ישיבה, ווייל צו זיין גדלות און גאונות בתורה איז נישט דא זיינס גלייכן**.

און דאן האט מען טאקע אויף גענומען דעם רבי יהונתן אלס ראש ישיבה, און פון דעם ישיבה האט דער גאון ארויס געגעבן גרויסע גאונים און רבנים וואס האבן באלאכטן די וועלט מיט זייער תורה און יראת שמים.

• • •

**בשעת די גרויסע מחלוקה** צווישן רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע און רבי יעקב עמדין זי"ע, איז דער רבי יהונתן אמאל געווען אינמיטן וועג, און ער האט זיך אפגעשטעלט אין א גאסט הויז, דארט אינעם גאסט הויז זענען געזיצען עטליכע אידן און געשמועסט, און בתוך הדברים איז אריין געקומען די גאנצע פרשה פון די מחלוקה אויף רבי יהונתן, די אידן דארט האבן בכלל נישט געקענט דעם רבי יהונתן, אבער האבן גערעדט לשון הרע און דברי זלזול אויף רבי יהונתן.

האט זיך רבי יהונתן אנגערופן צו די אידן, איך בין א פשוטע דארפסמאן, אבער אפשר קענט איר מיר פאר ענטפערן א קשיא וואס איז מיר שווער פון די **הגדה של פסח, אויפן פזמון פון חד גדיא**, די אידן האבן זיך צו געכאפט צו אים, און אויס געהערט זיין קשיא.

האט דער גאון געזאגט, לכאורה האט דאך דער הונט פון חד גדיא געטון א גוטע זאך, ער האט זיך אנגענומען פאר דעם אומשולדיגע ציגעלע ווענען די קאץ האט פארציקט, קומט דאך אויס אזוי.

די שטעקן **איז נישט געווען גערעכט**,
די פייער **איז יא געווען גערעכט**,
די וואסער **איז נישט געווען גערעכט**,
די אקס **איז יא געווען גערעכט**,
דער שוחט **איז נישט געווען גערעכט**,
דער מלאך המוות **איז יא געווען גערעכט**,
**קומט דאך אויס ח"ו, אז דער גרויסער באשעפער האט נישט ריכטיג געטון מיטן שחט'ן דעם מלאך המוות.**

די אידן דארט אינעם גאסט הויז האבן גלייך געזען, אז דער איד איז שוין גארנישט קיין פשוטע דארפסמאן, נאר ער איז אסאך גרעסער ווי ער זאגט, אבער זיי האבן נישט געהאט דעם ענטפער אויף זיין קשיא, האט זיי רבי יהונתן געזאגט אז ער וועט דאס פאר ענטפערן.

די תירוץ איז האט רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע געזאגט פאר די אידן, **דאס אז די קאץ האט פארציגט א ציגעלע איז טאקע א עוולה, אבער וואס האסטו דער הונט דא זיך אריין צו מישן, ווער האט דיר געהייסן זיין דער שופט און באשטראפן דעם קאץ, דערפאר איז דער הונט נישט געווען גערעכט פארן זיך אריינמישן, קומט אויס אז דער באשעפער כביכול איז געווען גערעכט.**

דאס זעלבע איז דא, ווען צוויי גדולים האבן חילוקי דעות, ווער בעט דיך זיך אריין צו מישן אין די מחלוקה און נעמען א זייט, די אידן האבן גאנץ גוט פארשטאנען די משל און נמשל, און גלייך איבער געבעטן רבי יהונתן אייבשיץ פאר רעדן דברי זלזול.

• • •

**עס איז באקאנט**, אז דער הייליגער גאון רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע האט געהאט גאר אסאך ויכוחים מיט די חכמי אומות העולם, און מיט זיין געוואלדיגע חכמת התורה און זיין קדושה, האט ער כסדר געוויזן פאר די גוים, אז די תורה איז דאס גרעסטע חכמה וואס איז דא אויף די וועלט און די אמונה אינעם גרויסע באשעפער, איז די איינציגסטע אמונה וואס איז אמת און לעכטיג.

איינמאל האט זיך איינע פון חכמי אומות העולם גע'טענה'ט מיט רבי יהונתן, **אויב דער פארשטאנט איז העכער פון די נאטור**, אדער פונקט פארקערט, **דער נאטור איז העכער ווי דער פארשטאנט**, דער חכמי אומות העולם האבן געזאגט, **אז דער פארשטאנט איז העכער, ווייל קוק ווי א בעל מלכה מיט זיין חכמה, קען מאכן פון נאטור וואס ער וויל, ווי למשל האלץ, און דאס זעלבע איז מיט ערד וואס איז נאטור, קען א בעל מלכה מאכן כלים.**

אבער רבי יהונתן האט געזאגט, אז דאס איז נישט אמת, **נאר עס איז פונקט פארקערט**, ווי למשל, **ווען די וועסט נעמען דעם האלצענעם כלי און דאס אריינווארפן אין פייער, וועט עס ווייטער פארברענט ווערן, ווייל די האלץ איז געבליבן מיט דעם זעלבן נאטור ווי בעפאר, ווייל דער פארשטאנט פונעם בעל מלכה האט א גרעניץ, און דער דומם וועט ווייטער בלייבן א דומם**, און דערפאר פארשטיי איך אז דער הייליגער באשעפער האט אריינגעגעבן אין דעם נאטור, אז דאס זאל זיין העכער ווי א פארשטאנט פון א בשר ודם.

האט דער בישאף געגעבן א מאנאט פאר די חכמי אומות העולם, אז זיי זאלן ווייזן אז זיי זענען גערעכט, און אויך להבדיל פארן גאון וצדיק רבי יהונתן, אז ער זאל אויף ווייזן אז ער איז גערעכט.

פארשטייט זיך אז דער גאון רבי יהונתן האט זיך ניטאמאל געגערייט אויף דעם פארמעסט, נאר ער האט זיך אריינגעטון אין תורה און ווייטער געלערנט מיט זיין געוואלדיגע התמדה, אבער ווען דער מאנאט האט זיך געענדיגט, איז דער גאון געזעצן ביי זיך אין שטוב און געלערנט פלייסיג.

אינמיטן לערנען האט זיך א **מייזל** אריין געכאפט ביים גאון אין שטוב, און וויפיל דער גאון האט פראבירט צו פטור ווערן פון דעם מייזל, האט ער נישט מצליח געווען, דאן ווען רבי יהונתן אייבשיץ האט א שמעק געגעבן פון זיין טאביק פישקע, **האט זיך דער מייזל אריינגעכאפט אונעם פושקע, און רבי יהונתן האט פארמאכט דעם טאביק פושקע, און דער מייז איז דארט געבליבן פארשפארט.**

פלוצלונג הערט דער גאון א קלאפ אויפן טיר, און די באדינער פונעם בישאף האבן איבער געגעבן

פארן גאון, אז ער איז געלאדענט צו קומען פארזעצן דעם ויכוח מיט די גוים לגבי דעם פארשטאנט און נאטור, דאן האט זיך דער גאון רבי יהונתן געכאפט, אז ער האט זיך מיט גארנישט צו געגרייט צום ויכוח, אבער מיט זיין גרויסע אמונה אינעם באשעפער, האט ער געכאפט זיין אויבער ראק און געכאפט זיין טאביק פושקע, און געגאנגען מיטן באדינער.

אנקומענדיג צום זאל איז דארט געווען געגרייט די טישן גאר שיין פאר א חשובע סעודה, און אלע גרויסע חכמים פון די אמות העולם זענען געזעצן ארום דעם בישאף, און מען האט דעם גאון רבי יהונתן אויך ארויף געזעצט אויפן אויבן אן.

דאן האבן זיך די טויערן פונעם זאל אויף געמאכט, **און עס האבן אריין שפאצירט קעץ געקליידעט ווי מענטשן אויף די צוויי פיס, מיט טעצער עסן און געטראנקען**, פארשטייט זיך אז די גוים האבן געקוקט מיט א שמייכל, אז דא האט דער חכם באזיגט דעם גאון, **ווייל ער האט געקענט נעמען קעץ, וואס זענען חיות, און געטוישט די נאטור אז זיי זאלן זיך פירן ווי מענטשן**, און דער גאנצער עולם האט געקלאטשט פאר דעם גוי דער חכם.

אבער דאן האט זיך דער גאון צעשמייכלט, און ארויס גענומען דעם טאביק פושקע און דאס אויף געמאכט, **און יענעם סעקונדע איז דער קליינער מייזל ארויס געטאנצן, און אנגעהויבן ארום לויפן אינעם זייל, גלייך האבן די אלע געלערענטע קעץ אראפ געווארפן די טעצער, און אלע אויף איין מאל אנגעהויבן נאכלויפן דעם איין קליינעם מייזל.**

דאן האט דער גאון געזאגט פאר די גוים, זעט עטץ, מען קען לערנען און לערנען מיט א קאץ אז ער זאל זיך פירן פונקט ווי א מענטש, אבער די רגע ער זעט עפעס וואס איז אין זיין נאטור, למשל נאכלויפן א מייזל, וועט ער גלייך צוריק גיין צו זיין נאטור און ווערן אויס מענטש, ווייל דעם נאטור וואס דער הייליגער באשעפער האט באשאפן קען א מענטש נישט טוישן, ווייל דער נאטור איז אייביג העכער ווי דער פארשטאנט פון א בשר ודם, און די אלע גוים האבן בלית ברירה געמיזט מודה זיין אז דער אידישער גאון איז גערעכט.

• • •

**איינמאל האט א איד געפרעגט דעם גאון רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע**, פארוואס ווען א איד קומט פרעגן דעם רב א שאלה אויף א עוף אדער א בהמה, און דער רב פסק'נט אז עס איז טריפה, וועט דער איד ארויס גיין צופרידן און פארשטיין, אז וואס דער רב האט געזאגט, איז זיכער די הלכה אפילו דער איד האט שאדן געלט.

אבער ווען צוויי אידן קומען צו א דין תורה, און דער רב פסק'נט לטובה פון איין איד, וועט דער צווייטער איד וואס האט פארלוירען די דין תורה, ווערן ברוגז אויפן רב און זיין אין כעס פארוואס ער האט פארלוירען די דין תורה, דארט האט דאך אויך די רב גע'פסק'נט ווי די הלכה איז, איז פארוואס איז דער איד אזוי ברוגז.

האט דער גאון מיט זיין חכמה געענטפערט פאר דעם איד, דער איד וואס דארף באצאלן די געלט פארן אנדערן איד ביים דין תורה, דער איז בכלל נישט ברוגז אויף די געלט שאדן וואס ער האט, **נאר עס טוט אים אסאך שטערקער וויי, דאס אז יענער איד האט באקומען דאס געלט, ווייל קנאה איז אסאך שווערער צו פארטראגן ווי סיי וואס אויף די וועלט**.

• • •

**איין טאג האט איינע פון די שרים געפרעגט דעם גאון וקדוש רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע**, איך וואונדער זיך זייער אויף די אידן, ווייל איר הייסט אז איר זענט א גאר קלוגע פאלק, איבער דעם, ווי קומט צו אייך צו זיין אזוי אומלאגיש, ווייל למשל א הינדל וואס האט געגעסן א גאנצן טאפ מיט פיטער, אויב שחט מען דעם הינדל מעג מען דאס עסן, אבער אויב קאכט מען אפ א הינדל אין א טאפ, און עס פאלט אריין א ברעקל פיטער אינעם טאפ, איז די הינדל שוין פארבאטן צו עסן.

האט דער גאון רבי יהונתן געענטפערט מיט חכמה פאר דעם שר, פארוואס פארשטייט איר דאס נישט, עטץ גוים פירן זיך אויך אזוי, ווייל א דבר אחר וואס עסט פון די מיסט און דרייט זיך ארום אין אלע שמוץ און עקל'דיגע פלעצער, עסט מען דעם דבר אחר, און מען ברענגט דאס נאך ארויף אויף די קעניגליכע טישן, אבער אויב פאלט אריין א שמוץ אינעם טאפ ווי מען קאכט אפ דעם

דבר אחר, ווערט מען גלייך פארעקלט דערפון און מען עסט דאס שוין נישט און מען גרוילט זיך דערפון.

• • •

**אין ספרי קורות הימים ווערט דערציילט**, אז דער הערשער אין לאנד האט אמאל געוואלט אויספרואוון די חכמה און רוח הקודש פונעם גאון וקדוש רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע, האט ער אים געפרעגט, "**איך גיי מארגן אריינרייטן אין שטאט, זאג מיר פאראויס, דורך וועלכן שטאט-טויער וועל איך אריינקומען**".

האט רבי יהונתן אנגעשריבן א תשובה אויף א קליין שטיקל פאפיר, עס פארזיגלט אין א קאנווערט, און עס איבערגעגעבן פאר די שרים פונעם קעניג מיט א באפעל דאס צו עפענען ערשט נאכדעם וואס דער קעניג גייט אריין אין שטאט, דער קעניג, וועלכער האט געוואלט מאכן זיכער אז רבי יהונתן פאלט דורך, האט געטראכט, "**די שטאט האט פיר טויערן, אויב ער האט אנגעשריבן איינעם דערפון, וועל איך גיין דורך א צווייטן וועג**".

און כדי אינגאנצן אפצונארן דעם רב, **האט דער קעניג באפוילן פאר זיינע סאלדאטן צו ברעכן א נייעם לאך אין דער שטאט-מויער, און ער איז אריינגעריטן אין שטאט דורך יענעם פרישן לאך, אן דורכגיין קיין שום טויער**, ווען דער קעניג איז אנגעקומען אין פאלאץ מיט א שמייכל און מען האט געעפנט דעם פארזיגלטן צעטל, איז דארט געשטאנען געשריבן קורץ און שארף, "**דער קעניג וועט אריינקומען דורכן צעבראכענעם מויער**", וואס דער גאון האט דאס באזירט אויפן משנה אין סנהדרין **פּוֹרֵץ לַעֲשׂוֹת לוֹ דֶּרֶךְ, וְאֵין מְמַחִין בְּיָדוֹ**.

• • •

**אין די הקדמה פונעם ספר יערות דבש ווערט דערציילט**, אז ווען דער גאון וקדוש רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע פלעגט דרש'ענען אין דער גרויסער שול אין פראג (די בארימטע דרשות וואס זענען שפעטער געדרוקט געווארן אינעם הייליגן ספר **'יערות דבש'**), איז די גאנצע שטאט געשטאנען און ממש איינגעהאלטן דעם אטעם.

מען דערציילט, אז ביי איינע פון זיינע התעוררות דרשות צווישן ראש השנה און יום כיפור, ווען ער האט גערעדט מיט פייערדיגע בכיות איבער בין אדם לחבירו, יושר אין מסחר, און טוהן תשובה, האט אויסגעבראכן אזא געוויין אין דער שול, אז מענטשן זענען געפאלן איינער אויפן צווייטנס האלדז זיך איבערבעטן, סוחרים זענען גלייך נאך דער דרשה געגאנגען צום בית דין מודה זיין אויף טעותים אין געלט און צוריקגעגעבן פאר פאלשע וואג און מאס, זיין כח הדיבור איז געווען אזוי הייליג און דורכדרינגליך, אז עס האט ממש איבערגעדרייט הערצער פון טויזנטער אידן צו תשובה און מעשים טובים.

• • •

**אין ספר שרי המאה ווערט געברענגט**, אז איינמאל האט איינער פון די גרויסע מלוכה-גלחים געוואלט באליידיגן דעם גאון רבי יהונתן אייבשיץ ברבים, ער האט געשיקט צו רבי יהונתן **א פארזיגלטע שיינע מתנה-קעסטל לכבוד א יום טוב**, ווען רבי יהונתן האט געעפנט דאס קעסטל פאר זיינע תלמידים, האבן זיי דערזען **אז אינעווייניג ליגט אן אפגעשניטענעם קאפ פון א "דבר אחר", מיט א בריוו פונעם גלח וואס שרייבט מיט ליצנות, "איך שיק אייך מיין בילד אלס א צייכן פון פריינדשאפט"**.

דער גאון וקדוש רבי יהונתן האט זיך גארנישט פארלוירן, ער האט גלייך גענומען א שיין פאפיר און אפגעשריבן א קורצן, איידעלן ענטפער, "**חשוב'ער הער, איך דאנק אייך פון טיפן הארצן פארן שיקן אייער געשטאלט, איך האב גלייך דערקענט אז איר זענט עס אליין, ווייל די ענליכקייט איז געוואלדיג קלאר, ליידער האב איך נישט קיין בילד פון מיר אליין צו שיקן צוריק, אבער דאס בילד פון אייך וועט מיר בלייבן א שטענדיגער אנדענק**", ווען דער גלח האט באקומען דעם בריוו, האט ער איינגעזען אז קעגן דעם שארפן שכל פונעם רב קען מען נישט געווינען.

• • •

**אין ספר מאורי גאליציה ווערט דערציילט**, אז ווען דער גאון וקדוש רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע איז געווען א יונגער בחור און געפארן לערנען קיין פראג, איז ער געפארן מיט א בעל עגלה א גוי צוזאמען מיט עטליכע סוחרים, אינמיטן וועג האט דער וואגן זיך פארפלאנטערט אין טיפן בלאטע, און די פערד האבן נישט געקענט שלעפן ווייטער, דער בעל עגלה האט געשריגן מיט כעס אויף די פאסאזשירן, "**יעדער מוז אראפשפרינגען און שטופן דעם וואגן**".

דער יונגער רבי יהונתן איז געבליבן זיצן און געקוקט אין א ספר און זיך נישט גערירט, דער דרייווער איז צוגעגאנגען צו אים מיט כעס און געזאגט, "**יונגערמאן, פארוואס שטייסטו נישט אויף העלפן שטיפן דעם וואגן**".

האט אים רבי יהונתן געענטפערט מיט א שמייכל, "**אין אונזער תורה שטייט א פסוק אין פרשת משפטים, "כי תראה חמור שונאך רובץ תחת משאו... עזוב תעזוב עמו' די תורה הייסט נאר העלפן, אויב די בהמה קען שלעפן אינאיינעם מיט די מענטשן ('עמו'), אבער אויב דער פערד שטייט גאר פויל און ווארט אז מיר זאלן טוהן זיין גאנצע ארבעט, זאגן חז"ל אז מען איז פטור פון העלפן**", די סוחרים האבן זיך צעלאכט פון דעם קלוגן טייטש, און דער בעל עגלה האט גענומען די בייטש און געטריבן די פערד ביז דער וואגן איז אליין ארויס פונעם בלאטע.

• • •

**אין ספר נפלאות יהונתן ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז געקומען א גרויסער עושר צום בית דין פונעם גאון רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע אין שטאט מיץ, און געזאגט, אז ער האט פארלוירן זיין גאנץ פארמעגן אויף דער שיף וואס איז געזונקען אין ים, און ער וויל געבן א גט פאר זיין ווייב, ווייל ער קען איר מער נישט שפייזן.

דער גאון רבי יהונתן האט געקוקט פארן איד אין די אויגן מיט א טיפע בליק, און אים געפרעגט, "**צי פלעגסטו אלע יארן געבן מעשר כהלכה פון דיינע פארדינסטן פאר ארימעלייט ווי מען ברויך**".

דער עושר האט אראפגעלאזט דעם קאפ און מודה געווען, "**אז ליידער בין איך געווען פארנומען מיטן ביזנעס און כ'האב פארנאכלעסיגט די מצוה פון צדקה ומעשרות**", האט דער גאון רבי יהונתן אים געזאגט מיט גרויס הארציגקייט און מיטגעפיל, "**עס שטייט אין פסוק 'עשר תעשר בשביל שתתעשר', ווען א מענטש גיבט מעשר, ווערט דער רבונו של עולם זיין שותף אינעם געשעפט, אויב דו האסט נישט אפגעגעבן דעם חלק פון די ארימעלייט, האט זיך דער שותף ארויסגעצויגען פונעם געשעפט, און אן דעם אייבערשטנס שותפות פאלט אלעס צוזאמען, נעם יעצט אויף זיך א פעסטע קבלה, אז פון היינט און ווייטער גיבסטו אפ פינקטליך מעשר פאר אלע דיינע געשעפטן, און דו וועסט זען אי"ה ישועות**".

דער סוחר האט תשובה געטוהן מיט טרערן און מקבל געווען אויף זיך צו אנהייבן געבן מעשר כהלכה כדי די ברכה פונעם גאון זאל קענען מקויים ווערן, און נישט לאנג דערנאך איז אנגעקומען די בשורה, אז די שיף איז גארנישט געזונקען, נאר איז געווען פארבלאנדזשעט אויפן ים, און זי איז צוריק אנגעקומען צום פארט מיט אלע זיינע סחורות גאנץ און אומגעשעדיגט.

• • •

**אין ספר מעשיות ומשלים לחכמי ישראל ווערט דערציילט**, אז צוויי סוחרים זענען געקומען צום בית דין פון רבי יהונתן מיט א שווערן דין תורה, איינער איז געווען **א קצב**, און דער צווייטער **א סוחר פון שניידער**, ביידע האבן געטענה'ט, אז א בייטל מיט גאלדענע מטבעות וואס איז געפונען געווארן אויפן מארק געהערט צו זיי, אבער קיינער האט נישט געהאט קיין עדים אדער קלארע סימנים, און ביידע האבן געשוואוירן מיט פעסטקייט אז דאס געלט איז זייערס.

האט דער גאון רבי יהונתן באפוילן צו ברענגען א **טאפ מיט קאכעדיג הייס וואסער, און ער האט אריינגעווארפן אלע מטבעות אינעווייניג**, און נאך עטליכע מינוט האבן זיך באוויזן שוועבנדיגע פעטע טראפנס אויל אויפן אויבערפלאך פונעם וואסער, האט דער גאון רבי יהונתן געזאגט צום קצב מיט זיין גרויס חכמה, "**דאס געלט געהערט צו דיר! ווייל דיינע הענט זענען שטענדיג פול מיט פעטנס פונעם פלייש, און ווען דו האסט אנגערירט די מטבעות איז די שמיר פעטנס ארויפגעגאנגען אויף זיי, אין הייס וואסער שווימט פעטנס גלייך ארויף, בעת ביים שניידער וואלט דאס קיינמאל נישט פאסירט**", דער שניידער האט גלייך מודה געווען אז ער האט געזאגט ליגנט, און דאס געלט איז צוריקגעגעבן געווארן פארן ריכטיגן אייגנטומער.

• • •

**אין ספר תפארת יהונתן ווערט דערציילט**, אז א הויכער שר אין ווין האט אמאל געפרעגט דעם גאון וקדוש רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע מיט שפאט, "**פארוואס זעט מען שטענדיג די אידן גיין אזוי שנעל און יאגן זיך אין די גאסן מיט א געוואלדיגע**

**יאגעניש, בעת די אנדערע פעלקער שפאצירן רואיג און גלאסן**".

האט אים דער גאון רבי יהונתן געענטפערט מיט טיפער חכמה און א מיט א שמייכל, "**א מענטש וואס גייט אין גאס האט געווענליך איין ציל, ער גייט ערגעץ, אדער צו דער ארבעט אדער צו זיך אהיים, אבער א איד אין גלות האט צוויי באזונדערע זאכן אויף איין מאל, ער יאגט זיך צו לויפן נאך פרנסה, און ער מוז גלייכצייטיג לויפן און אנטלויפן פון די צרות און גזירות פונעם גלות, א מענטש וואס טוט נאר איין זאך קען גיין שטאט, אבער דער וואס דארף לויפן נאך עפעס און אנטלויפן פון עפעס אנדערש, דער מוז לויפן מיט דאפלטע כוחות**".

• • •

**אינעם הקדמה פונעם ספר בני אהובה ווערט דערציילט**, אז ווען דער גאון וקדוש רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע איז געווען רב אין שטאט מיץ, איז ער איינמאל געזעצן שפעט ביינאכט און געלערנט מיט געוואלדיגער התמדה, די לבנה האט שטארק געשיינט דורכן פענסטער, אינמיטן לערנען איז די לעכט אויסגעאנגען, און עס איז געווארן טונקל אין צימער, רבי יהונתן איז געווען אזוי פארטיפט אין א שווערער הלכה אין רמב"ם, אז ער האט זיך ארויסגעבויגן צום פענסטער און ווייטער געלערנט לאנגע שעה'ן ביים שיין פון דער לבנה אן אפשטעל.

אינדערפרי זענען זיינע תלמידים אריינגעקומען אין צימער און געזען דעם גאון זיצן פארשלאפן אויפן טיש, ווען די גאנצע גמרא איז געווען נאס פון טרערן, ווען זיי האבן אים געפרעגט וואס עס איז געשען, האט ער געזאגט.

"**איך האב פראבירט צו פארשטיין א שווערע שטיקל אינעם רמב"ם, און וויבאלד איך האב נישט געקענט דערגריין דעם טיפן כוונה, האב איך געוויינט צום באשעפער ער זאל מיר עפענען די אויגן, אינמיטן איז צו מיר געקומען דער הייליגער רמב"ם אליין אין חלום, און ער האט מיר געזאגט, "יהונתן, האסט געטייטשט מיינע ווערטער גענוי מיט די פשט ווי איך האב געמיינט, און איך זאג דיר זיי רואיג**", און די טיפע הייליגע ווערטער וואס ער האט דעמאלט אפגעשריבן אויפן רמב"ם, איז שפעטער געווארן דער בארימטער און טיפער ספר 'בני אהובה'.

• • •

**אינעם ספר נפלאות יהונתן ווערט דערציילט**, אז א פראנצויזישער שר האט אמאל געפרעגט דעם גאון רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע, "**זאג מיר, איר אידן זענט דאך באקאנט אלס גרויסע קלוגע לייט אין האנדל און פינענצען, אויב מען וואלט געשטעלט פאר דיר א בארג פון גאלד און א בארג פון חכמה, וואס וואלסטו אויסגעוועלט צו נעמען**".

האט דער גאון רבי יהונתן געענטפערט אן קיין אפשטעל, "**איך וואלט זיכער אויסגעוועלט דעם בארג פון גאלד**", דער שר האט זיך צעלאכט מיט גרויס גאווה און געזאגט, "**זעסטו, מיר די אריסטאקראטן זוכן נאר כבוד און חכמה, אבער ענק אידן זענען נאר פארקלאפט אין געלט! איך וואלט זיכער גענומען דעם בארג פון חכמה**".

האט דער גאון רבי יהונתן געענטפערט מיט זיין געווענליכן רואיגן שמייכל און חכמה, "**דאס איז גאנץ פשוט און פארשטענדליך, הער מיניסטער, יעדער מענטש אין דער וועלט זוכט צו נעמען דאס וואס עס פעלט אים, איך האב שוין גענוג חכמה פון דער הייליגער תורה, נאר געלט פעלט מיר פאר צדקה, דערפאר נעם איך גאלד, ביי אייך אבער פעלט די חכמה, איז גאנץ פשוט אז איר זאלט נעמען דעם בארג פון שכל**", דער שר איז געבליבן שטום און האט נישט געהאט וואס צו ענטפערן אויף דעם שארפן אמת.

**יארצייט כ"ב אלול**

**הרה"ק רבי מרדכי דוב ב"ר משולם זושא יצחק זי"ע (טווערסקי)**
**בעל עמק חכמה, מהורנסטייפל**

ער איז געבוירן אין שטאט הורנסטייפל, **כ"ט כסלו בשנת ת"ר**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי משולם זושא יצחק אויערבאך אב"ד טאלמיטש** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יחיאל מיכל מקרימער** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי צבי מנחם מנדל מהניפאלי** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי משולם זושא מאניפולי** זי"ע, (דער ברודער פון הרה"ק **רבי אלימלך מליזענסק** זי"ע).

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת שטערנא פייגא** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי יעקב ישראל מטשערקאס** זי"ע, (חתן הרה"ק **רבי דובער דער מיטעלער רבי מליובאוויטש** זי"ע),
בן הרה"ק **רבי מרדכי המגיד מטשרנוביל** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי מנחם נחום בעל המאור עיניים מטשרנוביל** זי"ע.

ביים ברית האט מען דעם קינד א נאמען געגעבן **מרדכי דוב**, **מרדכי** נאך דעם הייליגע זיידן **דער מגיד מטשערנאביל** זי"ע, און **דוב** נאכן אנדערן זיידן **דער הייליגער מיטעלער רבי מליובאוויטש** זי"ע.

ער איז געווען א איש קדוש מאוד, א גאון וגדול בתורה ובחסידות, ער איז געווען א עובד השם מיט א געוואלדיגע קדושה און אן אש קודש, ער איז געווען א גרויסער עניו און א שפל ברך און א סבלן גדול, ער איז געווען מפורסם אלס איינע פון די גרויסע פוסקים און גדולים בתורה בדורו, און אפילו זייענדיג צווישן די גרויסע צדיקים בדורו, האט ער זיך אבער אליין מסתופף געווען ביי גאר אסאך צדיקי הדור, ער איז געווען באוויסט אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, טויזענטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו און שעפן יראת שמים און א דרך אין עבודת השם.

ביי די זעקס יאר איז די מאמע ל"ע נפטר געווארן, און זייענדיג א קליינע יתום איז ער אריבער צום זיידן **דער הייליגער טשערקאסער** זי"ע, און דארט האט ער זיך געטוישט זיין משפחה נאמען צו **טווערסקי**, אזוי ווי זיין זיידע, דער זיידע **דער הייליגער מגיד מטשערנאביל** זי"ע האט געהאט א געוואליגע חביבות צו דעם אייניקל, און דערפאר האט ער זוכה געווען גאר אסאך מקבל צו זיין פון דעם זיידן בתורה ועבודת השם.

נאך פון גאר יונג איז ער שוין געווען באוויסט אלס א גרויסע עילוי בתורה ועבודת השם, און ביי די צען יאר האט ער שוין געקענט גאנצע מסכתות אין ש"ס בעל פה, אויך איז ער געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע קדושה און צדקות, ער איז שוין ביי די 11 יאר אויף געשטאנען יעדע נאכט ביי חצות לילה, **און אפגעראכטן תיקון חצות**, **און מיט בכיות געקלאגט אויפן חורבן בית המקדש און גלות השכינה און צרות ישראל**.

ביי די 13 יאר ווען דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע האט געהערט פון דעם **עילוי** פון **טשארקאס**, האט ער געשיקט א שליח וואס זאל שליסן דעם שידוך מיט דעם יונגן בחור מרדכי דוב, און דער מחותן דער הייליגער דברי חיים זי"ע, וואס האט בעפאר דעם נישט געהאט געזען דעם בחור, האט ער אבער געזאגט בזה"ל, "**איך ווייס אז דער חתן לערנט תורה לשמה**, **און לייכט ווי די זון אינמיטן טאג**", און מען האט טאקע געשלאסען שידוך.

בשנת תרט"ו זייענדיג 15 יאר אלט, האט ער חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת רייצא** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי חיים הלברשטאם בעל דברי חיים מצאנז** זי"ע.

די חתונה איז פאר געקומען אין שטאט **הוסיאטין**, און דער הייליגער זיידע דער טשערקאסער זי"ע האט בשום אופן נישט געוואלט לאזן דעם אייניקעל רבי מרדכי דוב זי"ע, אז ער זאל פארן וואוינען קיין צאנז ווי דער מנהג איז געווען, אז מען וואוינט אין שטאט פונעם שווער, און דער זיידע האט געזאגט פארן מחותן, "**דעם אייניקעל לאז איך נישט אוועק גיין פון מיר**", ווייל ווי באוויסט האט דער זיידע גאר שטארק מחבב געווען דעם הייליגען אייניקל.

ביי די 18 יאר אלט זיצענדיג אויף קעסט ביים זיידן דער טשערקאסער זי"ע, האט ער עוסק געווען בתורה ועבודה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, און אויך האט ער דאן מחבר געווען דעם גאונ'ישע **ספר חיבור לטהרה**, אויך דערציילט מען, אז ער איז דאן געקומען באזיכן דעם שווער דער הייליגער צאנזער רב זי"ע, און זיין שווער האט אים זייער מכבד געווען און גערעדט צו אים בלשון "**איר**" און נישט "**דו**", און דער שווער האט זיך דאן אויסגעדריקט בזה"ל, "**אונזער איידעם רבי מאטל'י האט א דעה אין הימל**", אויך קען מען זעהן ווי זיין שווער שרייבט אין זיין ספר שו"ת אויפן איידעם "**בוצינא קדישא, שר התורה המפורסם**".

צדיקים האבן געזאגט אויף דעם צדיק רבי מאטל'י מהורנסטייפל זי"ע, אז ער האט געהאט **אלע דריי עמידי העולם**.

**עמוד התורה**

ער איז געווען א גאון וגדול און א בקי נפלא בכל מקצועות התורה און דער עמוד התורה בדורו, ער האט מחבר געווען גאר גרויסע און טיפע גאונ'ישע ספרים ווי דער ספר חיבור לטהרה, תורי זהב, און אויך האט ער זיך געשריבן מיט די גרעסטע גאונים בדורו.

**עמוד העבודה**

ער איז געווען א רבי פון טויזענטער חסידים און משפיע געווען א דרך אין עבודת השם פאר זיינע חסידים, אויך זיין געוואלדיגע עבודת התפלה איז געווען למעלה מכח אנושי, ער האט פאר 40 יאר פירענדיג די עדה הקדושה געזאגט תורה וואס זענען שפעטער געדריקט געווארן אין זיינע הייליגע ספרים פלא יועץ און עמק חכמה, וואס זענען גאר געהויבענע ספרי חסידות.

**עמוד החסד**

ער האט עוסק געווען זיין גאנץ לעבן אין צדקה וחסד אויף א גאר געהויבענע וועג, ער האט ממש יעדע פרוטה פון זיך אוועק געגעבן פאר אנדערע אידן, ער האט כסדר געזאגט, אז ער איז סך הכל א גבאי צדקה וואס נעמט געלט פון מענטשן און גיבט דאס פאר די נצרכים, און ווען די רעבעצין האט אמאל געבעטן געלט און זיך באקלאגט **אז אין שטוב איז נישט דא קיין געלט**, האט דער צדיק געזאגט פארן רעבעצין, **וואס ווילסטו פון מיר, דעם דרך הצדקה האב איך זיך געלערנט ביי דיין הייליגן טאטן דער דברי חיים מצאנז זי"ע**.

בשנת תרכ"ג האט אים זיין הייליגע זיידע דער טשארקאסער זי"ע געהייסן אנהייבן פירן זיין עדה הקדושה אין שטאט **הורנסטייפל**, און נאכן הסתלקות פון זיין זיידן דער הייליגער טשערקאסער זי"ע י"ג אלול בשנת תרל"ו, זענען א גרויס חלק פון די חסידים פונעם זיידן פון טשערקאס, אריבער צום אייניקל קיין הורנסטייפל, אויך האט ער איבער גענומען דעם זיידן אלס נשיא קופת הצדקה רבי מאיר בעל הנס.

מען דערציילט, אז דער הייליגער צדיק מהורנסטייפל פלעגט יעדעס יאר יו"ט שבועות מאכן א סיום הש"ס, און מען דערציילט, אז ער האט מקפיד געווען אייביג צו לערנען אויפן קול, ווי דער טאכטער הצדקת מרת שרה מרים ע"ה האט דערציילט, אז דער טאטע פלעגט לערנען אייביג הויער אויפן קול, אז מען האט דאס געהערט אין דעם גאנצן הויז, אז מען פלעגט זאגן בדרך צחות, **אז דער משרת פון שטוב האט אויך געקענט לערנען**.

אפילו זייענדיג א גרויסער גאון און א עילוי בתורה און מפורסם אלס איינע פון די גרעסטע פוסקים בהלכה בדורו, איז דער צדיק געווען א גאר גרויסער עניו און א סבלן גדול, ער האט יעדן איד אויף גענומען מיט א געוואלדיגע שמחה און רואויגקייט, אידן זענען געקומען מיט שאלות דעם גאנצן טאג, און מען האט געוויסט אז די טיר ביים צדיק איז אייביג אפען פאר יעדן איינעם.

הרה"ק רבי דוד'ל מטאלנא זי"ע האט געזאגט אויפן צדיק וקדוש רבי מרדכי דוב מהורנסטייפל זי"ע, **אז צו אים ברויכן פארן אלע אדמורי"ם יונג און אלט, ווייל יונגע אדמורי"ם ברויכן קומען לערנען, ווי אזוי צו זיין א מנהיג ישראל, און די עלטערע אדמורי"ם ברויכן קומען צו אים, צו זעהן זיין עבודת השם, און פארשעמט ווערן פארוואס זיי האלטן נישט דארט ווי דער צדיק האלט**.

מען דערציילט, אז איינמאל איז דער הייליגער צדיק מהורנסטייפל זי"ע געפארן באזיכן דעם צדיק רבי דוד'ל מטאלנא זי"ע, און דער צדיק ר' דוד'ל האט איינגעבעטן ביים רבין, אז ער זאל בלייבן אין שטאט טאלנא אויף שבת קודש, אבער די רבי האט געזאגט, אז אזוי ווי ער האט דאך נישט געטראכט פון בלייבן אויף שבת, האט ער נישט מיט געברענגט קיין בגדי שבת.

תוך כדי דיבור איז אריין געקומען אין שטוב א אלטער איד, און רבי דוד'ל האט געבעטן דעם רבין אז ער זאל זיך אויף שטעלן, די רבי האט פארשטאנען, אז מן הסתם איז דער איד א גאר חשובע איד, און דערפאר האט אים ר' דוד'ל געבעטן אז ער זאל זיך אויפשטעלן.

אבער דאן האט ער באמערקט, אז דער איד איז א שניידער וואס איז געקומען אים אפמעסטן קליידער פאר שבת קודש, ווייל דער צדיק האט יעדן איד מכבד געווען און באמת נישט געזען אז ער איז עפעס מער חשובער ווי אים, און רבי דוד'ל האט נאך שבת געזאגט אויפן רבין בזה"ל, **"יונגעלייט לערנט אייך פון אים, און אלטע לייט שעם אייך פון אים"**.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע דברי תורה און שו"ת אין די געהויבענע ספרים.

**ספר עמק שאלה, שו"ת,**
**ספר עמק החכמה, על התורה,**
**ספר פלא יועץ, על התורה ומועדים,**
**ספר חיבור לטהרה, על הלכות נטילות ידיים ומקוואות,**
**ספר תורי זהב, על הלכות ריבית.**

ער האט איבער געלאזט א דור פון קינדער און איידערמער צדיקים גדולים און גאונים בתורה.

בתו **הצדקת מרת שטערנא פייגא** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי נחום זלמן שניאורסון מטשערקאס** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת חיה מלכה** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי משה גוטרמן מקייב** זי"ע, בן הרה"ק **רבי דוד מסאווראן** זי"ע,
בנו הרה"ק **רבי אהרן אלימלך שניאור זלמן מקרוסנא** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי משה מרוזוודוב** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת שרה מרים** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי שלום אליעזר מראצפערט** זי"ע, בן הרה"ק **בעל דברי חיים מצאנז** זי"ע,
בנו הרה"ק **רבי חיים משה צבי מרחמסטריווקא** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי מנחם נחום מרחמסטריווקא** זי"ע,
בנו הרה"ק **רבי בן ציון יהודה לייב מהורנסטייפל** זי"ע, ממלא מקום אביו, חתן הרה"ק **רבי יצחק יואל רבינוביץ מקנטקוזבה** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת יוכבד רבקה** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי אלישע הלברשטאם מגארליץ** זי"ע,
בנו הרה"ק **רבי ברוך דוד מקלינקוביץ** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי שלמה זלמינא מראשקוב** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת הנדל** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי חיים ישעיה שניאורסון** זי"ע.

מען דערציילט, אז יעדעס יאר פלעגט די רבי פארן קיין טשערקאס צום יארצייט פונעם זיידן י"ג אלול, און ער האט געהאט א מנהג צו אויסטאן די שיך אויפן מקום קדוש.

דעם יאר פון זיין הסתלקות, איז ער ארויף צום ציון הקדוש פונעם זיידן, און כדרכו בקודש האט ער אויסגטון די שיך, אבער ווען ער איז ארויס געקומען האט ער נישט געטראפן זיינע שיך, און ער איז נשתנה צורה געווארן, די מענטשן ארום האבן נישט פארשטאנען וואס דא איז פארגעקומען, **אבער ליידער 11 טאג שפעטער האט מען שוין גאר גוט פארשטאנען וואס דא איז פאר געקומען, אז דער צדיק האט דאן מרגיש געווען, אז זיין הסתלקות איז נאנט.**

נסתלק לגנזי מרומים **כ"ב אלול בשנת תרס"ג,** ומנוחתו כבדו איז אין ביה"ח אין שטאט **הורנסטייפל.**

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**איינמאל איז דער הייליגער צדיק רבי מאטל'י מהורנסטייפל זי"ע** געווען זייער נישט געזונט, און די דאקטורים האבן געזאגט, אז מען וועט מיזן אריינשטעכן עפעס א הייסע נידל אין זיין ריקן, וואס דאס וועט אים אויסהיילן, און די נידל וואס מען האט געניצט איז געווען דריי דרגות, **דאס**

**ערשטע איז געווען נאר אביסל הייס, דאס צווייטע איז געווען אביסל מער הייס, אבער די דריטע דרגה איז געווען גאר שטארק הייס.**

ביי רוב חולים ווען מען האט געניצט דעם ערשטן דרגה, האט דאס די חולה שוין געשפירט, און מיט דעם איז דאס געבליבן, אבער ווען זיי האבן דאס געניצט אויפן צדיק, האט מען נישט געזען אז דאס זאל אים ווייטאן, ווען דער דאקטאר האט געניצט דעם צווייטן דרגה, האט דאס דער צדיק געשפירט, אבער מיט זיין געוואלדיגע סבלנות האט ער גארנישט ראגירט, אפילו ער האט געהאט שטארקע ווייטאג,

דער דאקטאר מיינענדיג, אז דער צדיק שפירט נישט די ערשטע צוויי, האט ער געניצט דעם דריטן, אבער דער צדיק האט ווייטער מקבל געווען די יסורים און נישט געזאגט גארנישט.

דער דאקטאר איז ממש נשתומם געווארן און זיך אנגערופן, **דער מענטש מיז זיין א מלאך אדער ח"ו א שד אז ער שפירט נישט דעם ווייטאג פון די היץ**, ווען מען האט איבער געזאגט די ווערטער פונעם דאקטאר פארן רבין, האט די רבי געזאגט, זאגט פארן דאקטאר, **אז אויב א איד קומט אמאל מיט א קוויטל זיך מזכיר זיין, און איך קאן אים נישט העלפן, טוט מיר דאס אסאך מער וויי, און מיט דעם אלעם מיז איך שווייגען.**

• • •

**איין טאג האט דער זיידע דער הייליגער טשערקאסער זי"ע** געלאזט רופן זיין איניקל רבי מאטל'י הארנסטייפלער זי"ע אויף שבת, ווייל ער וויל מיט אים רעדן עפעס זייער וויכטיג, איז דער אייניקל געקומען אויף שבת קודש צום זיידן, אבער די שבת איז דורך און עס איז שוין מאנטאג, און דער זיידע רעדט נישט צו אים עפעס וואס הערט זיך וויכטיג אז דער זיידע זאל אים ספעציעל פאר דעם אריבער רופן.

איז דער אייניקל אריין צום זיידן און געפרעגט, דער זיידע האט מיך גערופן אז דער זיידע וויל מיט מיר רעדן, און יעצט איז שוין מאנטאג, וואס האט דער זיידע געוואלט רעדן מיט מיר, דאן האט דער זיידע געהייסן אריין רופען די רעבעצין הצדקת מרת דבורה לאה ע"ה, און דער זיידע זאגט פארן אייניקל.

הער זיך צו, איך האב א דין ודברים מיט מיין רעבעצין די באבע, **און מיר ווילן אז די זאלסט פירן די דין תורה, און די זאלסט זיין דער דיין וואס וועט פסק'נען**, דער אייניקל איז דערציטערט געווארן, און זיך פראבירט ארויס צו דרייען, און זיך געבעטןביים זיידן, אז ער זאל אים באפרייען דערפון, אבער דער זיידע דער הייליגער טשערקאסער זי"ע האט נישט נאך געלאזט און דאן געזאגט די טענות.

מיר זענען ב"ה געלויבט דער באשעפערביידע שוין אלט, און איך מיט די רעבעצין האבן יעצט א דין ודברים, ווער עס זאל פריער נסתלק ווערן, איך האלט אז איך דארף נסתלק ווערן פריער, ווייל איך האב שוין נישט קיין כח צו זיצן שבעה, און אויך וועל איך נישט האבן ווער עס זאל פירן דעם שטוב, אבער די רעבעצין טענה'ט אז זי וויל קודם נפטר ווערן, ווייל זי וויל נישט בלייבן אויף דער וועלט אן איר הייליג מאן, און זי האט נאך קיינמאל נישט געהערט קיין קידוש פון א פרעמדן מאן.

דער אייניקל רבי מאטל'י האט דאן גאר שטארק געוויינט, און זיך פראבירט ארויס צו דרייען נישט צו דארפן נעמען א זייט אין אזא גרויסע דין ודברים, צווישן זיין הייליגע זיידע און זיין רעבעצין, אבער דער זיידע האט נישט נאכגעלאזט און געבעטן אז דער אייניקל זאל פסק'נען.

דאן האט דער אייניקל מיט גרויס פחד געזאגט, די באבע איז גערעכט, אז זי קען נישט דא זיין אן איר הייליג מאן, אבער זאגן פארקערט ווי די זיידע קען איך אויך נישט, דערפאר איז מיין עצה, אז ווען עס וועט קומען די צייט צו גיין פון די וועלט, **זאלן די זיידע און באבע ארויף גיין אין גן עדן אינעם זעלבן יאר**, און די זיידע און באבע זענען באפרידיגט געווען פונעם פסק פונעם אייניקל.

כך הוה, די צדקת דער טשערקאסער רעבעצין איז נפטר געווארן **ערב ראש חודש סיון בשנת תרל"ו**, און נאך די באבע'ס פטירה איז שוין די אייניקל געבליבן ביים זיידן פאר דריי חדשים, און די זיידע דער הייליגער טשערקאסער זי"ע איז נסתלק געווארן **י"ג אלול בשנת תרל"ו**.

ליידער האט דער אייניקל געהאט יענעם יאר גאר א שווערן יאר, פארלירענדיג זיין הייליגע

זיידע דער טשערקאסער און די רעבעצין די באבע, און אויך האט ער פארלוירען זיין שווער **דער הייליגער דברי חיים מצאנז** זי״ע, וואס דער רבי מאטל׳י איז געווען גאר שטארק מקושר צו זיין הייליגע שווער זי״ע.

• • •

**הרה״ק רבי שלמה מבאבוב השני זי״ע פלעגט דערציילן**, אז ווען זיין זיידע הרה״ק רבי מאטל׳י מהורנסטייפל זי״ע איז געווען אויף קעסט ביים זיידן דער הייליגער טשערקאסער זי״ע, איז געקומען א איד א ארענדער וואס איז געווען א ארעמאן, צום זיידן דער הייליגער טשערקאסער זי״ע, און זיך מזכיר געווען אז ער איז שילדיג אסאך געלט פארן פריץ, און אלס שטראף האט דער פריץ ארויס גענומען אלע פענסטער׳ס פון זיין הויז, און עס איז אינמיטן ווינטער, און די קינדער ווערן געפרוירען און ער האט נישט ווי צו גיין.

אבער אנקומענדיג קיין טשערקאס איז ער געוואויר געווארן, אז דער הייליגער רבי דער טשערקאסער איז נישט אינדערהיים, איז דער איד צו געגאנגען צו די רעבעצין, און דערציילט די מעשה וואס דער פריץ טוט מיט זיין משפחה.

האט די רעבעצין געזאגט פאר דעם איד, **גייט אריין צו אונזער אייניקל רבי מאטל׳י, און ער וועט אייך זיכער העלפן**, אבער ווען דער איד איז אריין צום אייניקל, האט רבי מאטל׳י געזאגט פאר דעם איד מיט א טיפן קרעכץ, ווען דער זיידע וואלט יעצט דא געווען, וואלט ער אייך זיכער געהאלפן, אבער וואס קען איך דען העלפן.

דער איד זייענדיג אין א צרה האט זיך אנגערופן צו רבי מאטל׳י, **אויב באמת קענט איר מיר נישט העלפן, דאן האב איך נישט קיין טענות צו אייך, אבער אויב קענט איר מיר העלפן און טון א טובה, און איר טוט דאס נישט, דאן בין איך אייך נישט מוחל**.

ווי נאר רבי מאטל׳י האט געהערט די ווערטער, האט ער זיך אויף געשטעלט און זאגט פאר דעם איד, קומט צוזאמען מיט מיר אין די מקו׳, און ביידע זענען געגאנגען אין מקו׳, נאך די מקו׳ זאגט רבי מאטל׳י צו דעם איד, **גייט געזונטערהייט אהיים און האט נישט קיין מורא, איך האף בעזר השם אז דער פריץ וועט אייך נישט טוען קיין שום שלעכטס**, און דאס איז געווען שפעט ביינאכט.

דער איד איז אהיים געגאנגען, און ווען ער קומט אן צו זיין שטוב, זעט ער ווי דער פריץ קומט אים אקעגן, און דער פריץ בעט אים מחילה אויף וואס ער האט אים שלעכטס געטון, און דערציילט אים די מעשה, אז די נאכט האט ער נישט געקענט פארמאכן א אויג און שלאפן, ווייל איינער האט אים אנגעכאפט די האלז און אים געוואלט דערשטיקן, און ער האט גלייך פארשטאנען אז דאס איז אויף אים געקומען, ווייל ער האט זיך אויפגעפירט צו דעם אידישן ארענדער מיט אכזריות, און יעצט וועט ער צוריק לייגן די פענסטערס, און וועט פון אים מער נישט פארלאנגען קיין געלט.

• • •

**צום הייליגער צדיק רבי מאטל׳י מהורנסטייפל זי״ע** איז אמאל געקומען א פרוי אן עגונה, און זיך באקלאגט צום רבין, אז איר מאן איז פארלוירען געגאנגען שוין פאר א שטיק צייט, און זי האט באקומען א היתר עגונה פון צוויי גרויסע גדולים, אבער נאר בתנאי אז רבי מאטל׳י וועט אויך מסכים זיין צום היתר.

אבער רבי מאטל׳י האט גלייך ווען זי איז אריין געקומען געזאגט, אז ער וועט נישט מסכים זיין צום היתר, **נאר ער האט איר געהייסן גיין קיין זיטאמיר**, די פרוי האט געמיינט אז די רבי וויל איר סתם אזוי אפשטופן, און דערפאר האט זי נישט נאך געלאזט און געזאגט, אז זי גייט נישט ארויס ביז די רבי וועט מסכים זיין צום היתר, אבער דאן האט דער גבאי איר ארויס געשיקט מיט געוואלד און געזאגט, אויב די רבי האט געהייסן פארן קיין זיטאמיר, איז די ישועה דארט און איר זאלט פארן קיין זיטאמיר.

די פרוי זעענדיג אז זי האט נישט קיין ברירה, איז זי געפארן קיין זיטאמיר, און לפלא אזוי ווי זי שטייגט אראפ פון באן, דערזעהט זי איר מאן שטיין דארט געזונט און פריש, זי האט גלייך אנגעהויבן שרייען און מאכן א געוואלד, אז דאס איז איר פארלוירענע מאן, און מענטשן זענען זיך צוזאמען געלאפן און מען האט איר מאן געטראגן צום בית דין, און ער האט געגעבן א גט כדת משה וישראל.

ווען די פרוי איז צוריק געקומען קיין הורנסטייפל, און דערציילט די מעשה, האט די גאנצע שטאט געשמועסט פון דעם גרויסן מופת

פון הייליגען צדיק, אבער ווען די שמועה איז אנגעקומען צום רבין האט ער מיט זיין גרויסע עניוות געזאגט, **איז עס דען מיין מופת, עס איז דאך די מופת פונעם גבאי'ן וואס האט איר אנגעשריגן אז זי זאל גיין קיין זיטאמיר**, אבער גלייך צו געלייגט שטילערהייט, **וואס דארף מען הרג'ענען א איד, ווען מען קען אים טרעפן אין זיטאמיר און באקומען א גט**, ויהי לפלא.

• • •

**מען דערציילט**, אז בשנת תר"כ ווען די זיידע דער צדיק הרה"ק רבי יעקב ישראל מטשערקאס זי"ע איז אריבער פון הורנסטייפל קיין טשערקאס, האבן די אידן פונעם שטאט הורנסטייפל, וואס האבן זוכה געווען אז דער צדיק האט ביי זיי געוואוינט פאר 20 יאר גע'טענה'ט, **אז יעצט אז די רבי גייט אוועק פונעם שטאט, וועט דאס גאנצע שיין אוועק גיין, און אויך די פרנסה פון אלע אידן וואס האבן געהאט ביז יעצט פרנסה**, מיט דעם וואס הונדערטער חסידים זענען געקומען צום רבין.

האט דער צדיק געזאגט, "**זארגט אייך נישט, הורנסטייפל וועט נישט פארשעמט ווערן**", דאן האבן די אידן נישט פארשטאנען וואס דער צדיק מיינט, ווייל למעשה גייט דאך די רבי אוועק פון שטאט, און דורך דעם פארלירט די שטאט דעם שיינעם גלאנץ.

אבער מיט דריי יאר שפעטער חודש אב בשנת תרכ"ג האט דער הייליגער צדיק געשיקט זיין אייניקל הרה"ק רבי מרדכי דוב זי"ע חתן הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע אלס רב אין שטאט הורנסטייפל, און דער צדיק ר' מאטל'י הורנסטייפלער זי"ע האט צוריק געברענגט דעם גלאנץ פונעם שטאט הורנסטייפל, וואס מיטן אנקום פון דעם צדיק זענען הונדערטער חסידים געקומען, און די שטאט איז דאן געווען פון די גרעסטע חסידישע שטעט אונעם גאנצן אומגעגענט, דאן האבן די שטאט מענטשן פארשטאנען, וואס דער זיידע האט געמיינט מיט די ווערטער, "**הורנסטייפל וועט נישט פארשעמט ווערן**".

• • •

**אמאל איז דער הייליגער צדיק רבי מרדכי דוב מהורנסטייפל זי"ע** געווען אין שטאט ראצפערט, ביי זיין גרויסן איידעם הרה"ק רבי שלום אליעזר מראצפערט זי"ע, הי"ד, און זייענדיג דארט אין שטאט ראצפערט, איז א איד אריין געקומען זיך מזכיר זיין ביים צדיק, אז ער האט ב"ה אסאך סחורה אין זיין געשעפט, אבער ליידער האט ער נישט קיין הצלחה און די סחורה פארקויפט זיך נישט.

אפען פלאץ האט דער הייליגער הורנסטייפלער זי"ע גארנישט געענטפערט, אבער שפעטער ווען ער האט זיך געגרייט אוועק צו פארן פון שטאט ראצפערט, איז דער צדיק דורך דעם געשעפט פון דעם איד, און ער איז אריין אין געשעפט, און אזוי ארום גייענדיג אין געשעפט ריפט זיך דער צדיק אן צו דעם איד, "דו **האסט דאך הערליכע שיינע סחורה דא**", און דער צדיק איז אוועק געפארן, לפלא גלייך נאכדעם האט דער איד אנגעהויבן צו פארקויפן זיינע סחורה גרינגערהייט, און ער האט געהאט פרנסה ברווח, אלעס פונעם ברכה פון דעם צדיק וואס האט משפיע געווען פרנסה און שפע פאר אידישע קינדער.

• • •

**הרה"ק רבי שלמה מבאבוב זי"ע האט דערציילט**, אז ווען דער זיידע הרה"ק רבי מרדכי דוב מהורנסטייפל זי"ע איז געווען א יונג קינד, איז ליידער נפטר געווארן זיין מאמע די צדקת מרת שטערנא פייגא ע"ה, און זי האט איבער געלאזט דעם יונגען יתום וואס איז אויף געצויגען געווארן ביים זיידן דער הייליגער טשערקאסער זי"ע, ער איז שוין דאן געווען באוויסט אלס א עילוי נפלא בתורה ועבודת השם.

איין יאר צום יארצייט פון די מאמע ע"ה, האט דער קינד ביי זיך אפ געמאכט, אז ער וויל מסיים זיין מסכת סוכה אויף די יארצייט, און ווען ער האט געענדיגט די מסכת, איז ער געגאנגען דערציילן פאר זיין מלמד, אז ער האט מסיים געווען מסכת סוכה פאר די יארצייט פון די מאמע, און די מלמד האט נישט געקענט גלייבן אז ער האט דאס טאקע מסיים געווען ווי עס ברויך צו זיין.

האט דער קינד געזאגט פארן מלמד, אז ער קען אים פרעגן וואס ער וויל אין די מסכת, דער מלמד האט אים טאקע פארהערט, און פון גרויס התפעלות פון זיין ידענות אין די מסכת, האט דער מלמד געלאזט וויסן פארן זיידן דער הייליגער

טשערקאסער זי"ע, אז ער קען מער נישט לערנען מיט דעם קינד, וויבאלד זיין גדלות בתורה איז מער ווי ער קען אים אויס לערנען.

• • •

**אמאל איז דער צדיק רבי מאטל'י אנגעקומען אין דעם דארף אוקעניא**, דארט האט געוואוינט א איד וואס איז leider געווען אפגעפרעמט פון אידישקייט, און דער איד האט געפירט די געשעפטן פארן פריץ, און leider האט ער אפגעטון גאר אסאך צרות פאר די אידן פונעם דארף, זענען די אידן פון דארף געקומען צו רבי מאטל'י און מזכיר געווען די צרות וואס זיי האבן פון דעם איד, האט די רבי געהייסן איינשפאנען די פערד און וואגן, און דער צדיק איז אריבער געפארן צום שטוב פון דעם איד.

ווען די רבי איז אנגעקומען צום שטוב, איז ער געבליבן זיצן אין וואגן און סתם געקוקט אויפן הויז, ווען דער איד האט געזען אז עס איז אנגעקומען אפאר וועגענער נעבן זיין הויז, איז ער ארויס אויפן טאראסע, **דאן האט רבי מאטל'י אריין געקוקט פארן איד אין די אויגן, און דער איד האט צוריק געקוקט דעם צדיק אין פנים**.

נאך אפאר מינוט איז דער צדיק ארויס פונעם וואגן און דער איד האט אריינגעלאזט דעם צדיק צו זיך אין שטוב, אבער דארט איז דער צדיק ווייטער געזעצן קעגן דעם איד און סתם אריין געקוקט אין די אויגן פון דעם איד, נאך פינף מינוט זיצן דארט אין קוקען פאר דעם איד אין די אויגן נישט רעדנדיג קיין ווארט, האט זיך די רבי אויפגעשטעלט, און ארויס פון זיין הויז און צוריק צו זיין אכסניא.

דער צדיק איז געבליבן דארט אין דארף אויף שבת קודש, אבער לפלא פלוצלונג מוצאי שבת זעהן די גבאים ווי דער איד קומט צו גיין צום רבי'ס אכסניא, און בעט אז ער וויל אריינגיין צום רבין, ווען ער איז אריין איז דער איד געזעצן מיטן רבין פארשלאסן פאר צוויי שעה, און ווען ער איז ארויס געקומען, איז ער געווען א אנדערע מענטש, און פון דאן איז דער איד געווארן א פולשטענדיגער בעל תשובה, פון דעם קען מען זעהן וואס די הייליגע אויגן פון דעם צדיק האט געקענט אויפטון, נאר מיטן קוקען אויף דעם איד.

• • •

**הרה"צ רבי יעקב מלובען זי"ע**, וואס איז געווען די זון פונעם שוועסטער פון דעם הייליגען צדיק רבי מאטל'י מהורנסטייפל זי"ע האט דערציילט, אז דער הייליגער צדיק רבי מאטל'י איז אמאל געקומען אין א שטעטל צו זיינע חסידים צו זיין מיט זיי אויף שבת קודש, און ער דער רבי יעקב איז אויך געפארן אויף שבת צו דעם שטאט.

זונטאג ווען ער איז אהיים געפארן, האט די מאמע בעמערקט אז זיין האנט איז געשוואלן, איז מען געגאנגען צום דאקטאר און מען האט אונטער זוכט דעם האנט, און דער דאקטאר האט באשטעטיגט, אז די האנט האט עפעס א פארגיפטינג און כדי צו ראטעווען זיין לעבן וועט מען ברויכן רח"ל אראפ נעמען די האנט, די מאמע איז געלאפן צו א גרעסערן דאקטאר א איד, אבער דער איד האט אויך באשטעטיגט דאס זעלבע, אז כדי צו ראטעווען דעם זון וועט מען רח"ל מיזן אראפ נעמען די האנט.

די מאמע זייענדיג פארלוירן, איז געלאפן צום ברידער דעם הייליגען צדיק רבי מאטל'י זי"ע און מזכיר געווען איר זון מיט בכיות און געבעטן, אז דער ברודער זאל מעורר רחמים זיין אויפן זון, באלד האט דער צדיק געבעטן די גבאים, **אז ער וויל גיין זיך טובל'ן אין מקו', ווען דער צדיק איז צוריק געקומען פון די מקו', האט ער זיך אנגערופן צום שוועסטער, איך זאג דיר צו, אז בע"ה וועט ער פולקאם געזונט ווערן און מען וועט נישט דארפן ח"ו שניידן די הענט, און ער וועט נאך מיט די האנט טיילן אסאך צדקה**.

ווען די מאמע איז צוריק געקומען צום דאקטאר האט ער געזאגט, אז עס איז אים איין געפאלן א געדאנק, אז ער וועט מיט נאדלען אריין שפריצן מעדעצינען גלייך אין דעם פארגיפטונג, און דאס וועט אוועק נעמען די פאגיפטונג אי"ה, עס וועט טאקע אפשר זיין גרויסע יסורים, אבער מיטן באשעפערס הילף וועט דאס ראטעווען זיין לעבן.

דערציילענדיג די מעשה האט רבי יעקב אויף געהויבן זיין ארבל און געוויזן די לעכער וואס זענען געבליבן אין די האנט פון די נאדלען וואס

דער דאקטאר האט אריין געשטאכן אין די האנט, און דורך די ברכה פונעם הייליגן פעטער איז ער געזונט געווארן און אויך געבליבן מיטביידע הענט.

• • •

**אין ספר זכרון לראשונים ווערט דערציילט**, אז ווען דער צדיק רבי מרדכי דוב מהורנסטייפל זי"ע איז נתקבל געווארן אלס רב אין שטאט הורנסטייפל, איז דארט געווען אן אלטגעזעסענער רייכער איד, א תקיף, וואס פלעגט קאמאנדעווען אויף אלע שטעטל-ענינים און מען האט אים נישט געקענט בייקומען, ביי איינע פון די ערשטע שאלות בהלכה וואס איז אונטערגעקומען אין שטעטל, האט דער גביר געוואלט פסק'נען לויט זיין באקוועמליכקייט, **און געסטראשעט אז אויב דער נייער יונגער רב וועט נישט פאלגן, וועט ער אים נישט לאזן וואוינען אין שטעטל**.

האט דער צדיק רבי מרדכי דוב זי"ע געענטפערט פאר דעם גביר מיט אן אומבויגזאמען פעסטקייט, "**איך האב מקבל געווען די רבנות צו פסק'נען לויט דעם שלחן ערוך, נישט לויט דעם גביר'ס בייטל, אויב דארף איך זיך בייגן פאר מענטשן, בין איך גרייט שוין יעצט איינצופאקן די פעקלעך און אוועקפארן, אבער דעם אמת פון דער תורה וועל איך נישט בייטן פאר קיין שום הון דעלמא**", ווען דער גביר האט געזען אז דער יונגער רב האט קיין שום פחד פאר געלט אדער כבוד, נאר בלויז פאר השי"ת, האט ער זיך געבויגן און אים מכבד געווען זיין גאנץ לעבן.

• • •

**אין ספר עטרת מרדכי ווערט געברענגט**, אז דער הייליגער הורניסטייפלער זי"ע פלעגט פארטיילן ריזיגע סומעס פאר צדקה, און שטיצן אלמנות און יתומים, און חתונה מאכן ארימע חתנים און כלות, ער פלעגט זיך ארייגלאזן אין שווערע חובות כדי צו ראטעווען אידן פון ח"ו פארשעמט ווערן צוליב זייער ארעמקייט.

איינמאל איז א בעל חוב געקומען צום רבין מאנען א גרויסע סומע געלט און געשריגן אז ער מוז עס באלד האבן, דער רבי האט אים געזאגט מיט א רואיגקייט, "**זארג נישט, דער רבונו של עולם איז מיין שותף אין די מצוות, און ער לאזט נישט קיין חובות אפען**", לפלא נאך יענעם זעלבן טאג איז אנגעקומען א גביר פון א ווייטע שטאט וואס האט בכלל נישט געוואוסט פונעם חוב, נאר פלוצים געפילט א שטארקע התעוררות צו קומען צום רבי'ן, **און דער גביר האט איבערגעלאזט אויפן טיש פונקט די גענויע סומע וואס האט געפעלט אויסצוצאלן יענעם בעל חוב**.

• • •

**אין הקדמה פון ספרי עמק שאלה ווערט געברענגט**, אז ווען דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט געזוכט אן איידעם פאר זיין טאכטער, איז דער יונגער רבי מרדכי דוב געקומען קיין צאנז, דער צאנזער רב, וואס איז געווען א שארפער גאון אין הלכה און ש"ס, האט אים פארהערט שעות לאנג אין טיפע סוגיות הש"ס און פוסקים.

דער הייליגער צאנזער רב איז אזוי נתפעל געווארן פון זיין גאונות, בקיאות און קלארקייט אין יעדן ווינקל פון תורה, אז ער האט זיך אויסגעדריקט מיט התפעלות, "**ער קען ש"ס און פוסקים אויף די שפיץ פינגער ווי אן אלטער גאון ופוסק הדור**", נאך דער חתונה פלעגט דער הייליגער דברי חיים רעדן מיט גרויס דרך ארץ איבער זיין איידעם, און אסאך שווערע הלכה שאלות פלעגט דער דברי חיים שיקן צו אים זאל עס מברר זיין, וואס פון דעם זענען שפעטער געדרוקט געווארן די שו"ת "**עמק שאלה**" און "**תורי זהב**".

• • •

**אין בית טשרנוביל ווערט דערציילט**, אז דער צדיק וקדוש רבי מרדכי דוב מהורנסטייפל זי"ע, אויסער זיין געוואלדיגער גאונות אין לערנען, איז ער געווען אן עובד השם מיט א מורא'דיגע קדושה וטהרה, מען פארציילט, אז אפילו אין די ביטערע פראסטיגע אוקראינישע ווינטער נעכט, ווען דאס וואסער אין מקוה איז געווען פארפרוירן מיט א דיקן שיכט אייז, פלעגט ער זיך נישט מונע זיין פון גיין טובל'ן פארן דאווענען, ווען די מקורבים האבן אים געבעטן אז ער זאל היטן אויף זיין געזונט, פלעגט ער ענטפערן מיט א פשטות, "**די ווארעמקייט פון קדושת התורה און די ברענענדיגע ליבשאפט צום באשעפער קען צעשמעלצן דאס קעלטסטע אייז**".

• • •

**אין ספר עטרת מרדכי ווערט דערציילט**, אז דער הייליגער הורניסטייפלער רב איז געווען

באקאנט מיט זיין עקסטרעמער זהירות אין שמירת העיניים, ווען ער פלעגט דארפן ארויספארן פון שטעטל פאר רבנות-ענינים אדער פאר צרכי ציבור, פלעגט ער אראפלאזן די היט טיף איבער די אויגן און זיך אריינטוהן אין א גמרא אדער תהלים, אזוי אז ער האט בכלל נישט געזען וואס טוט זיך ארום זיך.

איינמאל, בשעת א נסיעה אויף א וואגן, איז א פארבייגייענדיגער רייכער פריץ דורכגעפארן מיט א גאנצן פאראד און געמאכט א גרויס גערודער, דער בעל עגלה האט זיך אומגעקוקט, אבער דער רבי איז געזעצן פונקט ווי פריער אן רירן דעם קאפ, שפעטער האט מען אים געפרעגט צי ער האט געזען דעם פריץ, האט ער מיט א פשטות געענטפערט, "**דער אויג איז באשאפן געווארן צו קוקן אין הייליגע אותיות און אויף די מעשי ידיו פונעם בורא, פארוואס זאל איך עס פארשוועכן מיט גארנישט**".

• • •

**אין ספר זכרון לראשונים ווערט געברענגט**, אז די חסידים האבן דערציילט, אז ביים שבת טיש פלעגט זיין צורה שיינען מיט אן איבערמענטשליכער ליכטיגקייט, בשעת ער פלעגט זאגן תורה אדער זינגען די זמירות, פלעגט ער זיך אינגאנצן אפשיידן פון דער וועלט, ביז מען האט ממש געקענט פילן די יראת הכבוד אין גאנצן צימער.

איינע פון די באקאנטע עובדות וואס די תלמידים און חסידים האבן דערציילט, אז אמאל אינמיטן קידוש מאכן פרייטאג צו נאכטס, האט ער געהאלטן דעם בעכער מיט אזא דביקות און רעטערניש, אז די מענטשן ארום האבן מורא געהאט אז דער בעכער וועט ארויספאלן פון זיינע הענט, אבער דאס כוס איז געבליבן פעסט ווי א שטיין, און די אויגן האבן געפלאקערט מיט ליכטיגע טרערן פון הייליגע התלהבות.

• • •

**אין די הקדמת פון ספר עמק חכמה ווערט געברענגט**, אז דער צדיק רבי מרדכי דוב זי"ע האט געהאט א שטרענגע קבלה אויף זיך צו היטן דאס מויל פון יעדן איבריגן ווארט וואס איז נישט קיין דברי תורה, תפילה, אדער הילף פאר א צווייטן איד, מען פלעגט זאגן אויף דעם צדיק, אז יעדעס ווארט וואס איז ארויס פון זיין מויל איז געווען אפגעוואויגן מיט פונקטליכקייט ווי גאלד.

אפילו ווען מען פלעגט קומען צו אים מיט שווערע דין תורות און שטעטלדיגע סכסוכים, פלעגט ער הערן די טענות מיט גרויס געדולד, אבער אליין רעדן בלויז די קלארע הלכה'דיגע ווערטער אן אריינפארן אין קיין שום פערזענליכע קריגערייען אדער לשון הרע, חסידים האבן געזאגט, אז צוליב זיין געוואלדיגע קדושת הפה זענען זיינע ברכות און תפילות נתקבל געווארן אויבן אין הימל ווי א חותם.

• • •

**אין שושלת צאנז וטשערנאביל ווערט געברענגט**, אז זיין עבודת הקודש איז געווען געפלאכטן מיט א שרעקליכער התמדת התורה, נאך א לאנגן טאג פון פסק'נען שאלות, העלפן נצרכים און פירן די עדה, פלעגט ער זיך פארשליסן אין זיין חדר מיוחד, דארט פלעגט ער שטיין שעה'ן לאנג ביי דער ליכט און לערנען ראשונים און אחרונים מיט א קול דממה דקה.

ווערט דערציילט, אז זיין רעבעצין די צדקת מרת רייצא ע"ה פלעגט כסדר משמש זיין איר הייליגע מאן און פון מאל צו מאל אריינברענגען א ווארעמע טיי אינמיטן דער נאכט, **און אפטמאל פלעגט זי טרעפן די טיי אינדערפרי אומבאריכרט, ווייל ער איז געווען אזוי פארטיפט אין דער שכינה הקדושה און אין דער תורה**, אז ער האט פשוט פארגעסן פונעם גוף און זיינע באדערפענישן.

• • •

**אין ספר עטרת מרדכי ווערט דערציילט**, אז א רייכער איד פון קיעוו האט געהאט אן איינציג קינד וואס איז שווער קראנק געווארן, די גרעסטע דאקטוירים האבן שוין אויפגעגעבן און געזאגט אז עס איז מער נישטא קיין נאטירליכע האפענונג, מיט די לעצטע כוחות און האפענונג איז דער צובראכענער פאטער געלאפן קיין הורניסטייפל צום הייליגן צדיק רבי מרדכי דוב זי"ע.

דער רבי האט אים אויסגעהערט מיט גרויס מיטגעפיל, אבער גלייך געזאגט מיט א פעסטקייט, "**דער רבונו של עולם איז א רופא כל בשר, און זיין רפואה איז העכער אלע דאקטוירים, גיי אהיים, זיי מקבל אויף זיך צו שטיצן תלמידי חכמים מיט אן**

**אפענער האנט, און דער אייבערשטער וועט העלפן**", דער רבי האט אים געגעבן א ברכה און א שטיקל שריים, וועון דער פאטער איז צוריקגעקומען אהיים, זענען די דאקטוירים געשטאנען געפלעפט, פונקט אין יענע שעה וועון דער רבי האט געגעבן די ברכה, איז דאס הויכע היץ פלוצים געפאלן און דאס קינד האט זיך געשטארקט ביז ער איז אינגאנצן אויסגעהיילט געווארן.

• • •

**אין ספר זכרון לראשונים ווערט דערציילט**, אז א ערליכער חסידישער איד איז געווען חתונה געהאט איבער פופצן יאר און נישט געהאט קיין קינדער, ער פלעגט פארן צו אסאך צדיקים, אבער די ישועה האט זיך פארזוימט צו קומען, וועון ער איז געקומען איינמאל צום צדיק רבי מרדכי דוב מהורנסטייפל זי"ע, האט ער זיך מזכיר געווען מיט ביטערע בכיות, און געבעטן דעם צדיק זאל אים וואונטשן א ישועה.

האט דער צדיק רבי מרדכי דוב זי"ע אריינגעקוקט טיף אין זיין קוויטל, געשוויגן א לאנגע ווײלע, און דאן געזאגט, "**אויב דו ביסט גרייט מקבל צו זיין אויף זיך צו עוסק זיין אין מצוות הכנסת כלה אן קיין שום פניות, וועט זיך עפענען פאר דיר די שערי רחמים און די וועסט אי"ה מיטן באשעפער'ס הילף געהאלפן ווער מיט א ישועה**", דער איד האט גלייך אונטערגענומען אויסצוצאלן די גאנצע חתונה און קליידונג פאר א כלה א יתום פון שטעטל, נאך יענעם יאר איז געבוירן געווארן ביי אים א געזונט אינגל, און דער הייליגער צדיק רבי מרדכי דוב איז אליין געווען דער סנדק ביים ברית.

• • •

**אין ספר מקור חיים ווערט געברענגט**, אז א אידישער סוחר אין דער געגנט איז פאר'מסר'ט געווארן דורך אן אנטיסעמיטישן באאמטן, וועלכער האט געווארפן אויף אים א שקר'דיגן בלבול איבער פאלשע שטייערן, דער אורטייל פאר אזא זאך אין יענע צייטן איז געווען יארן לאנג אין די קאלטע פונסטערע תפיסות אין סיביר, די משפחה איז געקומען צו לויפן צום רבי'ן דער צדיק רבי מרדכי דוב מהרנסטייפל זי"ע, און מזכיר געווען דעם סוחר אז ער זאל גערעטעוועט ווערן פון די בלבול.

דער רבי האט זיי בארואיגט און געזאגט, "**זארגט נישט, דער שופט כל הארץ פירט די וועלט, נישט דער רשע**", און דער רבי האט געהייסן דעם איד זאל גיין צום משפט מיט בטחון, און פארן אריינגיין זאגן דריי מאל דעם קאפיטל קכ"א אין תהלים ("**שיר למעלות אשא עיני אל ההרים**"), אינמיטן דעם משפט איז געשען אן אומגלויבליכע זאך, דער הויפט ריכטער האט אנגעהויבן פארשן די פאפירן און געטראפן קלארע סתירות אין די עדות פונעם אנקלאגער, דער ריכטער האט זיך אזוי אויפגערעגט אויפן באאמטן פארן פארדרייען דעם געריכט, אז ער האט אינגאנצן מבטל געווען דעם קלאגע און דער איד איז ארויס פריי אויף דער מינוט.

• • •

**אין שושלת טשערנאביל ווערט דערציילט**, אז א יונגערמאן וואס האט פארלוירן זיין גאנצע פרנסה און געשטאנען פאר א ביטערע צוזאמענבראך, איז געקומען זיך באקלאגן זיין ביטער הארץ פארן צדיק מהורנסטייפל זי"ע, דער רבי האט אים געפרעגט מיט וואסערע געשעפטן ער איז פארנעמען, האט דער יונגערמאן געזאגט פארן רבין, אז מען האט אים אנגעבאטן א געוויסן האנדל מיט תבואה, אבער אלע זאגן אז עס איז א שאד די צייט ווייל דער מארק איז זייער שוואך.

האט אים דער רבי געזאגט, "**הייב אן יענעם מסחר, און זאלסט געדענקען צו אפשיידן מעשר פון יעדן רובל וואס קומט אריין, נאך פאר דו קויפסט ברויט פאר דיין אייגן הויז**", דער יונגערמאן האט געפאלגט, און אין יענע וואכן זענען די פרייזן פון תבואה פלוצים געשטיגן אויף אן אומגעווענליכן אופן איבער גאנץ רוסלאנד, און דער יונגערמאן האט געמאכט גרויסע פארדינסטן און איז געווארן איינער פון די באקאנטע בעלי צדקה אין דעם געגנט.

**יארצייט כ"ג אלול**

**הרה"ק רבי אורי ב"ר פנחס זי"ע, (קלוגהויפט)**
**בעל אמרי קדוש, מסטרעליסק**
**"הנקרא השרף מסטרעליסק"**

ער איז געבוירן אין שטאט יאנוב, **בשנת תקי"ז**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי פנחס** זי"ע, וואס איז געווען דער שניידער אין שטאט **יאנוב**, א פשוטער איד אבער א גרויסער ירא שמים און א מדקדק במצוות.

און צו זיין מאמע **הצדקת מרת רבקה** ע"ה.

מען דערציילט, אז די מאמע זייענדיג א צדקת, איז אמאל געגאנגען צום הייליגען **מגיד ממזריטש** זי"ע, און זיך אפגערעדט, אז איר מאן איז א גאר פשוטע איד, אבער דער מגיד האט גאר גוט געוויסט וואסערע ערליכע איד דער מאן איז, האט ער געגעבן א ברכה פאר די מאמע, **אז זי וועט האבן א קינד וואס וועט באלייכטן די וועלט מיט זיין קדושה און תורה**, און דערפאר האט מען דעם קינד גערופן מיטן נאמען "**אורי**" וואס מיינט **לעכטיגקייט**.

ער איז געווען א איש אלוקים קדוש ונורא מאוד, און ווי צדיקים האבן מעיד געווען, איז דער צדיק געווען א **צדיק יסוד עולם, וקדוש מרחם אמו**, אויך איז ער געווען מפורסם אלס א גאון וגדול בתורה, זיין עבודת השם איז געווען מיט א געוואלדיגע ברען און א אש דקדושה און דערפאר האט מען אים גערופן "**דער שרף מסטרעליסק**",

ער איז געווען א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, און ער האט זיין גאנץ לעבן משפיע געווען פרנסה ברווח און עשירות פאר אידישע קינדער מיט זיין גרויסן כח, טויזענטער אידן יראים ושלמים האבן זיך מסתופף געווען בצלו פון דער גרויסן צדיק וקדוש און געקומען מיט האלטן זיין עבודת הקדוש וואס איז געווען מיט א קדושה און התלהבות צום בורא כל עולמים.

דער הייליגער שרף זי"ע האט דערציילט, אז דער טאטע איז דאך געווען קודם א בעל עגלה און דערנאך איז ער געווארן דער שניידער פון זיין שטאט, און אונעם שטאט פון זיין טאטע האבן נישט געוואוינט קיין סאך אידן און עס איז אפילו נישט געווען קיין מנין.

ווען דער הייליגער שרף איז געבוירן געווארן, איז דער טאטע געווען אין א שרעקליכע דחקות און ער האט נישט געהאט קיין געלט צו דינגען א מנין אידן פון א דערנעבעדיגן שטעטל, ווי דער מנהג איז געווען בימים ההם ווען מען האט געברויכט מנין.

ווען דער טאג פונעם ברית איז אנגעקומען, איז דער טאטע געווען גאר שטארק צובראכן, אז ער האט נישט קיין מנין צו אפרעכטן דעם ברית פון זיין קינד, איז דער טאטע ארויס צום פרשת דרכים צווישן זיין שטאט, און דעם נאנטן שטאט, און געהאפט אז ער וועט טרעפן אידן וואס פארן דארט דורך, און אפשר וועלן זיי מסכים זיין אריין צו קומען מצרף זיין די מנין פארן ברית.

ווען עס איז שוין דורך חצות און דער טאטע האט נישט געקענט טרעפן קיין אידן וואס זאלן וועלן קומען מצרף זיין די מנין, האט דער טאטע אנגעהויבן זייער וויינען און געבעטן דעם באשעפער, אז ער זאל אים שיקן א מנין, כדי ער זאל קענען מקיים זיין די מצוה און אריין ברענגען זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו ע"ה מיט א מנין אידן.

פלוצלונג זעט די טאטע אז עס קומט צו פארן א וואגן, און ווען די אידן האבן געזען אז דער טאטע וויינט האבן זיי געפרעגט וואס גייט פאר, האט די טאטע זיי דערציילט, אז ער ברויך מאכן א ברית און ער האט נישט קיין מנין און אויך האט ער נישט די צרכי הסעודה פארן ברית סעודה.

האבן די אידן אויפן וואגן געזאגט, זייט נישט צובראכן, ווייל מיר קומען יעצט פון א חתונה, און מיר האבן מיט זיך כל טוב וטוב וואס איר וועט קענען ניצן פארן סעודה, און אויך האבן מיר א רב און א בעל מנגן וואס וועט באשיינען דעם ברית, און די טאטע איז געווארן גאר שטארק בשמחה, אז ער וועט קענען אפרעכטן די ברית פאר זיין זון ווי עס דארף צו זיין.

האט דער הייליגער שרף זי"ע אויס געפירט, **דער סנדק איז געווען אבינו אברהם ע"ה, דער רב איז געווען משה רבינו ע"ה, און דער בעל מגגן איז געווען דוד המלך ע"ה, וואס צוליב די חביבות המצווה וואס דער טאטע האט געהאט און מיט זיין געוואלדיגע תמימות און ערליכקייט, זענען אלע דריי געקומען זיך מצרף זיין ביים ברית.**

דער צדיק וקדוש רבי אורי מסטרעליסק זי"ע איז געווען מפורסם, מיט זיין געוואלדיגע עבודת התפלה וואס ער האט מקבל געווען פון זיין הייליגען רבין הרה"ק **רבי שלמה מקארלין** זי"ע, ער פלעגט דאווענען מיט א גרויסע ברען און א אש קודש.

הרה"ק **המגיד ממעזריטש** זי"ע האט געזאגט אויפן הייליגען שרף זי"ע, **אז ער איז געווען א קדוש מרחם אמו, און מימות אחיה השילוני איז נישט געווען א מענטש אויף די וועלט, וואס האט געהאט די וויסנשאפט פון נשמות ישראל, אזוי ווי דער הייליגער שרף**, אויך האט דער מגיד געזאגט, **אז ער האט געקענט אסאך בעלי רוח הקודש, אבער א בעל רוח הקודש אמיתי האט ער נאר געזען אין סטרעליסק.**

הרה"ק רבי ישראל מרוז'ין זי"ע האט געזאגט, **אז דער הייליגער שרף מסטרעליסק זי"ע איז דער רעכטער האנט פאר משיח צדקנו**, און הרה"ק רבי מרדכי מנדבורנא זי"ע האט מעיד געווען בזה"ל, **"האחד היה השרף מסטרעליסק, שעבודתו בזקנותו היתה כבימי חרפו"**, און דער הייליגער שרף זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדריקט, **אז מוצאי שבת קודש, כל זמן ער האט נאכנישט געמאכט קיין הבדלה, איז די שליסעל פון גיהנום אין זיינע הענט.**

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת בלומא** ע"ה,
בת הרה"ק רבי **יעקב קאפיל חסיד** זי"ע **מגדולי תלמידי הבעש"ט הקדוש** זי"ע.

ער האט זיך מסתופף געווען בצלו פון די צדיקי הדור און זיך גערעכנט אלס א תלמיד פון אסאך צדיקים בדורו ובתוכם.

הרה"ק **רבי אלימלך מליזענסק** זי"ע,
הרה"ק **רבי יעקב יוסף מאוסטראה הנקרא רב ייב"י** זי"ע,
הרה"ק **רבי אהרן ארי' לייב מפרמישלאן** זי"ע,
הרה"ק **החוזה מלובלין** זי"ע,
הרה"ק **רבי פנחס מקאריץ** זי"ע,
הרה"ק **רבי מרדכי מנעשכיז** זי"ע.

אבער זיין רבו מובהק איז געווען הרה"ק **רבי שלמה מקארלין** זי"ע.

מען דערציילט, אז ווען דער הייליגער שרף זי"ע איז ארויס זיכן א רבי, און ווען ער איז דאס ערשטע מאל אנגעקומען צום הייליגען צדיק מקאריץ זי"ע, האט אים רבי פנחס'ל מקאריץ געגעבן שלום עליכם, אבער האט אים גלייך געזאגט, **גיי לשלום ווייל איך בין נישט דיין רבי משורש נשמתך.**

דאן איז דער שרף געגאנגען צום הייליגען צדיק הרה"ק **רבי מרדכי מנעשכיז** זי"ע, און פון דארט איז ער געגאנגען צו הרה"ק **רבי זושא מאניפולי** זי"ע, דער הייליגער רבי ר' זושא האט דעם שרף גאר שטארק מקרב געווען, און ווען ער האט זיך געזעגנט פון רבי ר' זושא, האט ער געגעבן א ברכה, **די שכינה זאל זיך נישט אפטון פון דיר דיין גאנץ לעבן, און בקרוב זאלסטו טרעפן א רבין לויט דיין שורש נשמה.**

דאן איז דער הייליגער שרף אנגעקומען קיין **קארלין**, און אזוי ווי ער האט געטראפן דעם הייליגען צדיק הרה"ק **רבי שלמה מקארלין** זי"ע, און האט אים געגעבן די האנט שלום צו נעמען, האט פאר דעם שרף באפאלען א גאר גרויסע פחד און א אימה גדולה.

דאן האט ער פארשטאנען, אז דאס איז זיין רבי, ווייל ווי חז"ל זאגן דאך, **מורא רבך כמורא שמים**, און פון דאן איז ער געבליבן מקושר צו זיין רבין מקארלין, און געווארן פון זיינע תלמידים מובהקים, און ווי זיין רבי האט זיך אמאל אויס געדריקט אויפן תלמיד, מיין תלמיד דער שרף איז שקול ווי טויזענט פון מיינע חסידים.

מען דערציילט, אז די קשר צווישן דעם הייליגען רבין מקארלין און זיין תלמיד דער שרף איז געווען גאר גרויס, די צוויי האבן צוזאמען עוסק געווען אין גאר געהויבענע זאכן, און די רבי האט

פארן תלמיד איבער געגעבן זיין עבודת הקודש פון דינן דעם הייליגען באשעפער מיט א מסירת נפש, און יעדער וואס איז נאר געשטאנען אינעם געגענט ווי דער צדיק מסטרעליסק האט געדאווענט, איז נתעורר געווארן צו תשובה און תיקון המעשים, און צדיקים האבן געזאגט, **אז דער הייליגער שרף האט בשעת'ן דאווענען אויס געוואשן די נשמות פון זיינע תלמידים**, ער האט 24 שעה פון טאג געברענט פון גרויס פחד און יראת הבורא.

הרה"ק רבי אורי השרף מסטרעליסק זי"ע האט געזאגט, יעדער רבי איז א שורש נשמה פון כלל ישראל, אבער מיין רבי ר' שלמה מקארלין זי"ע איז געווען **שורש כל השרשים**, און וועגן דעם האט ער געהאט א כח ארויף צו ברענגען יעדן איד, אפילו די פחות שבפחותים, מבירא עמיקתא לאיגרא רמא.

אויך דערציילט מען, אז דער הייליגער רוזינער זי"ע האט אמאל געבעטן דעם זון פונעם הייליגען שרף הרה"ק רבי שלמה זי"ע, אז ער זאל דערציילן עפעס פון די גדלות פון זיין טאטן זי"ע.

האט רבי שלמה דערציילט, אז יעדן טאג בעפאר די טאטע איז ארויס דאווענען, **האט ער זיך געזעגנט פון זיין משפחה, ווייל אפשר ביים דאווענען וועט ער נסתלק ווערן פון גרויס דביקות בשם און פון גרויס פחד הבורא**, און אויך האט ער געזאגט, **אז ביי אים אין שטוב ליגט א קאסטן מיט דברי תורה פון זיין רבין דער הייליגער קארלינער זי"ע, און מען זאל ח"ו נישט מאכן א טעות אז דאס זענען דברי תורה פון אים, ווייל דער טאטע איז געווען גאר שטארק נזהר אין דעם מידות האמת.**

ער האט געהאט תלמידים צדיקים וקדושים ובתוכם.

בנו הרה"ק **רבי שלמה מסטרעליסק** זי"ע,
הרה"ק **רבי ישכר בער לייפער מנדבורנא** זי"ע,
הרה"ק **רבי דוב בער פלאם מאלעסק** זי"ע,
הרה"ק **רבי יהודה צבי מסטרעטין** זי"ע,
הרה"ק **רבי אהרן משה מבראד** זי"ע,
הרה"ק **רבי זאב וואלף שענבלום מלבוב** זי"ע,
הרה"ק **בעל השר שלום מבעלזא** זי"ע,
הרה"ק **רבי צבי הירש מרימנוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי יהושע אשר מפוריסוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי אליעזר זאב מבוטשעטש** זי"ע,
הרה"ק **רבי מרדכי זיסקינד סג"ל לאנדא מסטריא** זי"ע,
הרה"ק **רבי חנוך העניך בעל לב שמח מאלעסק** זי"ע,
הרה"ק **רבי אברהם מסטרעטין** זי"ע,
הרה"ק **רבי יצחק אייזיק בעל פירוש מהרי"א מזידיטשוב** זי"ע.

עס איז באקאנט, אז דער הייליגער שרף מסטרעליסק זי"ע האט גאר אסאך מדריך געווען זיינע תלמידים **צו ממאס זיין אין דברים גשמיים**, און נאר זיין צו געבינדן צום באשעפער מיט רוחניות, און אפילו ער האט גאר אסאך משפיע געווען א שפע אין פרנסה פאר אידישע קינדער, האבן אבער זיינע תלמידים בכלל נישט געברויכט קיין געלט, זיין גאנצע עבודת השם איז צו געגאנגען מיט א דחקות און עניות.

מען דערציילט, אז איינמאל האט דער שרף געזאגט פארן הייליגער רוזינער זי"ע, אז זיינע תלמידים ברויכן נישט קיין עשירות, און ווען די רבי האט געפרעגט זיינע תלמידים, וואס זענען דארט געשטאנען, אויב זיי ווילן עשירות, האבן אלע איינס ביי איינס געזאגט אז ניין, אויסער איין חסיד וואס האט געזאגט פארן רבין, אז זיין ווייב וויל יא עשירות, האט אים די רבי געגעבן א ברכה **און ער איז נתעשר געווארן, און ער איז געווען פון די גרויסע תומכים אין חצר פון זיין גרויסן רבין דער שרף מסטרעליסק זי"ע**.

ער האט איבער געלאזט זיין **בן יחיד** הרה"ק **רבי שלמה מסטרעליסק** זי"ע, ממלא מקום אביו, אבערליידער האט ער נישט מעריך ימים געווען און ער איז נסתלק געווארן 4 חדשים נאכן טאטן, און צדיקים האבן דערציילט, אז בעפאר זיין פטירה האט דער זון געזאגט בזה"ל, "**איך ווייס נישט ווי מ'קען לעבן נאך אזא טאטען**".

זיינע הייליגע דברי תורה זענען געדריקט געווארן אינעם **ספר אמרי קדוש**.

צדיקים האבן געזאגט, אז דער הייליגער שרף איז נסתלק געווארן פון די וועלט, **ווייל וויבאלד ער**

**איז דאך געווען א גרויסע מליץ יושר אויף אידישע קינדער אויף די וועלט, האט מען אים מצרף געווען אונעם בי"ד אויבן בעולם העליון.**

נסתלק לגנזי מרומים **כ"ג אלול בשנת תקפ"ו**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **סטרעליסק**.

מען דערציילט, אז ביי סתימת הגולל ווען דער זון רבי שלמה זי"ע האט אנגעהויבן זאגן דעם ערשטן קדיש נאכן טאטן, האט ער געזאגט "**יתגדל ויתקדש שמיה רבא**", אבער דאן האט ער זיך אפ געשטעלט, ווען מען האט אים געפרעגט, פארוואס ער שטעלט זיך אפ, האט ער געזאגט, **דער טאטע איז א שרף און ער איז שוין לאנג תחת כסא הכבוד, און ער ברויך שוין נישט גיין העכער**, און ווען מען האט דאס פארציילט פאר הרה"ק רבי צבי הירש מזידיטשוב זי"ע, האט ער געזאגט בזה"ל, "**ווי נעמט מען אזאנע קינדער, וואס זאלן וויסן ווי זייער טאטע איז**".

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

### מעשיות

**איין שבת איז דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע** געווען ביי זיין רבין דער הייליגער שרף מסטרעליסק זי"ע אויף שבת קודש, מוצאי שבת ווען דער הייליגער שרף האט געמאכט הבדלה, האט זיך דער כוס אויסגעגאסן אינמיטן הבדלה, מען האט דאס צוריק אנגעפילט, אבער גלייך האט זיך עס נאכאמאל אויס געגאסן, קיינער פון די תלמידים האבן נישט געוויסט קיין פשט.

זענען די תלמידים געגאנגען צום הייליגען בעלזא רב זי"ע, און געפרעגט וואס דער פשט איז, אבער דער בעלזא רב האט נישט געוואלט זאגן, אבער נאכדעם וואס מען האט אים שטארק געמיטשעט, האט ער געזאגט אז ער וועט דערציילן די סיבה.

דאן האט דער הייליגער בעלזא רב זי"ע געהייסן, אז מען זאל רופן א איד וואס וואוינט אין א שטאט נישט ווייט פון סטרעליסק, און מען האט דעם איד געפרעגט, וואס איז ביי ענק אין שטאט פאר געקומען די וואך, האט דער איד דערציילט, אז א איד איז נפטר געווארן ערב שבת קודש, און מען איז נאך אנגעקומען צו בערדיגן דעם נפטר ערב שבת בעפאר דעם זמן.

האט דער בעלזא רב דערציילט, אז דער איד איז געווען א גרויסער תומך פארן שרף מסטרעליסק זי"ע, און ווען ער איז ארויף געקומען בעולם העליון, האט מען אים אריין געפירט אין גן עדן, אבער ווען עס איז געקומען מוצאי שבת קודש, האט מען אים געוואלט אריין טראגן אין גיהנום.

אבער דער הייליגער שרף האט געזאגט פאר די שליחים, אז ער איז נישט מסכים אז דער איד זאל גיין אין גיהנום, אבער ווען די שליחים האבן געזאגט פארן שרף, **אז ער האט נישט קיין דעה**, האט דער הייליגער שרף געזאגט, **אויב אזוי וועל איך אויסלעשן דעם גיהנום, און דאס האט דער הייליגער שרף געטון מיטן אויס גיסן די כוס ביי הבדלה, און יעדעס מאל ער האט דאס אויס געגאסן האט ער מער אויס געלאשען דעם גיהנום**.

• • •

**איינמאל איז דער הייליגער שרף מסטרעליסק זי"ע אנגעקומען אין א שטאט**, און זיך געשטעלט דאווענען, און ווי זיין מנהג איז געווען, האט ער גאר שטארק מאריך געווען מיטן דאווענען, האט אים דער רב פון שטאט געפרעגט, איר זענט נישט חושש צו וואס די גמרא זאגט ביי רבי עקיבא (מסכת ברכות ל"א) **כשהתפלל עם הציבור היה מקצר בתפילתו מפני טורח הציבור**, און פארוואס זענט איר יא מאריך בתפילה.

האט דער הייליגער שרף געזאגט, איר פארשטייט נישט דעם אמת'ן פשט אין די גמרא, ווען רבי עקיבא האט מתפלל געווען מיטן ציבור מיינט, אז ווען דער גאנצער ציבור האט צוזאמען געדאווענט און אינזין געהאט דעם גאנצן דאווענען, האט ער נישט געברויכט מאריך זיין בתפילה, וויבאלד די תפילות זענען גרינג נתקבל געווארן, אב**ער אויב דער גאנצער ציבור העלפט נישט ארויס, האט רבי עקיבא געברויכט אליין אינזין האבן, האט דאס געדויערט לענגער**.

• • •

**הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט** בשם זיין גרויסן רבין הרה"ק רבי חנה מקאלשיץ זי"ע, אז דער צדיק וקדוש רבי אורי השרף מסטרעליסק זי"ע, האט ערב יום הקדוש געטרינקען גאר א גרויסע סכום מעיד, אז עס איז געקומען צו א מצב וואס די גבאים האבן געברויכט טראגען דעם צדיק אנגעליינט אויף די האנט.

אבער לפלא אזוי ווי דער צדיק וקדוש איז אנגעקומען אין שוהל און געקישט די מזוזה, איז ער געלאפן מיטן גאנצן כוח, און דער צדיק איז געשטאנען און געדאווענט דעם גאנצן טאג יום הקדוש אויף די פיס מיט א געוואלדיגע אש קודש, און צדיקים האבן מעיד געווען, **אז זיין גרויסע יראה און פחד הבורא, און זיין געוואלדיגע קדושה ביים דאווענען, האט ממש פארברענט דאס עסן און טרינקען**.

• • •

**איין יאר נאכן יו"ט שבועות**, האט דער צדיק דער שרף מסטרעליסק זי"ע נישט געוואלט אריין נעמען א דבר גשמי אין מויל, וואס דאס ביסל וואס דער צדיק האט שוין יא געגעסן איז געווען ממש גארנישט, און ער האט געזאגט דעם סיבה, ווייל דעם יו"ט שבועות ווען ער האט געזאגט דעם פסוק (תהילים י"ט י"א) **הַנֶּחֱמָדִים מִזָּהָב וּמִפַּז רָב וּמְתוּקִים מִדְּבַשׁ וְנֹפֶת צוּפִים, איז אים געווארן אזוי זיס אין מויל, אז ער קען נישט סובל זיין קיין שום מאכל.**

• • •

**איינמאל איז דער הייליגער עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע** געווען זייער נישט געזונט, איז דער צדיק וקדוש רבי אורי מסטרעליסק זי"ע געקומען מבקר חולה זיין דעם הייליגען עטרת צבי זי"ע, בשעת ער איז דארט געווען אין זידיטשוב, האט אים דער הייליגער עטרת צבי געזאגט, איך וועל אייך איבערגעבן כוונת פון קר"ש וואס דער אייבערשטער האט מיך מזכה געווען וואס איך אליין האב מחדש געווען, וואס שטייט נישט אין כתבי האריז"ל.

דערנאך האט דער הייליגער עטרת צבי געבעטן פון דעם הייליגען שרף מסטרעליסק, איך וואלט זייער געוואלט הערן וואסערע כוונת איר האט אינזין ביי קר"ש, האט דער הייליגער שרף א שריי געגעבן, **איך האב גארנישט אינזין, נאר איך היל מיך איין אינעם הייליגען בורא כל עולמים, און דאן האט דער הייליגער שרף מסטרעליסק געשריגן שמע ישראל, און דאס איז געווען מיט אזא ברען, אז עס איז אראפ געפאלן א שטיק פונעם דאך.**

• • •

**הרה"ק רבי אברהם אלימלך מקארלין זי"ע האט דערציילט**, אז איינמאל איז דורך דריי טאג וואס דער הייליגער שרף האט נישט געגעסן, און יענע צייט איז ביי א איד קראנק געווארן א קינד, און ווען דער איד האט געטראפן דעם שרף, האט ער געגעבן פארן שרף א רובל אז זיין קינד זאל געזונט ווערן.

גלייך איז דער הייליגער שרף געגאנגען, און געקויפט עסן און זיך געזעצט צו א סעודה, דער קינד ביי דעם איד איז טאקע געזונט געווארן, און ווען דער איד איז געקומען זיך באדאנקען פארן שרף, האט ער געמיינט אז זיכער זיצט דער שרף אין ביהמ"ד און איז מתפלל פאר זיין קינד, אבער ווי פארוואונדערט איז דער איד געווארן, ווען ער האט געטראפן דעם שרף עסן.

ווען דער איד האט געפרעגט פשט פונעם הייליגען שרף, האט דער שרף געזאגט, **אויב איך שטעל מיך זאגן תהילים, איז דאס דאך נישט קיין חידוש אויבן אין הימל, אבער ווען איך זעץ מיך עסן, ווערט א רעש אין הימל, ווייל מען פרעגט, פארוואס עסט דער שרף, און פון ווי האט ער געלט צו קויפן עסן, דאן ברענגט מען ארויף דעם זכות פון דיין מצוה פון געבן די רובל, און דורך דעם איז געקומען דיין ישועה.**

• • •

**איינמאל איז דער הייליגער שרף מסטרעליסק זי"ע** געפארן מיט זיינע תלמידים, אינמיטן וועג איז מען דורך געפארן א וואלד, פלוצלונג האט זיך דער וואגן אפגעשטעלט, די תלמידים האבן נישט פארשטאנען פארוואס, אבער ווען זיי זענען אראפ פונעם וואגן, האבן זיי געזען, א גרויסער בער שטייט פארענט פונעם וואגן, און זיי האבן זיך זייער דערשראקן, **איז די רבי דער הייליגער שרף אראפ פונעם וואגן, און געוויזן זיין שטערן פארן בער און דער בער איז אנטלאפן.**

דאן האט די רבי געזאגט פאר זיינע תלמידים, מיינט נישט **אז דאס איז געווען א מופת, וואס ווי**

**באקאנט האט דער הייליגער שרף נישט געהאלטן פון קיין מופתים, נאר וואס דען, אין די תורה שטייט, אז דער באשעפער האט געזאגט פאר אדם הראשון, "וּמוֹרַאֲכֶם וְחִתְּכֶם יִהְיֶה עַל כָּל חַיַּת הָאָרֶץ".**

האט דער צדיק געזאגט, **אז באמת דארפן די חיות מורא האבן פון דעם מענטש, ווייל דער מענטש האט דאך דעם צלם אלקים, נאר אויב א מענטש זינדיגט ח"ו, פארלירט ער זיין צלם אלקים און זיין קדושה, אבער איך האב ב"ה קיינמאל נישט פוגם געווען אין מיין צלם אלקים, און דערפאר האט דער בער מורא געהאט פאר מיר.**

• • •

**מען דערציילט**, אז אלס יונגערמאן ווען דער שרף האט זיך מסתופף געווען ביים הייליגן רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, האט ער די גאנצע יאר אפ געשפארט געלט, כדי ער זאל קענען קויפן לכבוד סוכות א שיינע אתרוג א הדר.

איין יאר בעפאר סוכות, איז דער צדיק דער שרף געווען אויפן וועג צו קויפן דעם אתרוג, אינמיטן וועג האט ער געטראפן א בעל עגלה וואס די פערד זענען אים געשטארבן, און וויבאלד ער האט נישט קיין פערד, האט ער פארלוירען זיין גאנצע פרנסה, דער בעל עגלה האט זייער געוויינט, ווייל ער האט נישט געוויסט פון ווי ער וועט האבן פרנסה פון יעצט און ווייטער.

דער הייליגער שרף מיט זיין גרויסע אהבת ישראל האט נישט געטראכט קיין מינוט, **נאר ער האט גלייך אהין געגעבן דאס גאנצע אפגעשפארטע געלט פאר דעם איד, אז ער זאל קענען קויפן א נייע פערד, און פארן צדיק איז איבער געבליבן 5 רייניש**, וואס פארשטייט זיך, אז מיט דעם האט ער קיין אתרוג הדר נישט געקענט קויפן, נאר ער האט זיך איינגעהאנדלט א גאר פשוטע אתרוג.

דעם ערשטען טאג יו"ט אינדערפרי ביים דאווענען, האט זיך דער הייליגער שרף געשטעלט אויף מעריב זייט און א ווינקל, **ווייל ער האט זיך זייער געשעמט מיט זיין פשוטע אתרוג**, אבער גלייך נאך שמונה עשרה, האט זיך דער הייליגער רבי אלימלך מליזענסק זי"ע אויס געדרייט, און זיך געגרייט צו בענטשן אתרוג, און דאן האט זיך דער רבי אלימלך אנגערופן, "**דא אין ביהמ"ד געפינט זיך א אתרוג וואס האט א ריח גן עדן, לאמיר עס גיין אויפזוכן**".

דער רבי אלימלך איז ארום געגאנגען דעם גאנצן ביהמ"ד, ביז ער האט געטראפן דעם הייליגען שרף מסטרעליסק זי"ע, און אים געבעטן אויב ער קען בענטשן אתרוג אויף זיין אתרוג, ווייל זיין גרויסע רבי דער צדיק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע האט מרגיש געווען די געוואלדיגע מצווה וואס דער הייליגער שרף האט מקיים געווען קויפענדיג זיין אתרוג.

• • •

**אמאל האט פאסירט**, אז דער הייליגער לב שמח מאלעסק זי"ע, וואס איז נאך דאן געווען א יונגערמאן, האט גאר שטארק געליטן פון א מיחש אויף די לינגען, אז ער האט ממש געשפיגען בלוט, זיין רעבעצין די צדקת מרת פריידא ע"ה איז דאן אריין צו איר מאמע די צדקת מרת מלכה ע"ה, די רעבעצין פונעם הייליגען שר שלום פון בעלזא זי"ע, און זי האט זייער געבעטן די מאמע.

אז זי זאל בעטן דעם טאטן דער הייליגער שר שלום, אז ער זאל זייער בעטן דעם איידעם דעם לב שמח, וואס איז געווען דער בעל תפילה אינעם שוהל פונעם שווער, אז וויבאלד ער איז אזוי נישט געזונט, זאל ער יעצט נישט דאווענען פארן עמוד, וויבאלד דאס איז זייער נישט גוט פאר זיין געזונט, ווייל דאס שטרענגט גאר שטארק אן זיינע לינגען, און די רעבעצין די צדקת מרת מלכה ע"ה איז אריין צום שר שלום און געזאגט, "**פריידאלע בעט מען זאל זאגן אונזער רבי העניך, אז ער זאל נישט דאווענען פארן עמוד, צוליב זיין מצב הבריאות**".

האט דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע געזאגט פאר די רעבעצין בזה"ל, "**מלאכים ושרפים זענען משתוקק צו די תפילות פון אונזער רבי העניך, איז ווי אזוי קען איך אים הייסן נישט דאווענען**", אבער האט דער הייליגער שר שלום געזאגט, ער וועט אי"ה בקרוב זיין געזונט און שטארק.

אפאר וואכן שפעטער איז דער הייליגער לב שמח זי"ע געווען מיט זיין שווער דער הייליגער שר שלום פון בעלזא זי"ע, ביים רבין דער הייליגער צדיק דער שרף מסטרעליסק זי"ע, און ביים טיש

איז דער הייליגער שר שלום געזעסן נעבן דעם שרף מסטרעליסק, און דער לב שמח איז געשטאנען אונטער זיין שווער.

און ווי באוויסט אז דער הייליגער שרף מסטרעליסק זי"ע האט געהאט א מנהג, אריינצולייגן אין די זופ אלע זאלץ און פעפער וואס איז געלעגן אויפ'ן טיש, און ער האט פון דעם געגעסן עטליכע לעפל, און נאכדעם האט ער געגעבן דעם שיסל פאר איינעם פון די אנוועזענדע, און יענער האט געדארפט אויף עסן דאס איבער געבליבענע ביז צום סוף.

יענע וואך האט דער הייליגער שרף מסטרעליסק געגעבן פארן לב שמח דעם טעלער זופ, און דער לב שמח האט דעמאלט גאר שטארק געליטן פון דעם שעדליכער מיחוש, אז ער פלעגט שפייען בלוט ר"ל, און עסענדיג די זופ האט ער געפילט אז דאס עסן שאדט אים ממש, אז ער קען עס מער נישט אויס האלטן, און די ווייטאגען האבן אים געריסן ביים הארץ.

זיין שווער דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע האט אים אבער געמוטיגט, און געזאגט, "**אויב דער סטרעליסקער גיט דיר דאס, וועט קומען פון דעם די רפואה**", טאקע אזוי ווי דער שר שלום זי"ע האט געזאגט, אזוי איז טאקע געווען, ער האט נאכדעם זוכה געווען צו אריכות ימים, און פון דעמאלט האט ער קיינמאל מער נישט געליטן, נישט אויפ'ן הארץ און נישט אויף די לונגען.

• • •

**הרה"ק רבי שלום טויב אב"ד סאסוב זי"ע האט דערציילט**, אז יעדעס מאל דער צדיק הרה"ק רבי יצחק מאלעסק זי"ע, דער הייליגער זון פון הרה"ק רבי חנוך העניך מאלעסק זי"ע האט געברויכט מעורר רחמים זיין אויף סיי וואסערע ישועה, האט ער אזוי ווי זיין גרויסן טאטן זי"ע געשאקעלט זיין בענקל, און מיט דעם האט ער געברענגט א ישועה, און אידן האבן געזען ביי דעם צדיק וקדוש אסאך אפענע מופתים און גרויסע ישועות.

ווען מען האט דעם רבין געפרעגט פשט, האט ער געזאגט, מיטן ארום ריקן דעם בענקל פון פיר פיס, בין איך מעורר דעם זכות פון מיינע 4 גרויסע רבי'ס, הרה"ק **רבי יצחק מנעשכיז** זי"ע, זקנו הרה"ק **רבי מאיר מפרמישלאן** זי"ע, אביו הרה"ק **רבי חנוך העניך בעל לב שמח מאלעסק** זי"ע, זקנו הרה"ק **השר שלום מבעלזא** זי"ע, און מיט דעם איז ער משפיע ישועות.

ווייל דער טאטע זי"ע פלעגט אויך אזוי טון, און דער טאטע פלעגט זאגן, אז ער איז מיט דעם משפיע ישועות דורך מעורר זיין זיינע פיר גרויסע רבי'ס, חתנו הרה"ק **השר שלום מבעלזא** זי"ע, הרה"ק **רבי אורי השרף מסטרעליסק** זי"ע, הרה"ק **רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מראפשיץ** זי"ע, הרה"ק **רבי יעקב יצחק החוזה מלובלין** זי"ע, און מיט די פיר צדיקים ברענגט ער אראפ א ישועה פארן נצרך.

• • •

הרה"ק רבי אורי השרף מסטרעליסק זי"ע איינע פון די גרויסע תלמידים פונעם חוזה, האט אמאל געזאגט בזה"ל.

דער **שטאט לובלין, איז ארץ ישראל**,
דעם **חצר** פון דעם **ביהמ"ד**, איז **ירושלים**,
דער **ביהמ"ד**, איז דער **הר הבית**,
די **דירה פונעם חוזה**, איז דער **עזרה** און דער **היכל**,
דער **חדר מיוחד פונעם חוזה**, איז דער **קודש הקדשים**,
**און די שכינה הקדושה מדברת מתוך גרונו של החוזה מלובלין**.

• • •

**אין ספר דברי אהרן ווערט געברענגט**, אז ווען דער הייליגער שרף מסטרעליסק זי"ע איז נאך געווען א בחור, איז ער געפארן צום הייליגן צדיק **רבי שלמה קארלינער** זי"ע, און ער איז געווען אזוי איבערגענומען פון זיין רבינ'ס הייליגקייט אז ער האט נישט געוואלט אוועקגיין פון דארט.

איינמאל האט אים דער צדיק רבי שלמה קארלינער געזאגט, "**אורי, דו דארפסט שוין אהיים פארן**", האט זיך דער תלמיד רבי אורי צעוויינט און געזאגט, אז ער קען נישט פארלאזן זיין רבינ'ס הייליגע קירבת מקום, האט אים דער קארלינער רבי געזאגט, "**איך פארזיכער דיר, ווען דו וועסט עפענען דעם סידור צו דאווענען, וועל איך שטיין פאר דיינע אויגן, און דער אויבערשטער וועט דיר עפענען די טויערן פונעם עולם התפילה**", און פון יענער מינוט אן איז ביי אים אנגעציינדן געווארן

דער גרויסער פייער פונעם דאווענען, וואס האט געברענט אין אים זיין גאנץ לעבן.

• • •

**אינעם קונטרס מזקנים אתבונן ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז געקומען אן ארימאן צום צדיק דער הייליגער שרף מסטרעליסק זי"ע, און זיך אפגערעדט, אז ער האט נישט קיין שום פרנסה און ער מוז האבן עטליכע גילדן צו קויפן ברויט פאר זיינע קינדער, דער שרף האט אים אנגעקוקט מיט גרויס ליבשאפט און געזאגט, "**ווי נעמט מען דאס אז א מענטש זאל בעטן אזעלכע קלייניקייטן, ווען דו בעטסט פונעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, בעט אים ער זאל דיר געבן דביקות אין אים, בעט אים ער זאל דיר געבן תורה און יראת שמים, ווען מען בעט דעם קעניג, בעט מען דאך די גרעסטע אוצרות**", דערנאך האט דער רבי אים געגעבן די ביסל געלט וואס ער האט יא געהאט אין שטוב, און צוגעלייגט, "**דאס געלט וועט דיר העלפן פאר היינט, אבער פאר דיין נשמה דארפסטו בעטן דעם אייבערשטן אליין**".

• • •

**אין ספר עשר קדושות ווערט דערציילט**, אז דער הייליגער שרף מסטרעליסק זי"ע פלעגט מאכן גרויסע קולות און תנועות בשעת'ן דאווענען, מיט א געשריי וואס האט אויפגעציטערט די הערצער פון אלע ארומיגע, האט אים איינמאל איינער געפרעגט, פארוואס ער שרייט אזוי שטארק ביים עמוד.

האט אים דער הייליגער שרף געענטפערט מיט א פשטות, "**ווען א מענטש גייט אריין אין א וואלד און זעט ווי מען פירט אוועק געפאנגענע מענטשן אין קייטן, שרייט ער דען שטילערהייט, פארקערט, מען שרייט מיט אלע כוחות צו ראטעווען די געפאנגענע, אזוי אויך ביים דאווענען, פליען ארום אומצאליגע נשמות וואס ווארטן אויף א תיקון, און דורך די תפילה מיט מסירת נפש מוז איך שרייען און ראטעווען די נשמות זיי זאלן קענען צוריקגיין צו זייער שורש**".

• • •

**אין ספר עשר צחצחות ווערט געברענגט**, אז איינמאל יום הקדוש פאר כל נדרי, ווען דער צדיק וקדוש רבי אורי השרף מסטרעליסק זי"ע איז געשטאנען ביים עמוד צו דאווענען, און דער תלמיד רבי יהודה צבי מסטרעטין זי"ע איז ארומגעגאנגען אין בית המדרש מיט א גרויסער פלאם, **און ער האט נישט געהאט קיין שמעק-טאביק צו שמעקן, און ער האט געהאט דערפון א בלבול הדעת, וואס ווי באוויסט האבן די צדיקים מיט א שמעק טאביק אויפגעטון גאר געהויבענע זאכן**, איז געווען איין חסיד דארט אין ביהמ"ד וואס האט געזען דעם בלבול הדעת פונעם צדיק רבי יהודה צבי, **און האט אים דערלאנגט טאביק**.

דאס האט גאר שטארק מחי' געווען דעם צדיק, האט ער דעמאלט געזאגט פאר דעם חסיד, "**איך וועל דיר ווייזן איין זאך**", דער צדיק רבי יהודה צבי האט ארויפגעלייגט **א טיכל אויף די אויגן פון דעם חסיד**, און יענער האט דערזען, "**אז אויפן ארט וואו דער רבי רבי אורי השרף מסטרעליסק איז געשטאנען, איז געווען א פייערדיגער זייל וואס האט דערגרייכט ביזן הימל, און דער גאנצער בית המדרש איז געווען פול מיט נשמות מעולם העליון**", דער חסיד האט פאר גרויס שרעק און פחד גע'חלש'ט, האט דער צדיק רבי יהודה צבי אראפגענומען דאס טיכל פון זיינע אויגן, און דער חסיד האט מער נישט געזען.

• • •

**אין ספר עשר צחצחות ווערט געברענגט**, אז עס איז מקובל בשם א הייליגן מאן, אז דער טעם פארוואס דער צדיק רבי אורי "**השרף**" מסרעליסק זי"ע ווערט גערופן ביי יעדן מיטן נאמען "**דער שרף**", איז צוליב א מעשה וואס האט פאסירט ווען ער איז נאך געווען גאר יונג.

אין א דערפל נאנט צום שטעטל ווי דער שרף האט געוואוינט, האט געוואוינט אן אלטער חסיד, זיין נאמען איז געווען **רבי אייזיק**, און ער פלעגט שטענדיג פארן אויף **ראש השנה צום הייליגן חוזה מלובלין** זי"ע, ווען דער צדיק דער שרף מסטרעליסק איז מפורסם געווארן, האט דער חסיד ר' אייזיק זיך געפירט, **צו זיין ביים שרף אויך יעדעס מאל אום ראש חודש אלול, פארענדיג נאכדעם קיין לובלין אויף ראש השנה**.

דער מנהג פונעם הייליגן סטרעליסקער איז געווען, זיך ארום צו דרייען און נאכצוקוקן און משגיח זיין אויף זיינע מענטשן יעדע נאכט אין זיין בית מדרש, און ער פלעגט גיין אהין און צוריק אין זיין בית מדרש, דער אלטער חסיד ר' אייזיק מיט

זיין גרויס התקשרות צום צדיק מסטרעליסק, האט נישט אראפגענומען זיינע אויגן פון קוקן אויפן צדיק'ס פנים זעענדיג זיין הייליג פנים "**כראות פני אלקים**", און עס האט אים אויסגעזען אז ער זעט אויף אים די געשטאלט ממש פון פארנט און פון הינטן ווי עס שטייט אין תהילים "**אָחוֹר וָקֶדֶם צַרְתָּנִי**", די גאנצע צייט וואס דער הייליגער סטרעליסקער איז געגאנגען קעגן אים און ווען ער האט זיך צוריקגעדרייט.

דער חסיד ר' אייזיק איז זייער ערשטוינט געווארן פונעם מחזה, נאר פון גרויס פחד פונעם צדיק האט ער מורא געהאט אים צו פרעגן דערוועגן, ער האט אבער ביי זיך אפגעמאכט דאס צו דערציילן פאר זיין רבי'ן אין לובלין ווען ער וועט זיין דארט אויף ראש השנה, אבער למעשה איז דער חסיד געווען אין לובלין אויף ראש השנה, און ער האט אינגאנצן פארגעסן פונעם גאנצן שרעקליכן חזיון וואס ער האט געזען און וואס ער האט געפלאנט צו דערציילן פאר זיין רבי'ן.

ווען דער יום טוב ראש השנה איז פאראיבער און דער חסיד ר' אייזיק איז אריין באקומען א ברכה פון זיין רבין דער הייליגער חוזה פארן אהיימפארן, האט זיך דער הייליגער חוזה אנגערופן צו אים, "**דו וואוינסט דאך נאנט צו סטרעליסק, ווען דו קומסט אהיים זאלסטו פרעגן פונעם הייליגען סטרעליסקער אין מיין נאמען אויף זיין שלום, און זאג אים אז איך ווייס אז ער פארמאגט צוויי פנימ'ער**".

דאן האט זיך דער חסיד דערמאנט און דערציטערט געווארן, און געזאגט פארן הייליגען חוזה, "**רבי! באמת האב איך עס אליין געזען, און מיין כוונה איז געווען דאס צו דערציילן פארן רבין**", האט דער הייליגער חוזה אים געענטפערט, "**רבי איד, איך האב דאס אויך געוואוסט, נאר זאג אים אזוי ווי איך האב דיר געהייסן**", ווען דער חסיד איז אנגעקומען קיין סטרעליסק, האט ער אויסגעפירט זיין שליחות און איבערגעגעבן די גריסן און די ווערטער פון זיין רבי'ן פון לובלין, האט אים דער הייליגער סטרעליסקער געענטפערט, "**נישט אזוי איז עס, נאר גאר פיר פנימ'ער פארמאג איך, אזוי ווי עס שטייט געשריבן** (יחזקאל א, ו) "**וְאַרְבָּעָה פָּנִים לְאֶחָת**" **(און פיר פנימ'ער צו יעדער איינער)**", און צוליב דעם טעם רופט אים די וועלט מיטן נאמען "**דער שרף**".

• • •

**אינעם ספר תולדות יצחק פונעם גאון הצדיק רבי יצחק אייזיק ווייס מסוואליווע זי"ע שטייט** בזה הלשון, "**איך האב געהערט בשם דעם הייליגן רבי'ן, מורנו הרב רבי אורי מסטרעליסק זי"ע**", אז איין מאל האט מען אים געגעבן קאווע צו טרינקען, און מ'האט אים אויך געגעבן א שטיקל צוקער זיס צו מאכן די קאווע, **האט דער הייליגער סטרעליסקער זי"ע גענומען דעם צוקער און אים געהאלטן אין זיין האנט, און מיט זיין צווייטער האנט האט ער געטרונקען די קאווע אן צוקער, דערנאך האט ער געעפנט זיין האנט און געוויזן פאר די מענטשן וואס זענען געווען ביי אים דאס שטיקל צוקער, ווי עס איז געווארן סתם א שטיק ערד (עפר בעלמא) אן קיין שום זיסקייט אין דעם, און עס איז געווען א גרויסער וואונדער אין זייערע אויגן**.

האט דער הייליגער סטרעליסקער זי"ע צו זיי געזאגט, די סיבה דערצו איז, ווייל עס שטייט דאך געשריבן (תהלים לח, ד) "**אֵין שָׁלוֹם בַּעֲצָמַי מִפְּנֵי חַטָּאתִי**", ווייל דער טעם פארוואס עס איז פאראן א טיילונג און חילוק צווישן די כוחות הנפש אין א מענטשנ'ס גלידער און חושים, כאטש וואס אלע זענען צונויפגעשטעלט פון די פיר יסודות און האבן איין איינציגן חומר, דאס איז צוליב דעם חטא פון אדם הראשון, וואס דערפאר איז נישט פאראן קיין שלום צווישן זיי, און דאס איז די סיבה פארוואס מען קען נאר זען דורכן אויג און הערן נאר דורכן אויער, און אזוי אויך ביי די איבעריגע חושים, **אבער דער וואס פארריכט אלע זינד אינגאנצן ביזן שורש פון זיין נפש, ביזן חטא פון אדם הראשון, ווערט ביי אים א שלום אין זיינע גלידער און ביינער, און דערפאר האט ער ארויסגעצויגן די גאנצע זיסקייט פונעם צוקער, כאטש עס איז בכלל נישט אריינגעקומען אין זיין מויל**.

• • •

**אינעם ספר אמרי קדוש ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז געקומען צום הייליגן שרף מסטרעליסק זי"ע א איד א סוחר, וועלכער איז געווען פארביטערט און צובראכן, דער איד איז פארפאלן געווארן אין טיפע חובות, און די

רעגירונג האט אים געוואלט אריינוווארפן אין תפיסה פאר לאנגע יארן, ער האט געוויינט פארן רבי'ן מיט ביטערע טרערן אז ער זעט נישט קיין שום וועג ארויס און זיין גאנצע לעבן איז ח"ו חרוב.

דער שרף האט אים אויסגעהערט, געטומען זיין האנט און געזאגט, "**הער זיך איין, ווען יוסף הצדיק איז געווען אינעם טיפן גרוב אן קיין שום מענטשליכע האפענונג, פון וואו איז געקומען זיין ישועה, נאר פונעם אויבערשטן אליין, ווען אלע טירן פארמאכן זיך, עפנט דער אייבערשטער א טיר וואס קיין שום מענטש קען זיך נישט פארשטעלן, לייג אוועק אלע דיינע דאגות, און גלייב מיט א פשוטע אמונה, אז דער בורא עולם קען דיר העלפן אין איין רגע, און גיי אהיים בשלום**".

דער סוחר איז אהיימגעפארן מיט א בארואיגט הארץ, און באמת געגלייבט אז דער באשעפער וועט אים בקרוב ברענגען די ישועה, קוים עטליכע טעג שפעטער איז געקומען א פרעמדער קונה פון א ווייטע מדינה און אפגעקויפט זיין גאנצע סחורה פאר א גאר הויכע פרייז, אסאך מער ווי עס איז געווען ווערט, און דער סוחר האט באצאלט אלע חובות און איז געראטעוועט געווארן פון ח"ו ברויכן גיין אין תפיסה.

• • •

**אינעם ספר עשר קדושות ווערט דערציילט**, אז עס איז געווען א מעשה מיט א חסיד, וואס זיין איינציג קינד איז שווער קראנק געווארן, ביז די דאקטוירים האבן שוין אויפגעגעבן און געזאגט אז עס איז מער נישט דא וואס צו טון, דער פאטער איז געלאפן מיט זיינע לעצטע כוחות קיין סטרעליסק און זיך געווארפן צו די פיס פונעם רבי'ן מיט בכיות נוראות, און געבעטן דעם רבין זאל אים העלפן מיט א ישועה.

דער הייליגער שרף איז יענע שעה צוגעגאנגען צום עמוד און אנגעהויבן דאווענען מנחה, און ער האט געזאגט די ווערטער "**רופא חולים**" **מיט אזא ברענענדיגע השתפכות הנפש, קולות און טרערן, אז אלע אנוועזענדע אין בית המדרש האבן געציטערט פאר גרויס שרעק**, נאכן דאווענען האט זיך דער רבי אויסגעדרייט צום טאטן און געזאגט מיט א שטילע זיכערקייט, "**פאר שוין צוריק אהיים, פון הימל האט מען שוין געשיקט א רפואה שלימה פאר דיין קינד**", ווען דער פאטער איז אנגעקומען אהיים, האבן אים די בני בית דערציילט, אז פונקט אין יענע שעה ווען דער רבי האט געדאווענט מנחה, איז דער היץ פונעם קינד געפאלן און ער האט געעפנט די אויגן און פארלאנגט צו טרינקען.

• • •

**אינעם ספר בית אהרן ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז א גרופע חסידים געפארן אויפן וועג צום רבי'ן דער הייליגער שרף מסטרעליסק זי"ע אויף יום טוב, אינמיטן וועג, אין א טיפן טונקעלן וואלד, האבן זיי זיך אנגעשטויסן אין א באנדע שעדליכע גנבים און רויבערס וואס האבן ארומגערינגלט דעם וואגן מיט געווער.

די חסידים זענען געווען דערשראקן צום טויט, דער עלטסטער חסיד צווישן זיי האט אויסגעשריגן מיט גרויס כוונה, "**רבי, זעט וואו מיר האלטן**!", **און זיי האבן זיך אלע מתדבק געווען אין דער צורה פונעם שרף**.

פלוצלונג האבן די רויבערס אנגעהויבן לויפן אין אלע זייטן פאר גרויס פחד און שרעק כאילו זיי זעען א גאנצע מיליטער קומען קעגן זיי, און זיי האבן איבערגעלאזט דעם וואגן אומבארירט, ווען די חסידים זענען ענדליך אנגעקומען קיין סטרעליסק און אריין צום רבי'ן, האט דער הייליגער שרף זיי אנגעקוקט מיט א שמייכל און געזאגט, "**פארוואס האט איר אזוי מורא געהאט אינעם וואלד, דער וואס פארט צום צדיק איז ארומגענומען מיט מלאכי רחמים, און קיין שום בייזער מענטש קען אים נישט שאטן**".

• • •

**אינעם ספר עשר קדושות ווערט דערציילט**, אז דער הייליגער שרף מסטרעליסק זי"ע האט פון זיין יוגנט אן געהיטן זיינע אויגן מיט א געוואלדיגע קדושה, ער פלעגט גיין איינגעבויגן צו דער ערד און קיינמאל נישט אויפגעהויבן די אויגן אויף דער גאס, איינמאל איז ער געגאנגען מיט זיינע תלמידים אין א שטעטל, און א רייכער פריץ איז דורכגעפארן מיט א גרויסן פראכט-וואגן באצירט מיט שפיגלען, פערד און באדינער, און יעדער אויף דער גאס האט זיך אפגעשטעלט צו באוואונדערן די שיינקייט, דער שרף איז אבער דורכגעגאנגען שנעל אן קיין שום בליק צו דער זייט.

ווען זיי זענען אנגעקומען אין בית המדרש, האט א תלמיד אים געפרעגט צי ער האט באמערקט דעם גרויסן פראכט, האט דער הייליגער שרף געענטפערט מיט פשטות, "**א מענטש וואס גייט אין א גארטן פול מיט שטעכעדיגע דערנער, קוקט ער דען ארום אויף די ביימער, ער קוקט נאר אונטער זיינע פיס נישט צו ווערן געשעדיגט, אויף דער וועלט זענען פאראן אזויפיל נסיונות און קליפות, מוז מען אכטונג געבן אויף יעדן טריט נישט צו פארלירן די ריינקייט פון די אויגן און די מחשבה**".

• • •

**אינעם ספר אמרי קדוש ווערט געברענגט**, אז די קדושה פונעם רבינ'ס עסן איז געווען העכער פון מענטשליכן שכל, ער פלעגט כמעט גארנישט הנאה האבן פון די מאכלים, און אלעס איז געווען ריין לשם שמים צו געבן חיות פארן גוף כדי צו קענען דינען דעם בורא עולם.

איינמאל האט די רעבעצין צוגעגרייט א מאכל און עס איז אויסגעקומען זייער געזאלצן און אוממעגליך צו עסן, דער שרף האט זיך געוואשן די הענט, געגעסן דעם גאנצן טעלער מיט א פנים פול מיט יראת שמים, און געבענטשט ברכת המזון מיט גרויס כוונה אן קיין שום באמערקונג.

שפעטער האט די רעבעצין טועם געווען פון דעם מאכל און געזען אז מען קען עס ממש נישט פארזוכען, זי האט געפרעגט דעם רבי'ן מיט וואונדער, "**וויאזוי האט דער רבי דאס געקענט אויפעסן אן זאגן א ווארט**", האט דער הייליגער שרף געענטפערט מיט אן אמת'ער תמימות, "**ביי מיר איז דער טעם פון עסן נאר די כוונות און די הייליגע ברכה, צו עס איז זיס, זויער אדער געזאלצן מאכט ביי מיר קיין שום חילוק, ווייל דער גוף דארף בלויז באקומען זיין חיונה צו קענען שטיין פארן אייבערשטן**".

• • •

**אינעם קונטרס מזקנים אתבונן ווערט דערציילט**, אז ווען שבת קודש פלעגט קומען, איז דער שרף געווארן אינגאנצן אן אנדערע מענטש, זיין פנים האט געלאכטן מיט א לעכטיגקייט וואס מען האט ממש מורא געהאט אנצוקוקן, און מען האט געזען אויף אים א ליכטיגקייט ווי פון א מלאך השם צבקות, און דער צדיק איז ממש געווען אויסגעטון פון דעם עולם הגשמי און געברענט מיט א הייליגע ברען.

דער צדיק רבי יהודה צבי מסטרטין זי"ע האט דערציילט, אז פרייטאג צונאכטס ביים זאגן "**לכה דודי**" און "**בואי בשלום**", איז דער רבי געשטאנען מיט א פייערדיגן פנים און די אויגן זענען געווען פארמאכט, זיין גאנצער גוף האט געציטערט פון יראת הרוממות, אז ווער עס איז געשטאנען לעבן אים האט געשפירט אן אמת'ע פחד פונעם שכינה'ס ליכטיגקייט וואס האט גערוהט אינעם צימער, **מען האט געקענט שפירן מיט די הענט אז קיין שום זאך פון דער גשמיות'דיגער וועלט עקזיסטירט נישט יענע מינוט, נאר דער שבת קודש אליין**.

• • •

**אין סיפורי אנשי שם ווערט דערציילט**, אז עס איז געווען א חסיד וואס האט שוין געלעבט מיט זיין ווייב קרוב צו צוואנציג יאר אן קיין קינדער, זיי האבן אויסגעגעבן אלע זייערע געלטער אויף דאקטוירים און זענען ארומגעפארן צו פארשידענע צדיקים, אבער די ישועה איז נאכנישט געקומען, אין זיין גרויס פארצווייפלונג איז ער געקומען צום הייליגען שרף מסטרעליסק זי"ע און זיך צעוויינט ביטערליך אינעם קוויטל שטוב.

דער הייליגער שרף האט אים אנגעקוקט מיט זיינע טיפע, ברענענדיגע אויגן און מיט גרויס רחמנות און געזאגט, "**גיי אריין אין בית המדרש, שטעל זיך ביים ווינקל און הער זיך גוט צו צום דאווענען, ווען איך וועל אנקומען צו די ווערטער "שומע תפילה", זאלסטו אינזינען האבן מיט דיין גאנצן הארץ אז דער אייבערשטער הערט יעדעס געבעט פון א צובראכן הארץ**".

דער חסיד האט אזוי געטון, אינמיטן שמונה עשרה האט דער רבי אויסגעשריגן, "**כי אתה שומע תפילת כל פה עמך ישראל ברחמים**" מיט אזא יאמערליכן געשריי, **אז דער חסיד האט געשפירט ווי זיינע אלע איברים צעגייען פון התעוררות און ער האט געוויינט מיט הייסע טרערן**, נאכן דאווענען האט דער שרף אים גערופן און געזאגט, "**דיין געבעט איז ארויפגעגאנגען גלייך צום כסא הכבוד, אויף קומענדיגן יאר וועסטו האלטן א בן זכר אין די**

**הענט**", פונקט א יאר שפעטער איז ביי דעם חסיד געבוירן געווארן א געזונט אינגעלע, און ער האט אים געברענגט קיין סטרעליסק אויפן ברית.

• • •

**אינעם ספר אמרי קדוש ווערט געברענגט**, אז אין איין שטעטל לעבן סטרעליסק האט דער לאקאלער פריץ ארויסגעגעבן א שווערע גזירה אויף די אידישע קרעטשמערס און זיי געוואלט פארטרייבן פון זייערע הייזער אינמיטן דעם קאלטן ווינטער, די ראשי הקהילה זענען געלאפן צום רבי'ן און געברענגט די שרעקליכע בשורה.

דער הייליגער שרף האט גארנישט געענטפערט אויפן מאמענט, ער האט אנגעטון זיין טלית און תפילין, זיך געשטעלט צום עמוד און אנגעהויבן זאגן קבלת עול מלכות שמים און קריאת שמע מיט מסירת נפש ממש, קלאפנדיג אויפן ברוסטקאסטן מיט גרויס פייער, ווען ער האט געענדיגט, האט ער זיך אויסגעדרייט צו די עסקנים מיט א שמייכל און געזאגט, "**דער כוח פונעם גוזר איז בטל געווארן, ער האט שוין מער קיין שליטה נישט**", יענעם נאכמיטאג איז אנגעקומען די בשורה טובה, אז דער פריץ איז פלוצלונג איבערגעפאלן געווארן מיט א פחד און חרטה, ער האט פאררופן די אידישע פארשטייער צו זיין פאלאץ, און אינגאנצן מבטל געווען דעם בייזן באפעל.

• • •

**אינעם קונטרס מזקנים אתבונן ווערט דערציילט**, אז א פשוטער איד א בעל עגלה איז געקומען צום רבי'ן דער הייליגער שרף מסטרעליסק זי"ע, וויינענדיג אז זיין איינציג פערד, אויף וואס זיין גאנצע חיונה איז געשטאנען, איז געפאלן און געשטארבן, און ער האט נישט קיין שום מעגלעכקייט צו שפייזן זיין הויזגעזינד מיט ברויט.

האט דער הייליגער שרף געזאגט צו אים מיט גרויס ווארעמקייט, "**גלייב מיר, דער אייבערשטער שפייזט נישט דעם מענטש דורך דעם פערד, נאר דורך זיין אייגענעם גרויסן חסד, פאר אהיים אן קיין שום דאגות, און זעה וואס דער בורא עולם וועט טון**", דער בעל עגלה איז אהיימגעגאנגען פול מיט בטחון, קוים עטליכע שעה שפעטער האט א רייכער קונה געקלאפט אויף זיין טיר און געזוכט און ארנטליכן ערליכן איד צו פירן זיין גרויסן וועראהוז פאר א שיינע געהאלט, דער איד האט באקומען א פיל בעסערע און לייכטערע פרנסה ווי ער האט ווען אמאל געהאט.